1 דור-

(אין דער אויסזאָגל גייט און אין
אויפמערקזאַמקייט שטייט באַזונדער און נאָך ווערב).

ד ו ר כ =... קאָנווערב, גיט צו דעם גרונטווערב פאַרשיידענע באַטייטן אָדער ניואַנסן, צווישן אַנדערע: 1)א באַוועגונג דורך עפּעס, אויף דורך און דורך, צווישן עפּעס, למשל: __דורכרינען__(דורך א שפּאַלט), __דורכשטופּן__ (דורך אַ לאָך), __דורכזיפּן__ (דורך אַ רעשעטאָ); 2) ווירונג אַ דאנק וועלכער ס'ווערט געשאפן אַן עפּענונג, א שפּאַלט, א פּאַרטיפונג, למשל: __דורכברעכן__, __דורכבויערן__, __דורכגראָבן__;

3) א באַוועגונג לעבן/פּאַרביי עפּעס, למשל: __דורכלויפן__, __דורכפּאָרן__, __דורכשלייפן זיך__; 4) פּאַרענדיקטקייט פון דער טוּונג, למשל: __דורכקוקן__, __דורכזינגען__, __דורכמעסטן__; 5) דאָס פּאַרענדיקן די טוּונג, וואָס געדויערט א באַשטימטע צייט. למשל: __דורכזיצן__ (א גאַנצע נאַכט), __דורכלויפן__ (עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד). 6) פולקייט, פולשטענדיקייט פון דער טוּונג, למשל: __דורכוואַרעמען__, __דורכפּעטשן__, __דורכנעצן__.

ד ו ר ך – פּרעפּ., פּפּ. אַדורך, טייל מאָל צוזאַמען מיטן

רעדוצירטן אַרטיקל, "דעם": דורכן.

1. קומט צו א סובסטאַנטיוו (איך דאַטיוו) [אָדער פּראָנאָם], וואָס ווייזט

~~אַן איין זייט/טייל פון דעם אָרט און ענדיקט זיך~~

אויף דער צווייטער זייט. % פֿאָרן דורך א בריק.

גיין דורכן פּאַרק. דאס וואַסער פּלייצט דורך די רערן.

דער וועג ציט זיך דורך וועלדער און בערג. זיי פּליען

קיין ניו-יאָרק דורך אַמסטערדאַם.

1858 " |...| איז אריינגעקומען דורך דער קאַמערטיר

1/1 איין מיידל, |...| ווונדער שיין פון געשטאַלט |...|".

אנ, מסדר אגרת, ז' 108.

1873 " פון דאָרט האָט מיך דער אַשמדאי געפירט דורך

2/1 א שפּאַלט צווישן סקאַלעס|...|". מענדעלע, 1, קאַנק 347090.

1916 " |...| אַרומגעלאָפן מיט גערגעלע גנב, גערייצט דעם גלחס

3/1 הינט דורך די גראַטעס". שלום-עליכם, 121,37.

1930 " דורכן דאך האבן ארייננגעשיינט די זון, די לבנה
און די שטערן". איינהארן, 7, 245. 4/1

1970 " |...| נאך יארן געשליידער פון לאנד צו לאנד,
דורך געטאס, קאצעטן און טויטנמארש". י. קאפלאן, 5,2. 5/1

2. קומט צו א סובסטאנטיוו / פראנאם, וואס ווייזט אויף דעם
מיטל, אופן, פערזאן, מיט דער הילף פון וועמען/וועלכן
ס'ווערט אויסגעפירט א טוונג. % דאס פעקל שיקט ער
דורך דער פאסט. דורכן ראדיא האט מען איבערגעגעבן
וויכטיקע נייעס. די דירה האט ער געקויפט דורך א מעקלער.
זיי האבן זיך פארשטענדיקט דורכן טעלעפאן. דעם וויין
לייטערט מען דורך אפזייען.

|אנהייב XIX| " צום סוף האבן אלע דורך דער באנק //
דאס דאזיקע צווישן זיך אפגעקלערט,// אז זיי זענען דורך
דעם אזוי קראנק,// ווייל זיי זענען זייער נישט ווערט". 6/1
עטינגער, 3, 214.

1888 " אַט מיט אַזעלכע מיני מימראס און נאָך אַזעלכע
7/1 פּזמונות פּלעגט ער אַלץ אײַנריידן רפאלן, ער זאָל מאַכן
דורך אים געשעפּטלעך מיט קרעמערס". מענדעלע, 3, 175.

... " |...| אַזוי אַלע ווײַבער ווײַנען און באַקלאָגן זיך
8/1 אויף זייערע צרות, גיסן אויס זייער ביטער האַרץ דורך
טרערן". שלום=עליכם, 7א, 109.

1919 " אונדזער פֿאָלק דאַרף דורך אַן אייגן לאַנד באַפרידיקן
9/1 די אַנגעווייטיקטע באַדערפֿעניש פֿון זײַן לעבן".
ציט זשיטלאָווסקי, 9, 187.

1935 " דער גענעטיקער ווערט אין דער זעלבער צײַט גראָבן
10/1 דעם טונעל פֿון דער צווייטער זײַט, למשל דורך שטודירן
איינאייִקע צווילינגען". מ. ווײַנרײַך, 3,29.

1953 " ווילן מיר דאָס אַלץ דערגרייכן דורך אָפּשאַפֿן די
11/1 אַנאָמאַליע, אויף וועלכער די געשיכטע האָט אונדז פֿאַראורטיילט
|...|". ה. גרינבערג, 2, 225.

3. (עלט) קומט צו אַ סובסטאַנטיוו אָדער פּראָנאָם, וואָס ווייַזט אויף סיבה, מאָטיוו, גרונד, גורם פֿון אַ טוּונג, צוליב וואָס/וועמען, אַ דאַנק וועמען/וואָס עפּעס ווערט געטאָן, געשעט. % זיי זייַנען רויִנירט געוואָרן דורך דער שׂריפֿה. דורך אַ צופֿאַל האָט ער זיך געראַטעוועט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע. נאָר דורך אים איז זי געהאָלפֿן געוואָרן. ער איז געוואָרן אַ חשוב איך שטאָט דורך זייַן עשירות.

1819 " דורך זיין מתנה ווערט ער אפּט נאָך מעהר דאס

12 הארץ אן". איבז לעפֿין, קהלת, ז - 7.

1873 " נישט איין גראָף איז דורך זיי געוואָרן אַ הונט,

13/1 א וואָלף, א בער, וואָס האָט געריסן, געוואָרגן מענטשן|...|".

מענדעלע, 1, קאַנק 49010.

1916 " איך וויל נאָך דורך אַנדערע סיבות טאַקע נישט מאַכן

14/1 קיין 'שמחה' איך באַלעכאָוו. איך דאַרף נישט געבן אָנצופּרעסן קליינשטעטלדיקע יידן, כּדי זיי זאָלן דערנאָך כּוח האָבן צו באַרעדן". זילבערבוש, 1, 22.

1967 " גלאוקאמא – אן אויגן=קראנקייט, ווען דאס אויג קען

ניט זען גוט און איז פארווישט, פאראורזאכט **דורך** א 15/1

געהעכערטן דרוק אין אויג". <u>גלען, 1.</u>

4. קומט איך א פאסיוון זאץ צו א סובסטאנטיוו/פראנאם,

וואס איז דער ~~אייגנטלעכער~~ פּאַרטייִשער סוביעקט~~(איך אקטיוון~~

~~זאך וואלט ער געווען דער סוביעקט)~~. % דאס הויז איז

געבויט **דורך** א בארימטן ארכיטעקט. דער עראפלאן איז

פארכאפט געווארן **דורך** טעראריסטן. דער עניך איז **דורך**

אים שוין אויפגעקלערט געווארן.

|1819| " |...| דאס האב נור צו פארדאנקין דעם שטיקל

גלאז וואס איז **דורך** דעם בעשט צעבראכן געווארין". 16/1

<u>פערל, 1, 39.</u>

1873 " |...| גאנצע שטעט זענען נעבען **דורך** זיי איבערגעקערט

געווארן אין טשערעדעס שאף |...|". <u>מענדעלע, 1, קאנק 49340.</u> 17/1

" |...| זיינע געפילן זענען פאראליזירט |...| 1905

18/1 דורך די פאלשע ציוויליזאציע און דומע מאדעס".

יאנישעווסקי, 1.

" און איך |גאט| וועל געערלעכט ווערן דורך פרעהן 1941

19/1 און דורך זיין גאנצן חיל". תרגום יהואש, שמות, יד - 4.

" |...| ווייל ארן האט מיך גאר געארט, פאר וואס 1966

20/1 דאס קלאר ווייס פון אט דעם שניי צעטראטן ווערט דורך

גראבעשיק". האליקן, 4, 39.

5. קומט צו א סובסטאנטיוו, וואס ווייזט אן אויף צייט, משך, דויער פון א טווּונג. % דורך יארן האט ער זיך גוט איינגעניט אין דער מלאכה. דורך א יארצענדליק איז די באפעלקערונג שטארק געשטיגן. דורך דער צייט האבן זיי זיך צוגעפאסט צו דעם שווערן קלימאט.

1898 " אַצינד וועט ער שוין מיט גאָטס הילף אויסברעכן,

וואָס ער האָט אָנגערויבט דורך |טעקסט: דארך| פֿיל יאָרן". 51

אויפֿערקיס, 1, 80.

1913 " בין איך דיר דורך צוויי יאָרן געוואָרן אַזוי פֿרעמד,

אַז דו קאָנסט מיר שוין נישט אַנטרויען און אַראָפּרעדן זיך 15

פֿאַר מיר?". י. האַלפּערן, 1, 15.

... " און גראָ דורך נאַכט געוואָרן זען אונדזערע חשבונות |...|".

סוצקעווער, 3, 246. 21/1

1972 " האָט זי געגעסן דורך דער צײַט? געטרונקען?" .

צאַנין, 3, 208. 32

6. אין דער פֿונקציע פֿון אַ קאָנווערב בײַ אַ סך אַפּשטאַמיקע ווערבן, ~~און~~ גיט צו דעם גרונטווערב פֿאַרשײדענע נײַע באַטײַטן (אין דער איצטיקער צײַט און אין אימפּעראַטיוו שטייט דער קאָנווערב באַזונדער און נאָכן ווערב).

% דורכאַרבעטן, דורכברעכן, דורכלאָזן, דורכפֿליען.

76. אַדוּוערביש, אין פֿאַרבינדונג מיטן הילפֿסווערב "זײַן", עליפּטיש במקום אַ ווערב מיטן קאַנווערב "דורך".

% די באַן איז שוין דורך מיט אַ שעה צוריק (אַנשטאָט "איז "דורכגעפֿאָרן"). די פֿאָרשטעלונג איז דורך מיט מיט הצלחה (אַנשטאָט "איז דורכגעגאַנגען"). דער ווינטער איז שוין דורך בשלום. ס'איז דורך אַ היפּשע צײַט, ביז ער האָט געקריגן אַ פּאַסיקע אַרבעט.

1926 " ער האָט באַמערקט, אַז זי איז עטלעכע מאָל דורך דעם זאַל, וואָרפֿנדיק אויף אים 'אײַגעלעך', און איז צוריק אַרויס". אַפּאַטאָשו, 5, 80.

1959 " פֿאַרבײַ אונדז איז אַדורך אַ שוואַלב אין געפֿליטער". שאַרגעל, 1, 138.

.87 אדוועֶרב. (עלט) איך גאַנצן, פֿולשטענדיק, אַלץ; דורכויס.

1886 " אין דער היים וואַלט איך זיך געגעבן אַן עצה, אָבער
75 דאָ איז אַזאַ מקום, ווו עס זענען דורך ערלים, וואָס איך
פֿאַרשטיי ניט זייער לשון". מ. שימענאָוויץ, פּער 74, נ׳ 13, ז׳ 196.

1905 " וויסטע ייִדישע נשמות,// אַנגעזעטיקט דורך מיט
23/1 צרות |...|". ליעסין, 1, 71.

... " דאַך דאַרף זיין שכל אויסרעכענען, אַז דאָס איז קיין
38 תכלית |צו| פֿאַרברענגען זיין לעבן דורך אין הבל".
איבן שנ, מחזור, 6, 35.

0 אויף דורך - אדוו פֿר. דזוו דורך, ב׳ 8.

% ער קען יענעמס כאַראַקטער ~~דורך און~~ דורך.

1956 " ער האָט באַצויבערט יעדן איינעם מיט זיין שטים,//
24/1 איעדן איינציקן אויף דורך אַדורכגעדרונגען".
מאַרקיש, 10, 254.

(אויף דורך און דורך - אדוו פֿר. 1. דזוו דפֿוו,

מער עמפֿאַטיש.

1911 " אויגן - פֿייַער, נעמען דורך און דורך,

בריען די נשמה, צעקאָכן דאָס בלוט". מענדעלע, 9, קאנק 106300. 25/1

1937 " ער |מ. ספּעקטאָר| איז געווען אַ לעבנס=געניסער

דורך און דורך", |...| נישט געמאַטערט זיך צו פֿיל 26/1

מיט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פֿון לעבן". אלחנן צייטלין,

1, 498.

1953 " בלײַבן די ייִדן אַן אייגנאַרטיק פֿאָלק הויפּטזעכלעך

דערפֿאַר, וואָס זיי אַליין ווילן דאָס - ווײַל זיי 117

זײַנען דורך און דורך פֿאַרדיבוקט מיט געשיכטע".

ח. גרינבערג, 2, 32.

(פון אַכּלס.)

2. דורך דער גאנצער ~~גאַנצער~~ גרעס, פון איין זײַט ביז צו דער אַנדערער. % די שפּיז איז אַרײַן אויף דורך און דורך.
מע האָט אים געשטאָכן די ברוסט דורך און דורך.

דורך=און=דורכיק - אַדי. (שנש) פֿולשטענדיק, דורכויסיק.

1949 " איז דען נישט אונדזער גאַנצע גלות=עקזיסטענץ
112 גופֿא אַ דורך=און=דורכיקער אומהפּסקהדיקער ווידערשטאַנד=אַקט?".
עפּרויקין, 1, 8.

... " ביז עס איז אין אים צײַטיק געוואָרן אַ דורך=און=דורכיקע
118 הארמאַניע פֿון געדאַנק און גלויבן". נ. גלאַצער,
פֿער 94, נ' XXV, ז' 69.

דורך אַנאַנד - אַדוו פּר, פֿפֿ (עלט) דורך אַנאַנדער. כּסדר, איינס נאָכן אַנדערן; נאָך אַנאַנד. % דרײַ יאָר דורך אַנאַנד האָבן זיי זיך געמאַטערט אין דער ענגער דירה.

|182...| " דיא חתונה האט ארבעה שבועות געווערט

153 דארהאנאנדר. מאלאגה, 1, 234.

1893 " און אַז מײַן שטרײַמל זאָגט אויף פיר אָקסן דורך

140 אנאנד: 'טריפה!' – ווערט דער קצב אויסגעריסן |...|".

פרץ, דערצ' " דאס שטריימל".

1923 " |...| אפשר צוויי יאָר דורך אנאנד האב איך ניט

147 אויפגעהערט וויינען". הירשביין, 2, 38.

1947 " פינף טעג דורך אנאנד פאסטן היגע באַשקירן |...|".

141 סטעלמאך, 1.

דורך דעם – אדוו, פר. צוליב דעם (צוליב ~~דעם/צוליב~~ דער סיבה),

אַזוי ארום.

1832 " דאָס גייט אויף אברהם דאָס ער איז אין דעם טאָג געפּרובט געוואָרן וואָס ער האָט זײַן זון יצחק צו דער עקידה געפירט דורך דעם איז זײַן נאָמען גרויס בעולם הזה און זײַן שכר איז גרויס לעולם הבא". 27/1

איבן אָנ, מחזור, 2, דף כז/ב.

1873 " איר טאָרט עס |דאָס פערד| נישט גלאָט פּײַניקן, שלאָגן, וואָרעם דורך דעם מוז אים נעבעך ווײ טאָן". 28/1

מענדעלע, 1, קאָנק 268660.

1925 " |...| איבער די האָרץ אָרבעט שוואָך, שיקט זי די בלוט ניט רעגלמעסיק און אונטער אַ שוואַכן דרוק, דורך דעם פּילטרירן זיך שלעכט די נירן". שאַבאַד, 90,1. 29/1

דורכויס(יק) - זבז.

ם

<u>דורך</u>.

.1 ←----

1544 " וואל בולגטן דוד זייניא ווערדן מאן.// דער

30/1 שווייש גיוועלטיקליכן <u>דורך</u> דיא רינג ראן".

<u>שמואל=בוך, סטר׳ 445</u>.

1676 " |...| וועך איין תלמיד חכם אודר איין אלטר

81 איז <u>דורך</u> די גש גנגן |...|". <u>ברנט שפיגל, פרק לא</u>.

1701 " |...| זא ליש ער |...| <u>דורך</u> אלי גסין טראגן

31/1 אויף איין גילדנן שטול |...|". <u>מעשה=בוך, מעשה מ"ו</u>.

.2 ←----

1544 " גוט זול אונש גינודן <u>דורך</u> זיין דר בארמונג

32/1 גרוש". <u>שמואל=בוך, סטר׳ 1766</u>.

1679 " אלזו וואר דאש הערץ פרעה פר שטאקט, דז ער דיא
39 קינדר ישראל ניט ציהן ליס, גלייך ווי גאט גירעט האט
דורך משה". בליץ, שמות, ט - לה.

1713 " אונ' זיין בונד האט ער אויף דיא ערד גיגרונד
33/1 פעסט דיא היך פון איר באלקן האט ער גיבעלקנט דורך
דיא אן רופונג גאטש". מחזור, 1, דף ס"ו - 1.

.3 ----

... " איך גאן ניכט צו דעם קוניג דוריך מיין
28 שוהייט |...|". מגילה=ליד, שורה 821.

1697 " ער מוש ליידן דען ביטרן טוט// דורך זיין
34/1 ביזן גידאנקן האט ער זיין לעבן פארלארן".
ס' משלים, דף נא.

1769 " דר יהודי הוט איין גרושן בייטל גאלד בייא זיך

ער קענט אים <u>דורך</u> איין בלבול אלש אוועק נעמין". 35/1

<u>ס' ידי משה, דף מ"ו.</u>

.4 ←----

1692 " |...| אונ' גלייך אז איין בק אובן (בוערה)

דז דא איז גיהייצט גייווארן(מאופה) <u>דורך</u> דען בעקר, 36/1

אזו אויך ברענט דער יצר הרע זיר איך זיא".

<u>ס' המגיד, 2, הושע, ז - ד.</u>

1712 " |...| דש ספר איז <u>דורך</u> דאש גלחת איך ווארשויא

פֿר ברענט גיווארדן". <u>מקוה ישראל, דף כב/1.</u> 37/1

.6 ←----

1679 " איך <u>וויל</u> הייט <u>דורך</u> אלי דייגך הערדין |...|".

<u>בליץ, בראשית, ל - לב.</u> 38/1

0 **דורך אונ' דורך.**

1626 " אונ' דר רשע וועט אנטלויפן (מנשק ברזל) פון
אייזר (כלי זיין) (תהלופהו) עש פורט אין דורך אייך 110
קופרנר בוגן כלומר דיא פייל פון בוגן גיט דורך אונ'
דורך". ס' המגיד, 1, איוב, כ - כג.

**דורך אננד(ר).**

1626 " אונ' וועך זיך די לויתן רירט אים ים דא מישט
ער דאש גנצי ים דורך אננדר אז וויא מן מישט אייך טאפ". 150
ס' המגיד, איוב, מא- כג.

1700 " אז משיח וועט קומן וועט שוין קיין מאל איבר
גהאקט ווערן די ממשלה זי וועלן שוין דורך אנאנד 145
תמיד ממשלה הבן". שבט יהודה, דף מ/א.

<u>דורך דעם.</u>

1705 " און ער וועט זיך באמעליך פאר קויפן זיין

39/1 סחורה און וועט איטליכן באצאליך זייך חוב. און <u>דורך דעם</u>

ווערט ער ניצול פון הזיקות". <u>קב הישר.</u>

| רעד: דאכט זיך ארויסגעשריבן פון א שפעטערדיקער אויסגאבע |
|---|

<u>דורך וועגן</u> - <u>אדוו.</u> צוליב, א דאנק.

1610 " בישיינפרליך בישטוא |...| |וועסטו?| דיך

40/1 ביווייזן צו זיא אונ' אלז <u>דורך וועגן</u> ליפשפט".

<u>טייטש=חומש, רשי, במדבר יד - יד.</u>

ד ו ר כ אָ ד ע ר ל - דאָס, =עך. (אַנאַט) בנב.

1920 " דעמאָלט בעט אויס די פּראָטאָפּלאַזמע מיט אַ דינעם

פּלאָסט נאָר דאָס ווענטל פֿון קעמערל אָדער זי וואַרפֿט 85

זיך נאָך אַריבער פֿון איין ווענטל צום צווייטן מיט

פֿיינע דורכאָדערלעך". איבז האכבערג, 1, 175.

ד ו ר כ אָ ד ע ר ן - טרוו. (שנש) דורכציִען, ווי (דורך) אָדערן.

1956 " דורכגעאָדערט - יונגס מיט אַלטס - // ווער נאָך פֿאָדערט אונדזער האַלדז?". מאַרקיש, 10, 502. 86

.....................................................

רעד: ניט ‹יכער אין אויסטײַטש, קאָן זײַן אַז ער מיינט גאָר: "איבערגעשניטן אַלע אָדערן".

.....................................................

ד ו ר כ א ו י ס ( י ק ) - ----→ דורכויס.

(?נ?) ד ו ר כ אַ ט ע מ ו נ ג - די, בא. (נש) טראַנספּיראַציע

|מארק וו‌ב 944|

.................................................

רעד: מאַרקיטיטשט עס פֿון פּוילישן מעדיצינישן טערמין przedech. איז נייטיק צו געבן אין יִדיש במקום טראַנספּיראַציע?

.................................................

ד ו ר כ א יי ל ן — טרוו. אויסשמירן מיט אייל עפּעס אין גאַנצן, ביזן סוף. דער מעכאַניקער האָט דורכגעאיילט אַלע טיילן פון מאָטאָר.

דורכאיילן - טרוו/אוטוו.. אויף גיך, איילנדיק
דורכגייך (דורכלויפן, דורכפארן). % די קינדער איילן
דורך די גאס ניט צו פארשפעטיקן אין שול.

1928 " באוואפנטע הייפלעך מענטשן האבן דערשראקן דורכגעאיילט
129 אין אלע זייטן". קושניראוו, 3, 35.

1962 " די וועלט האט דורכגעאמלט ~~פאר~~ פארשמייעט און
128 פארהאוועט און ניט דערזען דאס גאלד, וואס טליעט
נאך אין מניך " . גראדע, 5, 27.

... " אין דער געפרעסטער בין=השמשותדיק שפעטער לופט
130 האבן פנימער דורכגעאיילט מיט א מאדנער פארפרעמדקייט".

דורכגעלאפן, פאר 190, 30 (אנטלאפן א שפיגל אויף א שטיין)

(?נ?) ד ו ר כ א י ק ס ן - טרוו. (נש) דורכלײַכטן מיט רענטגענשטראַלן |אוהרו|.

| |
|---|
| רעד: מיט וואָס איז שלעכט: דורכלײַכטן, באַשטראַלן אָדער "מאַכן אַ רענטגען", ווי ס'פּאַלק רעדט?!.. |

ד ו ר כ אָ ל ן - טרוו. (שנש?) דורכשטעכן מיט אַן אָל.

1941 " און זײַן האַר זאָל דורכאַלן זײַן |דעם קנעכטס|

134 אויער מיט אַן אָל". תרגום יהואש, שמות, כא - 6.

ד ו ר כ אַ מ פּ ע ר ן  ז י ך  - קזוו. אַמפּערן זיך

(דיסקוטירן, שפּאַרן זיך אַ געוויסע באַגרענעצטע (ניט לאַנגע

צייַט און אויף פאַרענדיקן די אַמפּערייַ.

% זיי אַמפּערן זיך דורך פון צייַט צו צייַט, אָבער מע בלייַבט

גוטע פרייַנד.

1927 " מיר האָבן זיך גאָר נישט געשלאָגן. מיר האָבן זיך

אַ ביסעלע דורכגעאַמפּערט". יודעלסאָהן, 4, 6. 138

1970 " דאָרט אַמפּערט מען זיך אַדורך , ביז ס'ווערן קלאָרער

אַלערליי ענינים". א. בן=עמי, פער 9, פּסח=נומער, ז' 17. 136

ד ו ר כ אַ נ אַ ל י ז י ר ן - טרוו. אַנאַליזירן עפּעס גרינטלעך, פּולשטענדיק, ביז צום סוף. % מען האָט דורכאַנאַליזירט געניי די סטאַטיסטישע ציפֿערן וועגן עקספּאָרט=אימפּאָרט.

1951 " לאָמיר נאָך דורכאַנאַליזירן די ליבעראַלע פּראָפּעסיעס און באַאַמטע |...|". י. לעשטשינסקי, פּער 879,106. 139

ד ו ר כ אַ ק ע ר ן – טרוו. 1. אַקערן עפּעס איך גאַנצן, פֿולשטענדיק, אַלץ. % די פּויערים האָבן שוין דורכגעאַקערט זייערע פֿעלדער.

162 ... "געאַקערט דורך האָב איך די בייט// און מיט בלימלעך אויסגעזייט". פּרץ, 5, 404.

1963 " די רוימער האָבן געמוזט |...| דורכאַקערן נייע

166 וועגן |...|". ש. איזבאַן, פֿער 69, 9/X.

2. (פֿיג) זוכן, נישטערן גרינטלעך, ביזן סוף, איבערקערן אַלץ. % די פּאָליציי האָט דורכגעאַקערט די גאַנצע גאַס און קיינעם ניט געפֿונען.

1970 " די געסטאַפּאָ האָט דורכגעאַקערט דאָס הויז און

165 דעם גאָרטן |...| און קיין אַמוניצע נישט געפֿונען". יזב 15, 817.

3. (פּיג) אויספּאַרשן, אַנאַליזירן, דערלערנען עפּעס גרינטלעך, פֿולשטענדיק, ביזן סוף. % דער געלערנטער האָט דורכגעאַקערט די גאַנצע ביבליאָגראַפֿיע צו זײַן טעמע.

1949 " נאָכן דורכאַקערן די אַרגומענטן געפֿינט מען אויס,
171 אַז איינשטימיקייט צווישן די צוויי קריטיקערס איז פֿאַראַן נאָר אין עם ס'טויג ניט". מ. ווײַנרײַך, פּער 90, נ' IX, ז' 6.

1965 " ער האָט דורכגעאַקערט דאָס גאַנצע פֿעלד פֿון
164 תּלמוד, ראשונים און אחרונים". מ. אונגער, פּער 69, 5/V.

1972 " האָט גלאַטשיין |...| אויסגעדריקט ספֿקות, צי
168 ער וועט האָבן גענוג כּוח דורכצואַקערן דאָס אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן". פּער 90, נ' 77, ז' 246.

|| דורכאַקער - דער, ב״א. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכאַקערן.

דורכאקערונג - די, בא. דזוו דפוו.

1956 " אוצרות פון יידישן גייסט קען מען ניט פרעזערווירן
דורכן בלויזן זאמלען. זיי דארפן אויך די געהעריקע 161
אדורכאקערונג,כדי צו קענען אונטערגעטראגן ווערן
דעם היינטיקן דור". א. קאליקשטיין, פער 9,|נומער?זייט?|.

0 דורכאקער=קולטור - די, =ן. געוויקסן וואס ווערן געזייט/
געפלאנצט אויף בייטן מיט מעזשעס(ריוועס) צווישן זיי.

1931 " אין יענע יארן |...| האט מען געזייט פיל דורכאקער=
קולטורן און אויך זונרויזן איבערן מאנגל אין 158
זריעה=מאטעריאל פון תבואה=קולטורן |...|". סאנדלער, 1, 34.

ד ו ר כ אַ ר ב ע ט ן - טרוו. 1. באַקענען זיך מיט א
געוויסן עניין, מאַטעריאַל גרינטלעך, דערלערנען אים
אין גאַנצן, ביזן סוף. % די סטודענטן האָבן צום
ענדזאַמען דורכגעאַרבעט נאָך אַ מאָל דעם גאַנצן מאַטעריאַל
פֿון סעמעסטער.

1844 "עס איז ניט דא איין פֿון גרויס אדער קליין,
176 געשעצט אדער ניט וואָס דוא ניט פריער מיט דיין קליינע
שווארצע מויל דורך ארבייטען טוסט". ליאָן דאָר, 30,1.

1953 " די פּאַנעמישע סיסטעמען פֿון אַ סך שפּראַכן האָט מען
179 באַשריבן אין די לעצטע צוואַנציק=דרייסיק יאָר, אָבער
עס בלייבט נאָך זייער פֿיל דורכצואַרבעטן".
ר. יאַקאָבסאָן, פּער 90, נ' XIII, 2 - 3, ז' 72.

3. (בעקעריי) גוט אויסאַרבעטן, אויסקנעטן דאָס טייג.

% דאָס טייג פֿאַר די חלות איז שוין דורכגעאַרבעט, מע

קען (עס) שוין אויסמאַכן און זעצן אין אויוון אַרייַן.

|| דורכאַרבעטן זיך - אויטוו. (פּטמ) דערגרייכן,

179 דערלאַנגען צו אַ געוויסן ציל, זיך אַן עצה געבן,

בייַקומען שוועריקייטן, מאַכן זיך אַ וועג.

1898 " |...| געהאַט צוויי נגידישע מיטשילער, וועלכע

180 האָבן ביידע געהאַט זייער באַשרענקטע קעפּ און האָבן זיך

נאָר מיט געלט דורכגעאַרבעט פֿון איין קלאַס אין די אַנדערע".

אויזערקאָס, 1, 26.

2. מאַכן אַ זאַך גוט, פֿולשטענדיק.

1889 • [illegible] אַ שטיקל אַרבעט, וואָס איז דורכגעאַרבעט

[illegible] [רוס: [illegible]] [illegible] [illegible], 1, 49.

ד ו ר כ ב א ב ר ע ן - טרוו. שארנדיק אין עפעס דורכנישטערן,

וכן |ל1|. % דער פויער האט דורכגעבאברעט די גאנצע

פור מיט שטרוי, אבער ניט געפונען דעם פארלוירענעם בייטל.

ד ו ר כ ב אַ ד ז ש ע ן - טרוו. דורכלעכערן מיט הערנער

|מאַרק וונ 937|. % דער אַקס האָט דורכגעבאַדזשעט

דעם אַקסן=קעמפּער די ברוסט.

(?נ?) דורכבאַלעווען - אוטוו. פֿאַרברענגען א צײַט

אויף אַ באַל, אַ שׂימחה; מארק ווב 982.

% זיי האָבן דורכגעבאַלעוועט א גאַנצע נאַכט אויף דער

חתונה.

38 - דו

ד ו ר כ ב אַ נ ע ן - טרוו. |דטשמ?| דורכפּירן, (?נ?)

אויספּלאָסטערן אַ וועג |מאַרק ווב 1588|.

ד ו ר כ ב א נ ק – נאר אין דער אדוו פר אין דורכבאנק,

באטייט: אין דורכשניט |סטוטש 22|.

ד ו ר כ ב אַ ק ו מ ע ן  ז י ך – אוטוו. אַרײַנ=אַדער

אַרויסבאַקומען זיך, דורכקריגן זיך פֿון ערגעץ/פֿון עפּעס

|מאַרק וווב 1553|. % דער אַרעסטאַנט האָט זיך דורכבאַקומען

דורך אַ לאָך אין דער פּאָדלאָגע אין איז אַנטלאָפֿן.

1972 " |...| די קאָזאַקן האָבן פֿאַרטלען זיך אַדורכצובאַקומען

דורך שמאָלע שפּאַלטן |...|". צאַנין, 3, 158.

ד ו ר כ ב אַ ק ן - טרוו. אויסבאַקן גוט, פּולשטענדיק, אויף אַלע זײַטן. % די פּלעצל זײַנען גוט דורכגעבאַקן, קנאַקן אַזש אונטער די ציין.

דורכבאַרן - ~~[illegible]~~ (עלט) דורכבויערן.

(?נ?)　ד ו ר כ ב ד ק ע ו ו ע ן |דורכבאַדקעווען| - טרוו.

גרינטלעך, פֿון אַלע זײַטן זוכן, נישטערן |מאַרק וווב 1230|.

ד ו ר כ ב ו ד ק ן |דורכבוידעקן| - גרינטלעך, אומעטום,
פולשטענדיק בודק זײַן |מארק ווב 145|.

ד ו ר כ ב ו י ע ר ן - **טרוו.** 1. מאכן אן עפענונג, אַ לאָך מיט אַן עקבער אדער מיט אן אנדער בויערנדיקן מכשיר.

% דער סטאָליער בויערט דורך עטלעכע לעכער אין דער ברעט.

מען האָט דורכגעבויערט א טונעל צווישן די בערג.

1851 " זאלסטו נעמען איין אל |...| און דו זאלסט
201 דורכבויערן אין זיין אויער און אין דער טיר".
חומש מיט עברי-טייטש, דברים, טו - יז.

1923 " שטייט אויף, איר מתים! ציט די לאַמען מיט די
199 נעגל, מיט וועלכע זיי האָבן די קעפ איין דורכגעבויערט".
ר. קאפלאן, 1, 38.

1934 " |...| אין מיר - א קייט, וואָס מ'האָט מיר
205 דורכגעבויערט דורכן הארץ,// זי זאל ביים מינדסטן
ריר אין שלאָף אפילו קלינגען". מ.ל. האלפערן,126,5.

2. (פיג) דורכדרינגען אין גאנצן, דורכגיין פולשטענדיק
פון איין זייט אויף דער אנדערער (וועגן שיין, קלאנג).
% די שטראלן פון דער זון האבן ענדלעך דורכגעבויערט
די וואלקנס.

1914 " א שרעקלעך, אן אוממענטשלעך געשריי האט דורכגעבויערט
די שטילקייט פון דער נאכט". מ. ריבקין, 1, 199. 197

1946 " |...| דערהער א נייעם קלאנג, ווי דאס געבוירן
פון א זאנג,// ער בויערט מיינע שלייפן דורך |...|". 206
סוצקעווער, 2, 192.

1971 " די גאסן=לאמטערנעס זענען געווען פארהויכט, און
די שיין האט זיך געריסן און דורכגעבויערט די
גלאזשיידן, ווי דורך מאטע שלייערן און קנוילן רויך".
ב. רעסלער, פער 69, 6/VIII.

3. (פיג) אריינדרינגען טיף, פארטיפן זיך.

1966 " מיט בענקעניש אין ביין און ברענענדיקע אויגן,

|...| אין בויער דורך די בריוו". האלקין, 4, 99. 204

□ דורכדרינגען מיט די אויגן, מיטן בליק – קוקן אויף

עמעצן זייער שארף, פארשנדיק.

1898 " ער האט שטענדיק אויף מיר געקוקט מיט בליקן ,

וועלכע האבן מיך פשוט דורכגעבויערט". אויזערקיס,14,1. 196

□ דורך בארן.

1610 " הוב אים אב זיין הויפט אונ' וואונדט אין אונ'

וואונדט אין אונ' דורך בארט זיין שלוף |=שליף?|". 195

טייטש=חומש, שמות, בשלח, הפטורה, שופטים, ה– כ"ו.

1679 " אוך זיין הער זאל אים |דעם קנעכט| מיט דער אאל

זיין אור דורך בארין, אונ' ער זאל אים איביג דינן" . 190

בליץ, שמות, כא – טז.

ד ו ר כ ב ו י ק ע ר ן – טרוו. א ביסל, ניט לאנג בויקערן (געבן קלעפּ).

1878 " און ווען בנימן האָט דענסטמאָל ניט געשמיסן דעם אײַנגעשפּאַרטן סענדערלען מיט א בײַטש, דערפאַר האָט ער אים דורכגעבויקערט מיט זײַן זיס ציינגל און אים אָפּגעשאַטן מיט רייד". מענדעלע, 54,16. 208

1907 "|...| מע האָט נאָר דורכגעבויקערט א ביסל אונדזערע ברידער, דורכגעבראָכן די ביינער". שלום=עליכם, 18, 89. 207

ד ו ר כ ב י ד ע ו ו ע ן - אוטוו. איבערקומען גויט, צרות.

% די מלחמה=צייט האבן זיי דורכגעבידעוועט אין דער

פרעמד.

ד ו ר כ ב יי ג ן - טרוו. דזוו אויסבייגן.

ד ו ר כ ב ײַ ט ש י ק ן  ז י ך - <u>אוטוו</u>. (<u>שנש</u>) ווערן
געשלאָגן (ווי) מיט בײַטשן.

1948 " |...| ער האָט קיין אַכט געלייגט, ווען שפּליטערס
צוויי// דורך זײַנע ריפּן האָבן זיך <u>אדורכגעבײַטשיקט</u> 215
|...|." <u>מאַרקיש, 9, 163</u>.

ד ו ר כ ב יי ט ש ן - טרוו. (שנש) אַנשמייסן, אָנשלאָגן (ווי מיט בייטשן.

1968 " שערן, שפּיזן האָן דורכגעשטאָכן איר לעבן,//

214 אָדערן האָבן דורכגעבייטשט די הענט". ה.זארעצקי,1,96.

ד ו ר כ ב ײַ ס ן - טרון. אײַנשנײַדן זיך אין עפּעס מיט די צײן אָדער מיט אַ מכשיר אויף דורך און דורך.

% דער הונט האָט דורכגעביסן דעם גאָרגל פֿון פֿויגל.

1955 " |...| מען האָט דאָ דורכגעשניטן,// דורכגעריסן, דורכגעביסן מיט די צײן// און בערג אַראָפּגעוואָרפֿן אין די טאָלן |...|". י. פּאַפּיערניקאָוו, פֿער 166, X /21. 216

דו́רכבייצן - טרוו. (סטאלעריי) פון אַלע זייטן באַדעקן, אַנזאַפּן מיט בייץ, אויף דורך און דורך.

1929 "די בייץ=פּעיִקייט פון באַרטהאַלץ איז אַזוי גרויס, אַז עס לאָזט דורכבייצן אויף דורך |און דורך|, ער ווערט דורכגעפּאַרבט אויף פאַרשיידענע קאָלירן און ווערט אין אַזאַ צושטאַנד אָנגעווענדט אויף אינקרוסטאַציע". 1833/1

בערמאַן, 2, 141.

דורכבילן זיך -1. קזוו. בילן איינער אקעגן צווייטן א ביסל, ניט לאנג. % די הינט בילן זיך דורך א ווײַלע און ווערן ווידער שטיל.

2. (פיג) זידלען זיך, קריגן זיך א ביסל, איינער מיטן צווייטן. ~~א ביסל,~~ ניט לאנג,

1920 " |...| באנוצנדיק אונדזער געבענטשטע ביל=און ברום=פרײַהייט האבן מיר זיך דורכגעבילט און דורכגעברומט 221
און האבן בדעה אחת באשלאסן |...| בײַ דיר צו. ~~בלײַבן~~ |...| דו זאלסט די שעפסן באשיצן פון דײַנע שרעקלעכע וועלף". ווינטשעווסקי, 1, 220.

ד ו ר כ ב ל אָ ז - דער, =ן. (נש) אַ צוג פֿון ווינט, פֿון קאַלטער לופֿט|מארק וווב 983|. % דאָס קינד האָט געכאַפּט אַ דורכבלאַז און האָט זיך פֿאַרקילט.

ד ו ר כ ב ל אָ ז ן - טרוו. 1. דורכגייִן דורך עפּעס (וועגן לופטשטראָם, ווינט). % א פּריש ווינטל האָט דורכגעבלאָזן דורך די אָפענע פענצטער.

1928 " אַ סאָלדאַט |...| האָט זיך אויפגעכאַפּט |...| דורך די שפּאַרונעס אין דער וואַנט האָט אים דורכגעבלאָזן דער קאַלטער האַרבסטיקער ווינט". קושניראָוו, 3, 56. 228

1962 " אַ ווינטעלע, אַ חיות, - זאָגט לאה, - אַזאַ ווינטעלע בלאָזט גאָר דורך די געהירן". גאַרשמאַן, פער 131, נ׳ 5, ז׳ 105. 225

2. בלאָזנדיק אויס קייניקן עפּעס. % דער מוזיקאַנט האָט דורכגעבלאָזן זייַן טרומייט, ער זאָל זייַן ריין. די לאַבאַראַנטקע דאַרף אַלע מאָל דורכבלאָזן די רערלעך. מע דאַרף שוין דורכבלאָזן די לייַכטעס פון אויוון, זיי זייַנען פאַרשטאָפּט מיט סאַזשע.

/7 <u>עס איז אים ניט דורכצובלאזן</u> - שפּאַטיש וועגן
איינעם וואָס האַלט זיך גרויס (בלאָזט פֿון זיך).

1901 " |...| דאָס זייַנען אונדזערע שטאָלצע דאַמען, וועלכע
עס איז גאָר ניט <u>דורכצובלאָזן</u> זייער גרויסקייט".
<u>אלפס, 4, 37</u>.

<u>א יחסן ניט דורכצובלאָזן</u> - <u>דזוו דפּוו</u>.

ד ו ר כ ב ל אַ נ ד ז ש ע ן - אוטוו. דורכגיין (ווי״) בלאַנדזשענדיק, ווי זוכנדיק אַ וועג.

1924 " אַרויפקלעטער, פּאַרזעץ - א שטאַק זיך אויף אַ שטאַק, // עס דאַרף דאַ דורכבלאַנדזשען מײַן טאָג". מארקיש, פער100ב,9. 232

ד ו ר כ ב ל אַ נ ק ע ן - אוטוו.זיך אַרויסזען, אַרויסקומען דורך עפּעס העל, ווייַס (וועגן שייַן, ליכט, קאַליר).

פון צווישן די בגדים האט בלאַנקט דורך א קלאַר ווייַס טיכל.

1914 " פון אונטער די טרערן האָט דער בליק אירער דורכגעבלאַנקט ווי אַ זון". מ. ריבקין, 1, 246. 235

ד ו ר כ ב ל ו ט י ק ן - <u>אוטוו.</u> 1. דורכזאַפּן מיט בלוט.

% דאָס העמד איז <u>דורכגעבלוטיקט</u> אויפן אָרט פון דער ווונד.

2. <u>(פיג)</u> ליידן זייער שטאַרק, אַ סך, דורכגיין שווערע איבערלעבונגען.

1951 " נאָך אַלעמען וואָס דאָס יידישע פאָלק <u>האָט</u> |...| דורכגעליטן און <u>דורכגעבלוטיקט</u>, ווען נאָך דער מלחמה ביי אַלעמען זיך עפענען די אויגן |...|". <u>א. שומייטע,</u> 236

<u>פער 106, 1667</u>.

ד ו ר כ ל י נ צ ל ע ן  –  אוטוו. בלינצלען דורך עפּעס, גיין, מאַמענטאַל.

1923  "טיף=טיף אין וואַסער בלינצלען דורך אַלע ווײַלע באַוועגלעכע לאַמטערנעס, גרויסע און קליינע, טונקעלע און ליכטיקע |...|". איבז אַנ, די אונטערוואַסערדיקע  236/1

מלוכה, ז׳ 88.

ד ו ר כ ב ל י צ ן - אוטוו. 1. געבן א שײַן גיך, ווי
אַ בליץ דורך עפּעס (וועגן ליכט, שײַן, אָפּשײַן).

1921 " אויף רויטן פּלאַץ, ווו דאַרף פון האַק האָט דורכגעבליצט//
אויף האַרטן אָדערדיקן האַלדז פון ראַזינען |...|". 240
קושניראוו, 1, 19.

1936 " אַלע מאָל האָט דורך דעם געדיכטן גראָען וואָלקן
דורכגעבליצט דער זילבערנער שטראַל פון |...| באַיאַנעטן". 240/1
ר. קאַרן, 514.

2. (פּיג) דורכלויפן (דורכפֿאָרן, דורכפֿליִען) זײער שנעל.

1911 " ס'האָט דורך זײַן טיפּקייט [פון וועלדער] אַ יונגע
פּרינצעסין// שנעל דורכגעבליצט אויף אַ ווײַסינקן פערד". 241
ר. וויעוויאָרקאַ, 2, 74.

3. (פּיג) אויפקומען זײער גיך, פּלוצעם (וועגן געדאַנק, מחשבה).

1926 " און וואָס וועט טאָקע זיין, אַז מען וועט אים הייַנט
242 ביַי נאַכט שיפֿן? - האָט זאַנוולען דורכגעבליצט א געדאַנק
אין מוח". אפּאַטאָשו, 5, 36.

|| דורכבליצונג - די, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכבליצן.

1951 " מוסר איז געווען אַן עטישע דורכבליצונג דורך
237 דער לומדות גופֿא". א. קאַצענעלנבאָגען, פּער 360,106.

ד ו ר כ ב ל י ק 1 – <u>דער, =ן.</u> אַקט פֿון דורכבליקן.

2. פֿרײַ אָרט צווישן צוויי זאַכן.

1941 " און באַלקנס זײַנען געווען דרײַ צײַלן; און

אַ <u>דורכבליק</u> קעגן אַ <u>דורכבליק</u> דרײַ מאָל". 245

<u>תּרגום יהואש, מלכים, א׳, ז – 4.</u>

3. באַלויכטן אָרט אין/צווישן אַ ניט=באַלויכטענעם שטח.

|1946-1943| " כמורנער ווערט פֿון טאָג צו טאָג דער הימל

דאָ – אַ טונקעלער צודעק מיט קאַלטע גרויע נעפּלען 243

און ראָזע דורכבליקן אין מערבֿדיקער ווײַטקייט".

<u>בערגעלסאָן, 18, 662.</u>

ד ו ר כ ב ל י ק ן – טרוו. 1. דורכקוקן, קוקן דורך עפּעס.

1910 " |...| האָט זיי דורכגעבליקט מיט איר ליבעפולע

254 הארץ". ווינטשעווסקי, פער 125, יולי, ז' 39.

1957 "|...| געוואַלט דורכבליקן די גרויקייט, וואָס

248 האָט זיך אָפּגעזעצט אין ד'עם נעפּל". שעליובסקי, 177,3.

1972 " |...| א דיקע וואַנט, וואָס לאָזט ניט אָדורכבליקן

249 אויף יענער זייַט". צאַנין, 62, 3.

2. (פיג) פאַרויסזען, קוקן וואָס ווייַטער וועט געשען.

1906 " מיט דעם קוק פון אַ נביא, וועלכער האָט דורכגעבליקט

251 דורך דעם דיקן שלייער פון זייַן צייַט און געזען

די ווייַטע צוקונפט פון די אומגעבאָרענע דורות".

ראָזענפעלד, 1, 61.

1919 " |...| וויכטיקע שטאטסלייט האבן געלאזט דורכבליקן

די מעגלעכקייט פון ארץ=ישראל פאר יידן". 252

זשיטלאווסקי, 9, 181.

1963 " משה האט דורכגעבליקט די ווייטע דורות |...|".

ה. זיידמאן, פער 69, VI / 14. 247

3. (פיג) דערזען דעם תוך, תמצית, כאראקטער פון עמעצן/

עפעס.

1935 " מען האט געוואלט דורכבליקן דעם אגראנאם".

הירשביין, 5, 33. 246

1965 " העכסטנס טויגן זיי |די אפגעריבענע מטבעות -

אידעאלאגיעס| נאך ווי כאבארגעלט פאר פאליטישע 253

מסחרים, וואס מ'קען נישט אדורכבליקן".

א. מן=עמי, פער 9, ר"ה - נומער, ז' 10.

|| דורכבליקן זיך – קזוו. איבערקוקן זיך איינער מיטן אנדערן.

|1946–1943| "ווער? מיר? – זיך דורכגעבליקט מיט איר מיידל, האט די יידענע ניט באלד געענטפערט". 255

בערגעלסאן, 18, 663.

ד ו ר כ ב ל י ש ט ש ע ן - __אוטוו__. פלוצעם באַווייַזן זיך און דורכגייַן דורך עפּעס (וועגן אַ גלאַנץ, אַ שייַן).

% מיט א מאָל האָט __דורכגעבלישטשעט__ א שייַן פון אַ ליכטל דורכן פענצטער און גלייַך פאַרשוווּנדן.

דורכבלעטערן - טרוו. 1. איבערמישן די בלעטער פון אַ בוך אין גאַנצן.

2. איבערמישנידק די בלעטער באַקענען זיך אויבנאויפיק מיט דעם תוך פון אַ בוך.

1929 " בלעטערט דורך ספר ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, וועט איר שוין וויסן, דאָס ער |דער רבונו=של=עולם| פאַרשטייט זיינע ביזנעס". צ.י. ווינער, 1, 48. 259

1968 " מיר האָבן נאָך אַ מאָל דורכגעחלומט און אויף גיך דורכגעבלעטערט דאָס גאַנצע תנ"כל". י. גלאַטשטיין, פער 69, IV / 5. 260

(?נ?) ד ו ר כ ב ע ט ל ע ן ז י ך - אוטוו. (שנש?) דורכגייך

אַ לאַנגן וועג (פֿון שטאָט צו שטאָט) בעטלענדיק.

1898 " הכלל, איך האָב געמוזט צו פֿוס אָוועקגיין, האָב מיך

263 אַזוי דורכגעבעטלט ביז צו דער גרענעץ און ביז זי בשלום

אַריבער". אויזערקיס, 1, 18.

ד ו ר כ ב ר אַ ד י ע ן - טרוו, פּפּ דורכבראַדזיען,

דורכבראַדזשען. 1. דורכגיין אַ געוויס אָרט בראַדיענדיק.

% זיי האָבן געמוזט דורכבראַדיען די בלאָטע כדי צו

דערלאַנגען זיך אין דאָרף אַריין.

1964 " די מלחמה האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן |...|

אַז נאָר אויף דורכבראַדזשען אַ מיקווה, דעם |דאָס| 264

שטיקל ים צרפת |...|". י. קאַפּלאַן, 1, 236.

רעד: די ציטאַטע האָט ניט קיין זינען, איך גיב זי

פּשוט ווייל כ'האָב קיין אַנדערע ניט.מע דאַרף

נאָכזען דעם טעקסט אין בוך(מיר האָבן עס ניט).

2. (פּיג) דורכגיין (דורכלערנען, פּאַרשטיין) מיט

שוועריקייטן אַ טעקסט.

דו –

1965 " אַפילו ניט אַלע (נעגערישע) גלחים האָבן געקענט

267 דורכבראַדיען דאָס לשון פֿון דער ביבל, אָפּגערעדט פֿון

די בעזגראַמאַטנע מיטגלידער". ב.צ. גאָלדבערג, פֿער 69, 2/III.

ד ו ר כ ב ר א ט ן - טרוו. אפבראטן עפעס אויף דורך און דורך, פון אלע זייטן. % די בעל=הביתטע בראט דורך די גאנדז אין בראטאויוון.

1938 " פאנדרע האט געשמאק אריינגעריבן די דורכגעבראטענע ביינדעלעך פון דאס קעלבערנס". שניאור, 3. 267/1

ד ו ר כ ב ר אַ ך – דער, =ן. פֿפֿ דורכברוך.

1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכברעכן. % די אַרעסטאַנטן
האָבן געמאַכט אַ היפּשן דורכבראַך אין וואַנט און זײַנען
אַנטלאָפֿן.

1941 " גאָט האָט דורכגעבראָכן מײַנע פֿײַנט פֿאַר מיר,
אַזוי ווי אַ דורכבראַך פֿון וואַסער". תרגום יהואש, 272
שמואל ב׳, ה – 20.

1966 " דאָס חיל האָט אין די מויערן געמאַכט אַ סך
דורכברוכן". צאַנין, 1, 162. 279

1970 " |...| רעדט |...| פֿון זייער דורכבראַך דורך
אַט דעם שער און פֿון זייער אַרײַנדרינג און באַצווינגען 271
דעם גאַנצן שטח". י. קאַפּלאַן, 2, 20.

2. (פּיג) ראַדיקאַלע ענדערונג, בײַט.

1953 " אַ סך אַ ראַדיקאַלערן דורכברוך |...| שטעלט מיט

277 זיך פֿאַר דאָס טיפּסטע רעליגיעזע ווערק פֿון תנ"כישער

קאַנאָן, דאָס ספֿר איובֿ". ח. גרינבערג, 2, 68.

1973 " דער דאָזיקער דורכברוך איז געשען אין 1859,

278 ווען דער אויפֿזיכטראַט איבער דער באַן=ליניע וואַרשע=

ווין האָט פֿאַרענדיקט זײַן אַרבעט". יזב 16, 127.

ד ו ר כ ב ר אַ נ ע ו ו ע ן – טרוו. באַארבעטן מיט אַ באַראַנע אַ פּעלד אין גאַנץ, פּולשטענדיק. % די פּויערים האָבן שוין צעאַקערט און דורכגעבראַנעוועט אַלע זייערע פּעלדער.

ד ו ר כ ב ר ו ך - ---- דורכבראך.

דורכברויזן – אוטוו. דורכלויפן גיך און האַסטיק דורך עפּעס ווי אַ שטורעם.

1937 "אַ, דו שווישפּילער, וואָס הויך אין הימל הויזט!// האָט דײַן שפּיל געשווינד אויף אַ דורכגעברויזט, // ווי צוריק אַ רגע אַט די כוואַליע שוים |...|".

ליעסין, 2, 64. 280

1972 "וואַלט אונדזער פֿאָלק געווען פֿול און גאַנץ, ווי איידער דער אומברענג=שטורעם האָט דורכגעברויזט איבער אונדזער פֿאָלקס רוקבביין |...|".

אויערבאך, פער 38, נ' 76, ז' 119. 280/1

דורכברוינען - טרוו. מאַכן ברוין עפּעס אין גאַנצן, פֿון אַלע זייטן. % דאָס געבראָטנס איז גוט דורכגעברוינט. 281

ד ו ר כ ב ר י ו ל ע ן ז י ך - קזוו. (שנש) שיקן

בריוו(לעך) איינער צום אנדערן.

1963 " שוין דאס דאזיקע דורכברייוולען זזיך איז פאר די

283 כינעזער א טרומף |...|". י. גלאטשטיין, פער 69, VII/5.

1964 " |...| דערנאך זיך דורכגעבריוולט און די וועלט

282 באשריבן,// און ביז אויף היינט חברים זענען מיר

געבליבן". מאניק, 2, 26.

(?נ?) ד ו ר כ ב ר י ז ן - אוטוו. (רעג רומעניע) "דורכגייך"|קטוו|.

רעד: דער זאמלער גיט אן אן עטימאלאגיע פון רומעניש: a strabate, אבער ווי אזוי ווערט פון "א סטראבאטע" "דורכבריזן"?...

דורכברעכן - טרוו. 1. מאכן א לאך, אן עפענונג, א דורכגאנג אין עפעס דורך דריקן, צעקלאפן, צעשטערן, צעברעכן. % מע ברעכט דורך די וואנט כדי צו מאכן נאך איין פענצטער. חברה קונדייסים האבן דורכגעבראכן דעם פלויט און זיך ארינגכאפט אין פרוכטגארטן. מען האט דורכגעבראכן א לאך אין געטא=מויער און אריינגעשמוגלט שפייז.

1829 " די כהנים און דאס פאלק זאלן ניט דורכברעכן צו גיין היין |...|". איבז אנ, חמישה חומשי תורה, שמות יט - חד. 297

1887 "אין אונדזער קרעפאסט |=פעסטונג|, וואס האט אונדז געשיצט, |...| איז דורכגעבראכן א גרויסע ברעשע |=לאך, אפענונג|". פס 74, 5, 31/500 297/1

1935 " |...| דער טייך איז איבערגעפלייצט געווארן, |...| דורכגעבראכן די שלוזן פון דער וואסערמיל". ציט פער 23, ז' 27. 312

1958 " אײך מאָל, אין דער ראַנגלעניש, האָבן זײ דורכגעבראָכן

די דינע וואַנט פון דער קופּאַלניע |=באַדשטיבל לעבן אַ טײַך| אין 301

אַרײַנגעקײַקלט זיך אין וואַסער אַרײַן".

ש. סיימאָן, פּער 68, XI /7.

2. (פיג) אַרויסקומען, באַווײַזן זיך דורך אַ שטערונג

(וועגן שײַן, קלאַנג). % בלויז די שײַן פון לאַמטערן

ברעכט דורך דעם חושך אויף דער גאַס.

|1927–1923| " דאָס געלע פֿינצטערניש ~~הא~~ האָט מיט אַ מאָל

זיך דורכגעשטראַלט,// האָט דורכגעבראָכן דאָס שײַבל,

אַרײַנגעקראָכן |...|". לייוויק, 6, 268. 292

3. (פיג) בײַקומען אַ שווערקייט, אַ שטערונג. % ס'האָט

לאַנג געדויערט, ביז מע האָט דורכגעבראָכן די מחיצה

פון אָפּגעפֿרעמדקייט. מ'האָט ניט געקענט אַזוי גיך

דורכברעכן די ביוראָקראַטישע שטערונגען.

1930 "תמיד די אויגן אויף איין פּינטל, אויף ציל,
316 דורכברעכן, דורכרײַסן, אַרויספּאַרבעטן זיך".
אײַנהארן, 7, 137.

1937 " אַקציעס פון אומגעהײַער זאַמקייט ברעכן דורך
316 /1 די באַשטימטע גרענעצן, וואָס זײַנען אַוועקגעשטעלט
אויף דער אויפפירונג פון די אײנצלנע".
איבן מעריסאָן, 2, 356.

1972 " צען שעה א טאָג וועט זי לערנען, שרײַבן, איבערחזרן.
315 זי מוז דאָס דורכברעכן. אויב נישט איז איר לעבן
נישט ווערט קיין שישקע פּולווער". באַשעוויס, פער 155,ד/5.

|| דורכברעכן זיך - אוטוו. 1. ווערן דורכגעבראָכן,ב׳1.
% דאָס אײַז אויפן טײַך האָט זיך דורכגעבראָכן אונטער
דער לאַסט פון שווערן וואָגן.

1920 "פון דעם קלאפ האט זיך דער גלעזערנער הימל

דורכגעבראכן". סעגאלאוויטש, 4, 434. 311

2. (פיג) באווייזן זיך, ארויסקומען האסטיק דורך עפעס

א שטערונג|...|. % מיט גרויס מי האבן זיי זיך

דורכגעבראכן דורכן געדיכטן וואלד.

1908 "פיר טעג דויערט, וואס די בלעזלעך |פון פאקן|

ווערן אלץ גרעסער, די היץ, וואס איז א ביסל אפגעטרעטן 299

בשעת די וויסיפקע |= אויסשיט| האט זיך דורכגעבראכן

דורך דער הויט, שטייגט ווידער|...|." הויבן אן,

דער אוצר פון געזונד און לעבן, ז' 19.

1930 "פון די וואלקנס האט זיך דורכגעבראכן א זונענשטראל

|...|." איינהארן, 7, 303. 290

|| דורכברעכונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון

דורברעכן; דורכבראך.

דורכברעכיק - אדי/אדוו. וואס לאזט זיך דורכברעכן
|סטוטש 194|.

דורכברעכן מויערן (וואר: אײַזערנע טירן) מאכן גרויסע
אנשטרענגונגען, נישט אפּשטעלן זיך פאַר קיין שום שוועריקייטן,
צרות.

... " דורכברעכן וועל איך אלע מויערן, // און צו דיר
291 וועל איך קומען צוריק!". פּל.

1968 " עס איז נישט אזוי ווי א מאָל, ווען מען האָט
298 געמוזט דורכברעכן אײַזערנע טירן, כדי צו פאַרדינען
א גראָשן". מ. דלוזשנאַווסקי, פּער 155, V /10.

1972 " |...| זי האָט אים נישט ליב, ווען יאָ, וואָלט זי
303 דאָך מויערן דורכגעבראָכן און געקומען צו אים |...|".
ב. דעמבלין, פּער 155, T/2.

דורכברעכן (זיך) אַ וועג - 1. מאַכן, אויסלייגן אַ נייעם
וועג, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן. % מע
האָט דורכגעבראָכן א וועג דורך הויכע בערג.

2. (פֿיג) געפֿינען דעם אויפֿן ווי צו לעבן, ווי צו פֿירן זיך.

1917 " אַ דאַנק דער צוגעפּאַסטער דערציונג פֿון זיין יונגן
דור |...| ברעכט דורך אַזאַ נאַציע איר וועג אין 318
דער געשיכטע און בלייבט טריי צו עט דעם וועג".
זשיטלאָווסקי, 7, 212.

דורכברעכן די ביינער - גוט אנשלאָגן.

1878 " זיי |די שניידער=געזעלן| האָבן געמוזט זיצן
ביי דער אַרבעט ביז צוועלף ביי נאַכט און וואָכן 318/1
געוועקט אַרום פֿינף פֿאַר טאָג, און מאַנכע מאָל דורכגעבראָכן
די ביינער, און קדחת געגעבן עסן". דיק, 89, 35 - 38.

1878 [illegible]

318/1 [illegible]

[illegible]

[illegible] 89, 35–38.

<u>וועסט מיטן קאפ די וואנט ניט דורכברעכן</u> - געזאגט ווען 89

מע שטייט פאר א שווערקייט, פראבלעם, וואס איז

אוממעגלעך בייצוקומען.

ם <u>דורך בראכן</u>

.1 <-----

1544 " וואל בולגטן דוד זיינא ווערדן מאן.// דער שווייש

גיוועלטיקליכן דורך דיא רינג ראן.//זיא <u>דורך בראכן</u> 318/1

דש גרוש היר אונ' איר גיצעלט". <u>שמואל=בוך, סטר' 445</u>.

.3 <-----

1743 " אונ' איז גשווינד גלאפין אונ' האט <u>דורך גבראכין</u>

דיא בונד פון דיא (פריצים) אונ ' ער אנטרינט דר דורך". 304

<u>יוסיפון, 4, דף קפ"ו.</u>

ד ו ר כ ב ר ע נ ג ע ן - טרוו. (עלט) פארברענגען, דורכגיין, דורכמאכן.

1881 " נעם מיין געבעט אן גלייך אלעס ווי דאס געבעט
פון איינעם אלטן און דער וויל געווינט איז איך 323/1
דער תפילה און דער דא האט מיט גוטע מעשים דורכגעבראכט
זיין לעבן |...|". אנ, אייך נייע שס תחנה - נאך יעלות.

> רעד: לויטן אויסלייג איז דאס אן איבערדרוק פון גאר
> אן עלטערער תחינה.

□ דורך ברענגן.

1716 " אונ' דוא האשט דאך דיין טעג דורך גיבראכט
מיטט דען ווילן פון דיין גילושטיקייט גלייך 324
וויא אייך בי'ר קנעכט טוט". חובות הלבבות,1,דף קכ - 2.

ד ו ר כ ב ר ע נ ע ן - טרוו. 1. אויסטריקענען פולשטענדיק,

פון אַלע זייטן דורך פייַער אָדער גרויסער היץ.

% די ליימענע טעפּ ברענט מען דורך נאָכן אויסקנעטן זיי

איך אַן אויווּן און זיי ווערן האַרט. דאָס פּנים זיינס

איז דורכגעברענט פון לאַנג זייַן אויף דער זון.

1829 " קומט, מיר וועלן מאַכן ציגל און מיר וועלן זיי

גוט דורכברענען". איבץ אַנ, חמשה חומשי תורה, 325

בראשית, יא - ג.

1910 " עפּעס ריחות פון דורכגעברענטע דעכער,

פון בלעכענע וואַרשעווער דעכער". א. שטיינבערג, 334/2

פער 125, יוני, ז' 43.

1921 " די נאַזלעכער שלינגען גידיכטע ריחות פון |...|

צעפּוילטע שוואָמען, |...| פון דורכגעברענטן פעך". 334

סעגאַלאָוויטש, 6, 36.

2. דורכלעכערן, צעשעדיקן ד׳ורך נישט מאַכן עפּעס דורך

אַן עסיקן מאַטעריאַל. % דאָס פּרעסל איז געווען

צו הייס, איז דאָס העמד דורכגעברענט געוואָרן.

דער ארבעטער האט דורכגעברענט די הויט פון דער האנט
מיט א כעמישער פליסיקייט. די קוילן זיינען
שוין אין גאנצן דורכגעברענט.

1948 " די אדערן אויף העלדזער איינגעשלייפט, ווי
מיט געווירן פון ריפן דורך דער הויט דער דורכגעברענטער". 334/1
מארקיש, 9, 45.

3. (פטמ) באגנבענען, באנעמען, אויסליידיקן.

1874 " |...| אין די ליידיקע קראמען און בראמען,
וואס ווערן דורכגעברענט דורך די קיסעניקעס 338
|=קעשענע=גנבים|". דיק, 27, 72.

4. (פיג) גורם זיין א פלוצעמדיקע און שארפע שפירונג,
איבערלעבונג. % ס'האט אים דורכגעברענט דאס געפיל,
אז מע געזעגנט זיך שוין אויף שטענדיק.

... " ברענען זיי די אידען דורך אין געהירן און ווערן
פארלאשן, און נייע בליצן אויף און לעשן זיך". 335
פרץ 13, 287.

334/1 ווערט מיט איז שטיקל דאָס, אויסגעשלאָסן האַלבער זאַץ דער „ 1948

מעלדונג פֿון רויטן קרייז אַז דער דורכגעבראַכט.

מאַרקיש, 9, 45.

334/2

1910 ״ [...] [illegible] פֿון [illegible] [illegible], פֿון [illegible]

[illegible], 125 [illegible], 43.

(1)

1930 " גאָט, מײַן האר! צי װעסטו מאַכן שוין// צו

337 דער איבערבלײַבעניש אַן ענד?// װײס איך דאָך, אַז

אויך דער רוף אַלײן// האָט שוין לײדנשאַפטלעך <u>דורכגעברענט</u>//

לאַנג צוריק בײַם ברעג פון חבר |=טײַך איך בבל|".

<u>לייעסין, 2, 307 - 308</u>.

1948 " עס האָבן די פאַראורטײלטע נאָך אים געפאָלגט,

332 מיט אויגן דורכגעברענט, צו קײנעם ניט געװענדט

שוין". <u>מאַרקיש, 9, 30</u>.

|| <u>דורכברענען זיך</u> - <u>אוטוו.</u> 1. װערן דורכגעברענט, <u>ב׳1</u>.

1891 " נאָך דעם, װען עס |די שטרוי| <u>האָט זיך</u>

340 <u>דורכגעברענט</u>, צעשפרײט מען דאָס אַש אויף דעם גאַנצן

פעלד". <u>װעבער, 1, 14</u>.

2. ווערן דורכגעברענט, ב' 3.

|1931-1926| " און אַז דער כּעס האָט זיך דורכגעברענט

336 |...|." אַפּאַטאָשו, 10, 213.

ד ו ר כ ג א נ ג - דער, מצ דורכגענג/ (זן) דורכגאנגען.

1. אקט פון דורכגיין. % דער דורכגאנג פון דער באן האט געדויערט עטלעכע מינוט. מ'האט פארבאטן דעם דורכגאנג איבער דער בריק.

1970 " דער 'גלאטיקער' דורכגאנג אין ביידע פאלן, אן שום אינצידענטן, האט מיך א ביסל געשטארקט". 357
י. באגדאן, יזב 7, 367.

2. אן ארט, איינריכטונג ווג/דורך וועלכן מע קאן דורכגיין איבער עפעס, צווישן עפעס פון איין פונקט אויפן אנדערן. % גוטער(באקוועמער, פרייער, ברייטער) דורכגאנג. שלעכטער, שמאלער, געפערלעכער, געהיימער, פארבאטענער) דורכגאנג. עפענען/פארמאכן דעם דורכגאנג. מ'האט געפונען א נייעם דורכגאנג צווישן די בערג. די דורכגענג צווישן די רייען שטולן אין טעאטער זיינען אויך געווען פול מיט מענטשן. ביים דורכגאנג צו דער פאבריק שטייט א וואך.

1914 " זי האט געוווּסט אַלע גענג און דורכגענג".

358 מ. ריבקין, 1, 243.

1922 " איך וועל זיך נעמען באַרג=אַרויף |...| קוים האב איך

362 געמאַכט אַן ערך פֿון הונדערט טריט, ווי דער דורכגאַנג

איז פּלוצעם ברייט געוואָרן |...|". איבז ר. זעליגמאַן, 4.

1945 " די נאַלעווקעס, מיט יעדן אַזאַ מענגע - // מען

354 מאַכט זיך שוין אַ דורכגאַנג ווי עס איז |...|".

סעגאַלאָוויטש, 9, 151.

1971 " עס זענען געהאַנגען גרויסע איילאַמפּן, וואָס

346 האָבן באַלויכטן די דורכגאַנגען און וועגעלעך".

ש. איזבאַן, פּער 69, 3/XII.

|| דורכגאַנגעלעך - די, מצ. "קינדערשפּיל" |קטוו|.

% " מיר פּלעגן זיך שפּילן אין דעם, ווען דער רבי האָט

אונדז אַרויסגעלאָזט פֿון חדר אויפֿן הויף. צוויי

ייִנגלעך האָבן געהאַלטן צוזאַמענגעשלאָסן זייערע הענט
אין פֿאַרעם פֿון אַ בריק, און די איבעריקע קינדער
פֿלעגן אַדורכגיין דורך דער בריק, אָנהאַלטנדיק זיך
איינער בייִם צווייטנס אַרבע=כּנפֿות און זינגען דערבײַ:
"דורכגאַנגעלעך, דורכגאַנגעלעך איבער דער פּוילישער
בריק. איינערליי, צווייערליי, בײַ וועמען ווילסטו
זײַן?"" קשוו.

---

<u>רעד</u>: כ'האָב דעם אײַנדרוק, אַז די באַשרײַבונג איז ניט
געענדיקט: איז די שפּיל באַשטאַנען נאָר אין דורכגיין?
זײַנען אַלע מאָל די אייגענע קינדער געווען די בריק?..
איז ניט געווען קיין געווינער?..

---

0 **דורכגאנגהויף** - דער, =ן/הייף. א הויף פון א הויז, דורך וועלכן מ'האט געקאנט אריבערגיין פון איין ~~דאס~~ איין אן אנדערער.

1940 " |...| איינס און צוויי האט ער זיך אריינגעשלייכט אין א באקאנטן דורכגאנגסהויף". בערגעלסאן, 162,14. 347

**דורכגאנג=לאגער** - דער, =ן, געקירצט: דולאג. (שגל) לאגער, ווו די נאציסטן האבן סארטירט די אנגעקומענע ארעסטאנטן, צעשיקט זיי אין פארשיידענע ערטער אויף ארבעט אדער אויף טויט.

1974 " אין דעם דורכגאנג=לאגער האט יורעק געזאגט, אז ער איז א פויעריש יינגל פון קארטשעוו". 361
עלבערג, 2, 242.

דורכגאַנג=צימער - דער/דאָס, =ן. אַ צימער דורך וועלכן מע מוז דורכגיין צו די אַנצוקומען אין אַן אַנדער צימער פֿון דער דירה. ער איז געשלאָפֿן אין אַ דורכגאַנג=צימער, האָט מען אים אַלע מאָל אויפֿגעוועקט, ווען מע פֿלעגט דורכגיין.

דורכגאַנגשטיין - דער/די, =ען. (שגל) ספּעציעלע דעלויבעניש אַרויסצוגיין און צוריקצוגיין אין געטאָ|נ. בלומענטאַל, פֿער 90, נ׳ XIX - 3|.

דורכגאָס - דער, =ן, פֿפֿ דורכגוס, אַ שמאָלער וואַסערפּאַס, וואָס פֿאַרבינדט צוויי אַנדערע וואַסער=באַסיינען (ימען, אָזיערעס אד"גל). % דער בערינג=דורכגאָס פֿאַראייניקט דעם צפֿונדיקן איי־ז=אָקעאַן מיטן פּאַציפֿיק. די שיף איז דורכגעפֿאָרן דעם דורכגוס פֿון די דאַרדאַנעלן.

1939 " |...| אין יאָר 711 זיינען זיי אַריבער איבערן דורכגאָס פֿון גיבראַלטאַר |...|". מ. וויינרייך, 144,4. 367

1953 " |...| ערשט אין פֿעברואַר איז די שיף אַריין אין באָספּאָרישן דורכגוס". איבן י. מארק, 3, 62. 372

(?בנ?)

ד ו ר ך ג א פ ן - אוטוו. בנב.

1626 "דא האט יואב גיבראכט איין צווייגהפטיגן בוקס בוים אונ' האט איין גביקט אונ' האט זיך געהנגן דראן אונ' גוט הוט איין נס גיטאן הוט דיא מויאר נידרר גימאכט דא איז יואב דער דורך גיגאפט איבר דער מויאר מיט דער גוטש הילף". ס'המגיד, 1, תהילים, יח - ל. 368

רעד: לויט דעם קאָנטעקסט דארף עס באַטײַטן "שפּרינגען, אריבערשפּרינגען". אגב איז אין דעם פּסוק גופא פון תהילים דערמאָנט "שפּרינגען"... ובאלוהי אדלג שור, טײַטשט יהואש: און מיט מײַן גאָט שפּרינג איך אַ מויער אריבער".

ס'קען אויך זײַן אַז מע דארף ניט לייענען "דורך גיגאַפּט" צוזאַמען נאָר דערדורך גיגאַפּט".

ד ו ר כ ג אַ ר ב ן - טרוו. גאַרבן, א ויסגאַרבן (פּעל, לעדער)

אין גאַנצן, פֿולשטענדיק , פֿון אַלע זײַטן.

1922 " |...| פֿון איין זײַט, דאַרף די פּעל אויף אַזוי

369 געשוואָלן ווערן, אַז דער גאַרבשטאָף זאָל לײַכט אין

איר אַרײַנדרינגען און זי גלײַכמעסיק דורכגאַרבן".

וואלך, 1, 18..

ד ו ר כ ג א ר ג ל ע ן  ז י ך - קזונ. דורכרעדן זיך שרייענדיק.

1925 " פלעגט מען זיך דורכגארגלען געהעריק".

370 י.י. שווארץ, 3, 71.

ד ו ר כ ג ו מ ע ו ו ע ן - טרון, פּפֿ דורכגומען.

דורכנעמען, דורכזאַפּן א שטאָף מיט א מאַטעריאַל וואָס

זאָל מאַכן דעם שטאָף עלאַסטיש, צעציִגעוודיק, ווי גומע.

556 1928 " האָט די מאַשין אַרויפֿגעלייגט אויף דער מאַטעריע א

שיכט גומי. האָט זיך באַקומען שטאָף, וואָס איז דורכגעגומעט

פֿון איין זייט". איזרא, 72,2.

ד ו ר כ ג ו מ ע ן - ----> **דורכגומעווען.**

ד ו ר כ ג י י ן - טרוו/אוטוו, פּפּ אדורכגייין, פאַר דורכגעגאַנגען, ווס: דאָס דורכגייין,דער דורכגייי.

1. דורכמאַכן,איבערקומען אַ געוויסן מהלך,וועג א"ע.

א) טרוו. מיט די פיס (וועגן מענטשן,בעל=חיים).

% מיר זיינען דורכגעגאַנגען 20 קמ צו פוס. דעם גאַנצן מאַרשרוט דאַרף מען דורכגייין אין איין טאָג.

זי איז דורכגעגאַנגען די גאַס ביזן סוף און ניט געפונען די געזוכטע שטוב. די קאַוואַלעריע איז דורכגעגאַנגען לעבן דער שטאָט ביי נאַכט. לויט די שפורן זעט מען, אַז דאָ זיינען דורכגעגאַנגען וועלף.

1901 " גייענדיק איף דער לעקציע, פלעגט שוואַכמאַנען אויסקומען דורכצוגייין איינציקע שטילע געסלעך". רייזען, 4, 60.

1929 " איבער יענעם שטיביקן וועג |...| זיינען איך איינעם אַ פרימאָרגן דורכגעגאַנגען פיר הויכע אַנגעטאָסעוועט וואַגנס |...|". מאַרקיש, 4, 62.

425

1961 "ס'איז פדאַי געווען צו באַהאַלטן אויפן |...|

457 הוילן לייב אַ מאַנוסקריפּט און דורכגיין מיט אַ פרייליכן

פּנים פאַרביי דער דייטשער וואַך |...|".

גראַדע, פער 69, XI /24.

ב) אוטוו. דורכפאָרן, דורכפליען, דורכשווימען א"ע (וועגן קאָמוניקאַציע=מיטלען). % עטלעכע עראָפּלאַנען זיינען דורכגעגאַנגען זייער נידעריק. די באַן וועט דורכגיין ביי נאַכט. דאַ גייט דורך אַ שיף יעדן טאָג.

ג) טרוו. גיין דורך (אין דער קווער פון) עפּעס, אַריבערקומען אויף דער צווייטער זייט פון עפּעס, אַריבערגיין, אַריבערפאָרן. % מע טאָר ניט דורכגיין די גאַס ביי אַ רויטן סעמאַפאָר. דאָס טייכל איז פלאַך, מע קאָן עס דורכגיין צו פוס. ער איז דורכגעגאַנגען די גרענעץ בשלום. די פערד זיינען קוים דורכגעגאַנגען דעם זומפּ.

1887 " אייניקע פאַרבײַגייענדיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט
אויפן ברעג און האָבן געקוקט ווי די באַרקע איז 416/1
דורכגעגאַנגען דעם בריק". זאביעזענסקי, 1, 34.

1934 " ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געבליבן שטיין,
ווי אַ סטרונע אויסגעצויגן. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, 427
ווי ער וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אַ מאַנגל |...|".
אַש, 13.

1972 " דאס מיידל גייט אַדורך דעם שטיינער=געפלאַסטער
און לאַכט". ראַזענפאַרב, 2, 445. 427

ד) אוטוו. באַוועגן זיך (ווערן באַוועגט), פליסן, אַראָפּפאַלן
(וועגן ווינט, געוויש, רעגן א"ע). %אַ שטורעם איז
דורכגעגאַנגען איבערן וואַלד. די וואָלקנס גייען
דורכן אויף מערב=זײַט. ס'וועט מסתמא דורכגיין
אַ שלאַקסרעגן. אַ ווינטל גייט דורכן איבער די ביימער.

1887 "|...| ווערט ער געדיכט |דער פֿראַשעק| און האַלט
אויף דעם ספּירט ווײַטער פֿון דעם גראַדוסניק, וואָס די
אַקציזנע פֿראַוולעניע |=אמט|, שטעלט אויף צו וויסן, וויפֿל 445/1
ספּירט ס'איז דורכגעגאַנגען". פּער 74, נ' 15.

1957 " אין דעם שטח איז געווען אַ קליין טײַכל, וואָס
איז דאָרט דורכגעגאַנגען". איבזאַן, ליקוטי דיבורים, 384
ז' 320.

1968 " צווישן דעם טויזנטקעפּיקן עולם איז דורכגעגאַנגען
אַ געמורמל |...|". מ. רעכטמאַן, יזב 2, 415.

ה) אוטוו, פֿיג. פֿאַרשפּרייטן זיך, באַוויַיזן זיך (וועגן
דערשיַינונגען, אַבסטראַקטע באַגריפֿן). % אַן עפּידעמיע
איז דורכגעגאַנגען איבערן לאַגער. אַ כוואַליע פֿון
אומרוען גייט דורך איבער דער מדינה. אין דעם
ראָמאַן גייען דורך פֿאַרשידענע טיפּן.

1934 " אַ שלעכטע צײַט איז אױפֿגעשטאַנען אױף דער װעלט,
421 איבער דער ערד זענען נאָר װאָס אַדורכגעגאַנגען די
מלחמות פֿון גוג און מגוג". אש, 13.

1957 " אין דעם גרױסן טומל און גערױש פֿון װעלטלעכן
351 גײען דורך אַזעלכע |...| טרעפֿונגען, װאָס מאַכן אַ
געװיסע איבערקערעניש אין לעבן". אנ, ליקוטי=דיבורים,
ז' 344.

2. אוטור. דורכדרינגען, אַרײַנבאַקומען זיך דורך עפּעס.
% די קױל איז דורכגעגאַנגען דורך די לונגען.
דורך די שפּאַלטן אין די לאַדנס גײט דורך אַ שטראַל ליכט.
דער טיש װעט ניט דורכגײן דורך דער טיר, ער איז
צו גרױס.

1891 " ווען די אונטערשטע שיכטע ערד איז ליימיק,
וואָס די פֿײַכטקייט קען דורך איר ניט דורכגײן, 469
קען מען דאָס פֿעלד ניט נוצן צו לוצערנע". וועבער, 10,1.

3. אוטוו. (פֿיג) ווערן איבערגעטראָגן, איבערגעשיקט,
איבערגעגעבן. % דאָס בוך איז דורכגעגאַנגען א סך
הענט. די בקשה וועט דורכגײן פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן,
ביז מע וועט ענטפֿערן.

1887 " בײַ די מענטשן, וואָס וועט דורכגײן דאָס געלט,
זאָל זיך אויף זייערע הענט גאָרניט אָנקלעפּן". 418
בעקערמאַן, 22,8.

1895 " |...| עס איז נאָר צו באַדויערן, דאָס די באַשענקונג
איז דורכגעגאַנגען דורך צען הענט". דיק, 101. 418/1

ד ו ר כ ג ע ש פ ר אַ צ ט - פאר־פּוּן דורכשפּראצן.

549 דור-

ד ו ר כ ג ע ש פ ר ו נ ג ע ן – <u>פאר פון</u> <u>דורכשפּרינגען</u>.

ד ו ר כ ג ע ש פ ר יי ז ט - פאר פון דורכשפרייזן.

ד ו ר כ ג ע ש פ ר י י ט - פֿאַר פֿון דורכשפּרייטן.

ד ו ר כ ג ע ש פ ר י צ ט - פאר פון <u>דורכשפריצן</u>.

553 דור-

ד ו ר כ ג ע ש פּ ר ע כ ט - פֿאַר פון דורכשפּרעכן.

ד ו ר כ ג ע ש ר י ב ן ( ז י ך ) - פאר פון דורכשרייבן (זיך).

555 דור-

ד ו ר כ ג ע ש ר י ג ן- (זיך)

~~ד ו ר כ ג ע ש ר י ע ן-~~ פאר פון דורכשרייען (זיך).

ד ו ר כ ג ע ש ר פ ע ט |דורכגעסארפעט| - פאר פון דורכשרפען.

ד ו ר כ ג ר א ב ל ע ן – טרוו. 1. גראבלען עפּעס פון אַלע זײַטן, אין גאַנצן, אויף דורך און דורך. % ער האָט דורכגעגראָבלט די גאַנצע הויט פֿון דער האַנט, אַזוי שטאַרק האָט אים געביסן.

2. (פיג) "דורכזוכן, דורכנישטערן אומעטום"|קטוו|.
% "אַז מען גריבלט |זיך| אין אַ געדאַנק, אין אַן ענין, דאַרף מען אויך דורכגראָבלען די אַנדערע געביטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער זאַך"|קטוו|.

**דורכגראבן** - טרוו. 1. גראבן אויף א געוויסן שטח ביזן סוף, אין גאנצן. % מע האט דורכגעגראבן דעם גאנצן הויף און ניט געפונען דאס באהאלטענע געווער.
אין איין טאג קאן מען ניט דורכגראבן אזא גרויסן גארטן.

1900 " אונטער אן ~~אך~~ אגאראד |=גארטן| איז שוין שווערער צוצוגרייטן דעם גרונט, ווייל דא דארף מען אים שוין אין גאנצן דורכגראבן און אויך באמיסטיקן". וועללער, 1, 12. 796

2. גראבנדיק דורכפירן, דורכציען עפעס. % דורכגראבן א קאנאל. % מע וועט דורכגראבן א טונעל אין די בערג.

3. גראבנדיק דורכגיין, דורכבויערן עפעס דורך און דורך. % מע האט דורכגעגראבן דעם בארג צו עפענען א וועג.

ד ו ר כ ג ר ו י ל ן - טרוו. גורם זיַיך צו דערשפּירן א גרויל אין גאַנצן קערפּער, אויף דורך און דורך.

1921 " |...| דיַיך ערשטער בענקשאַפט=וויי, וואָס האָט אדורכגעגרוילט דיַיך גוף |...|". א.צ. גרינבערג, 1ב,41. 798

1964 " דער אָנבליק פון געטרייבערטע בהמות, אויפגעהאָנגענע אויף האָקנס, האט אים אזוי דורכגעגרוילט". גראַדע, פער 69, 21VIII. 797

560 דור

ד ו ר כ ג ר ו נ ד ע ר  - דער, =ס/מצ דז.(עלט) בנב.

1885 " ער איז אייך ווערקער און אייך דורכגרונדער

800 און אייך פֿאַרשער און אייך דורכזוכער |פֿון| אַלע הערצער".

איבן אנ, מחזור 4, 15.

561 דור

ד ו ר כ ג ר ו נ ט ע ו ע ן – גרונטעווען (II,ב'1)

אומעטום, ביזן סוף, דעם גאַנצן שטח (פֿון טײַך/אַזיערע א"א).

1957 " דער אַלטער איז ממש ווי אין וואַסער אַרײַנגעפֿאַלן.

801 האָט מען דורכגעגרונטעוועט דאָס טײַכל". ברוסילאָוו, 2, 171.

ד ו ר כ ג ר י ל צ ן - אוטוו. ארויסגעבן א גרילצנדיקן

קלאנג במשך פון א קורצער צייט,אויף איין מאמענט.

1928 " דאס האט דורכגעגרילצט אזוי אומגעריכט און

802 אומדערוואַרט,ווי א הינטישער ביל פון הינטער א טויער".

קושניראוו,25,3.

564 דור -

דורך דאַנעט / דאַנען - אַדוו פֿר. דורך/מיט דעם וועג, דורך דעם אָרט. % דורך דאַנעט קאָן מען ניט גיין, דער וועג איז פֿאַרשטעלט. דורך דאַנען איז גרינגער אַריבערצוגיין דאָס טייכל, דאָ איז עס פּלאַך.

1940 " דאָס קאָן גראָד זײַן. דורך דאַנען ליגט זײַן וועג, אויב ער וועט וועלן לויפֿן צו דער גרענעץ".

קושניראָוו, 5, 33.

806

563 דור

**ד ו ר כ ד א כ ט ן** – טרוו. דורכטראַכטן עפּעס אין גאַנצן, פולשטענדיק. %דורכדאַכטן אַן עניין פֿון אַלע זײַטן.

1938 "די קאָנסט גאָרניט פֿאַרשטייַן, כל=זמן די האָסט אַלייִן ניט דורכגעדאַכט, דורכגעלעבט אַט דעם אומגעהײַיער שווערן מעטאַפֿיזישן פּראָצעס, וואָס פֿירט צו אַזאַ שיטה". 805

קאַראַלניק, 1, 47.

ד ו ר כ ד ו נ ע ר ן - אוטוו. דורכגיין, צעטראָגן זיך גיך
(ווען א שטאַרקן קלאַנג, רויש[ווי] פון אַ דונער).

1956 " ס'אַ מאַרד! - האָט דורכגעדונערט אויפן ראַט, און
809 גלײַך די קעפּ אַראָפּגעבויגן בײַ דער ערד".
מאַרקיש, 11, 506.

1962 " הינטער אונדז האָט דורכגעדונערט די באַטאַרייע".
808 איבן ש. גאַרשמאַן, דער יובילײַ, פּער 131, נ'1, ז'82.

ד ו ר כ ד ז י ו ב ע ן - ----> דורכדזשובען.

567 דור

ד ו ר כ ד ז ש אַ ב ע ן - ----> דורכדזשובען.

568 דור-

ד ו ר כ ד ז ש ו ב ע ן - אוטוו, פּפּ דורכדזיובען, דורכדזשאבען.

דורכקלאַפּן, דורכלעכערן מיט אַ שנאָבל; דורכפּיקן.

די פֿייגל האָבן דורכגעדזשובעט אַ סך בארן אויף די

ביימער.

569 דור־

?נ? ד ו ר כ ד ז ש י ג ע ן - טרון. (אַמ) דורכטאַנצן,

דורכטענצלען.

812 |1926-1931| " דער יונג האָט 'דורכגעדזשיגעט' עטלעכע מאָל

דעם סטאַר - טאַם-טאַ-טאַם-טאַ-ראַם-טאַם! טאַם-טאַם!".

אָפּאַטאַשו, 6, 65.

570 דור־

ד ו ר כ ד ז ש ע ג ע כ צ ן - טרוו, פּפּ דורכדזיעגעכצן.

דורכזאַפּן מיט דזשעגעכץ,אויסשמירן מיט דזשעגעכץ אומעטום.

% דורכדזשעגעכצן אַלע רעדער פון וואָגן.

1938 " שמעקסטו ליב, ווי דו ביסט,איך מוזשיצקן |=פויערשן|

גענוס,// דורכגעזאַפּטע(פון)מיסט,דורכגעדזשעגעכצטע רוס". 632

לויטין, 2, 266.

ד ו ר כ ד י ס ק ו ט י ר ן - טרוו. דיסקוטירן עפּעס גרינטלעך, פֿון אַלע זײַטן, פֿולשטענדיק.

1949 "|...| וועט דאָך אין אַלע פֿאַלן זײַן כדאַי זײַנע רעדאַקציאָנעלע פֿאָרשלאָגן דורכצודיסקוטירן". 818
מ. ווײַנרײַך, פּער 90, נ׳ XI, ז׳ 2.

1949 " דורכצודיסקוטירן בפּרטיות די גוואַלדיק גרויסע צאָל פּראָבלעמען |...| וואָלט געפּאָדערט אַ בוך |...|". 819
ל. נעמאַי, פּער 94, נ׳ XXXIII, ז׳ 99.

?נ? ד ו ר כ ד ע ק ן - טרוו. צודעקן/פארדעקן אין גאנצן, פולשטענדיק, דורכויס.

1921 " |...| א שטילע, טיפע, פון יארן לאנג דורכגעדעקטע גלוסטונג". אש, 4, 53. 560

......................................................................

רעד: איז דא אזא ווארט?! ס'איז זייער מיגלעך נאך איינס פון אשס פארגרייזטע ווערטער אדער א טעות=הדפוס.

......................................................................

ד ו ר כ ד ר אָ ז ש ע ן - אוטוו. דזוו דורכציטערן.

% זיי זײַנען געקומען דורכגעדראָזשעט פון קעלט.

ל.טרייסטער, פער 169, נ'פון מערץ.

1960. דאָס, װאַמערן איז געװען אַזױ דערפֿול און "דורכדראָזשנדיק".

ד ו ר כ ד ר אַ פּ ע ן - טרוו. 1. צעדראַפּען עפּעס
אויף דורך און דורך.

2. (פּיג,איר) דורכגיין שוואַך,באַהערשן עפּעס אין לערנען.

1956 "שמעון קען שוין דורכדראַפּען אַליין אַ תוספות".
826 סיימאַן, 136,1.

1961 " |...| יינגלעך און אָרעמע=לייט,וואָס האָבן קוים
827 געקענט אַדורכדראַפּען אַ שורה 'ליקוטי מהר"ן".
מ.שטריגלער, פּער 9, ר"ה=נומער, ז' 84.

ד ו ר כ ד ר ו נ ג – דער,בא。|אפֿרו| דזוו דורכדרינג.

ד ו ר כ ד ר יי ע ן - טרוו. 1. דרייענדיק אַ קײַלעכיקע זאַך, באַוועגן זי דורך עפּעס.

1895 " |...| פֿלעגט מען אים |דעם זינדיקן|צובינדן צו דעם ראָד און עטלעכע מאָל דורכדרייען איבער אַ שטאַרקן פֿלאַקער". ש.בעקערמאַן, 2, 122. 828/1

2. (פֿיג,שש) אַרײַנברענגען עמעצן אויף אַ שטעל,פּאָזיציע דורך פּראָטעקציע אָדער אויף אַ ניט=ערלעכן אופֿן; אַרײַנדרייען. % זײַן פֿעטער דער מיניסטער האָט אים דורכגעדרייט אויף אַ גוטן פּאָסטן.

|| דורכדרייען זיך - 1. רעפֿלעקסיוו פֿון דורכדרייען,ב׳1. % די רעדער האָבן זיך דורכגעדרייט עטלעכע מאָל און געבליבן שטיין.

2.

578 דור-

2. באוועגן זיך מיט/אויף עפעס וואס דרייט זיך.
% די קינדער האבן זיך דורכגעדרייט אויף דער קארוסעלע
א היפשע ווײַלע.

1971 " זיי האבן זיך דורכגעדרייט מיט דער דרייטיר
צו 'טשיילדס'. דער הויפטקעלנער האט זיך פארנייגט,
זיי צוגעפירט צו א געגרייט טישל". ב.דעמבלין,
פער 21/XI,155.

3. (פיג) אריינבאקומען זיך,אריינקריגן זיך ערגעץ.
% עס איז זיי געראטן דורכצודרייען זיך אויפן פליפעלד,
ניט געקוקט אויף דער שמירה.

4. (פיג) זיך געבן אן עצה, געפינען א מיטל,אן אויסוועג
צו טאן עפעס, איבערקומען. % ער וועט מוזן דורכדרייען זיך
עטלעכע וואכן,ביז ער וועט קריגן ארבעט.

829

579 דור –

1884 "מײַן פֿאָטער ז"ל האָט מיר פֿאַרזאָגט, דאָס איך

830 זאָל זען אין די גרעסטע סיבה ר"ל דורכצודרייען זיך,

נאָר ניט מחלל־שבת זײַן". |איבז?| ראם, 1, 8.

דורכדרימלען (זיך) - טרוו/אוטוו.

פֿפֿ דורכדרעמלען (זיך). פֿארברענגען א געוויסע צייט דרימלענדיק, איך א גוטן דרימל. % פֿאסאזשירן האבן דורכגעדרימלט די עטלעכע שעה ווארטעניש אויפֿן וואקזאל. מע וועט זיך גוט דורכדרימלען איך די ווייכע שטולן פֿון עראפּלאן.

1888 " איך בין אוועק זוכן א מקום מנוחה, ווו זיך אפּצורוען און א ביסל דורכדרעמלען". פּער 74, נ׳11, ז׳333. 888

1910 " אז מען האט זיך אבער דורכגעדרעמלט, אויסגעניכטערט, |...| איז געווארן ביטער אויפֿן הארצן". א. שטיינבערג, פּער 125, יוני, ז׳ 42. 889

ד ו ר כ ד ר י נ ג – דער,בא. (שנש) אקט פון דורכדרינגען, דאָס דורכדרינגען.

1938 "אַ דורכדרינג פון בליקן אין פּלאַם,// אַ מאַסע,
833/1 ווי ענג און ווי גראַם |...|". ליעסין,1, 147.

ד ו ר כ ד ר י נ ג ב א ר - אדי/אדוו. |מארק ווב 1887|

(דטשמ) וואס לאזט זיך דורכדרינגען. % ליייוונט

איז א דורכדרינגבארער שטאף פאר וואסער.

|| דורכדרינגבארקייט - די,בא. (דטשמ) אייגנשאפט פון

זיין דורכדרינגבאר.

ד ו ר כ ד ר י נ ג ו נ ג - די, בא. אַקט אָדער רעזולטאַט

פֿון דורכדרינגען. % די פּאַרטיזאַנער פֿלאַנירן די

דורכדרינגונג פֿון דעם שונאס פּאָזיציעס.

דו́רכדרינגיק -אדי/אדוו. וואס דרינגט דורך.

% ער קוקט מיט דורכדרינגיקע בליקן. אין דרויסן

איז היינט א דורכדרינגיקע קעלט.

ד ו ר כ ד ר י נ ג ל ע ך - אדי/אדוו. 1. וואס דרינגט דורך;
דורכדרינגיק. % דורכדרינגלעכע בליקן.

1922 "|...| קוקט |...| מיט שמאָלע דורכדרינגלעכע
אויגן". זינגער, 1, 9. 840

1956 "|...| האט ער דעם בליק נאָכער איבער די אָפּגעשטעלטע
דורכדרינגלעך גענומען פּירן". מארקיש, 185, 10. 841

2. וואָס מע קאָן דורכדרינגען, קאָן ווערן דורכגעדורנגען.
% די פּאָזיציע פֿון שונא איז איצט זייער א דורכדרינגלעכע,
מע קאָן זי גרינג פֿארכאַפּן.

1875 " מיט א יאָר הונדערט און פֿופֿציק צוריק האָט
אונדזער ליטע גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. |...| דען
עס וואָר דאָן גרויסע שטרעקן באַדעקט מיט אומדורכדרינגלעכע
וועלדער |...|". דיק, 80, 3.

|| דורכדרינגלעכקייט - די,בא. 1. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין דורכדרינגלעך,ב 1.

1965 " די מאמע האט מיט איר דורכדרינגלעכקייט באלד געזאגט: מיר האבן געקריגן די אמתע שכנטע". 850
קאגאנאווסקי,4, 80.

2. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין דורכדרינגלעך,ב 2.

1923 " נאך לארד קעלווין,איז דער עטער א הארטער קערפער מיט אן אייגנשאפט א פארשיידענע פון אנדערע קערפער דורך זיין דורכדרינגלעכקייט". גוטנבוים, 1, 16. 851

ד ו ר כ ד ר י נ ג ע ן - טרוו. 1. פֿאַר (איז/האָט)דורכגעדרונגען,
אַרײַנבאַקומען זיך אין עפּעס און דורכגיין אויף
דורך און דורך. % דאָס ליכט איז דורכגעדרונגען
דורך אַ שפּאַלט אין לאָדן. רעגנטראָפּנס קאָנען
דורכדרינגען ניט דורכזיכטיקע קערפּערס. ס'איז
שווער דורכצודרינגען דעם געדיכטן וואַלד.

1900 " זײַן היסטעריש וויינען איז דורכגעדרונגען
871 דורך די ווענט אין די דערבײַיִקע קאַמערן, אַנ, אין קאַמף.

1934 " אַ, ווייטיק פֿון ערינערונגען!// אַ,אַפּנאַר וואָס
871/1 דערהויבט,// וואָס האָט די שאָטנוועלט באַצוווּנגען//
און יעדן חושך דורכגעדרונגען,// און אַלץ באַשײַנט
באַלויכט!". ליעסין, 2, 163.

1971 " ווי וויל מײַן ברודערס אַלטע פֿאַלטא האָט געהאַט
857 |...| אַ וואַטעלינע,האָט די קעלט דורכגעדרונגען
מײַנע בײנער". באַשעוויס, פּער 155, VIII/28.

2. (פיג) גוט פאַרשטיין, באַנעמען טיף. % דורכדרינגען דעם סוד.

1963 " ס'איז פיל גרינגער צו זען בלויז דאָס אויבנאויפיקע אײדער דורכצודרינגען איין עמקות פון אַן ענין". 867

ה. זיידמאַן, פער 69, 14/VI.

|| **דורכדרינגענדיק** - אַדי/אַדוו. 1. וואָס דרינגט דורך, נעמט דורך, גייט דורך און דורך. % א דורכדרינגענדיקער ווייטיק. איין דרויסן איז א דורכדרינגענדיקע קעלט.

2. וואָס פאַרשטייט/באַנעמט אַן ענין טיף, פאַרטיפט זיך.

1938 " איין אַ נייער איראָפּעישער אַטמאָספער וואָלט ער געוואָרן א מין וויינינגער, פאַנטאַסטיש, שארף דורכדרינגענד און מער פּאַראַדאָקסאַל ווי גרונטיק". קאַראַלניק, 1, 53.

□ דורדרינגען מיטן בליק/וואר: מיט די אויגן) -
קוקן שארף, פאַרשעריש.

1911 "|...| זי ווייטער האָט געפילט, ווי זײַנע בליקן
דרינגען איר גאַנצן קערפּער אַדורך". ווייסענבערג, 2, 90. 872

דורכדרינגענדיק אויג - דזוו דפוו.

|1926-1931| "בעני |...| האָט |...| אָנגעקוקט משהן מיט
אַ פּאָר דורכדרינגענדיקע אויגן, אַז עס איז אים אַזש 873
קאַלט געוואָרן". אָפּאַטאָשו, 6, 166.

□ דורכן דרינגען.

-----> 1.

1544" ער אונ׳ זײַן צוויין ברוידר דרונגען דורך זיא
אל.// מענכן שטארקן היידן שלאגן זיא צו טאל". 858
שמואל=בוך, סטר׳ 814.

1716 " אונ׳ אז דש ליכט פון דען שכל היבט זיא אן

862 דורך צו דרינגן |...|". חובות הלבבות,1,דף קנג.

דורכדרינגעריש - אדי/אדוו. (שנש) וואס איז

פעיק, מסוגל דורכצודרינגען, ב׳ 2.

1939 " |...| דארף מען אפנים זיין אזוי טיף און

דורכדרינגעריש ווי א סטעפאן צווייג, ~~פדי אנצוווייען~~ 882

|...|". י. מארק, פער 176.

591 

ד ו ר כ ד ר י ק ן - טרוו. דריקנדיק, באַוועגן עפּעס דורך עפּעס. % דורכדריקן דעם שטאַנג דורך דעם רינג פֿון שלאָס.

דורכדריקן זיך - רעפֿל. דורכשטופּן זיך דורך עפּעס.

1904 " דאָס צימער ביים רב איז געפּאַקט, אַז ר' ברוך האָט

885 זיך קוים געקענט דורכדריקן". י"הל, 3, 9.

592 דור -

ד ו ר כ ד ר ע ט ל ע ן - טרוו. דורכציִען/דורכפירן דרעטלעך

דורך עפעס. % דער טעפער דרעטלט דורך דעם טאָפ מיט

צוויי דרעטלעך.

593 דור -

דורכדרעלעוון |ווייכער ל| - טרוו. דרעליעווען אויף דורך און דורך; דורכבויערן.

1943 " |...| אַט דאָס דורכדרעלעווען זי מיט זיינע בליקן ". י. ראָזענפעלד, פער 9, IV/18.

594 - דור

ד ו ר כ ד ר ע מ ל ע ן - -- <-- דורכדרימלען.

ד ו ר כ ד ר ע נ ג ע ן ז י ך - <u>אוטון</u>. <u>דזוו</u> <u>דורדריקן זיך</u>/

<u>דורכשטופן זיך</u>. % ס'איז שווער געוועץ זיך

<u>דורכצודרענגען</u> דורך אזא געדיכטער מענטשן=מאסע.

דורכדרעפּטשען - <u>אױטאָ</u>. דורכגײן מיט קלײנע דראָבנע טריט. % דער אַלטיטשקער קען קױם <u>דורכדרעפּטשען</u> דעם צימער.

1930 " |...| <u>דורכצודרעפּטשען</u> דעם בלאָטיקן װעג |...|". <u>אש, 11</u>. 894

רעד: כּדאַי צו געפֿינען די ציטאַטע ברײטער.

597 דור –

ד ו ר כ ד ר ע ש ן – טרוו. דרעשן אין גאנצן, אלץ,ביזן סוף.

% די פויערים האבן שוין דורכגעדראשן די גאנצע

תבואה זייערע.

פאַר דורכגעהאַט.

דורכהאַבן - טרוו. (נאַר אין פּצ?) 1. האָבן עפּעס א סך מאָל. %דער יונגערמאַן האָט שוין דורכגעהאַט א סך שטעלעס, אָבער ביי קיינער ניט געהאַלטן זיך לאַנג.

2. דורכלערנען, איינלערנען.

1896 " |...| געווען קלאָר אין גאַנץ תּנ"ך, געוווסט אייניקע הלכות אין שולחן-ערוך, האָט דורכגעהאַט א פּאָר מאָל עין-יעקב". אחוזן, 2, 46. 896

3. דורכמאַכן, איבערלעבן |סטוטש 437|.

599 דור -

ד ו ר כ ה אַ ל ט ן - טרוו. דזוו אויסהאַלטן, איבערטראָגן.

% דורכהאַלטן ווייטיקן. מע וועט דורכהאַלטן אַלע נסיונות.

1957 " מען האָט געלעבט מיט בטחון, אַז מען וועט די שלעכטע

900 צײַט דורכהאַלטן". מ. באַכנער, יזב 9, 253.

1960 " אַ סך פֿון מײַנע צײַט=חברים זענען געבליבן

902 ליגן אונטער די רעדער פֿון דער צײַט. איך האָב דורכגעהאַלטן".

איבז ל. אליצקי, פער 47, דעצעמבער, ז' 26.

600 דור -

ד ו ר כ ה אַ נ ד ל ע ן - טרוו. האַנדלען אַ געוויסע צײַט.

1956 " מיר האַנדלען דורך די טעג,// מיט לײַען און

בּאָרגן |...|". גלאַטשטיין, 1, 52. 903/1

ד ו ר כ ה אַ פ ק ע ן - טרוו. 1. האַפקען, (אונטער)שפּרינגען דורך עפּעס. % דאָס קינד האָט דורכגעהאַפּקעט איף איין פוס דעם גאַנצן הויף.

2. האַפּקען (טאַנצן) אַ געוויסע צײַט. % די מיידלעך פלעגן אַזוי דורכהאַפּקען גאַנצע אָוונטן.

602 דור -

ד ו ר כ ה א צ ק ע ן  ז י ך  - אוטוו. האַצקען זיך אַ געוויסע
צײַט, אַ ביסל. % עטלעכע שעה האָבן זיך די פֿאַרשווינען
דורכגעהאַצקעט אויף דער פֿור, ביז זיי זײַנען אָנגעקומען
אין שטעטל אַרײַן.

דורכהאַק - דער, =ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכהאַקן.

2. (לאָקל, מלאַווע, פּוילן). אַן אויסגעהאַקט לאָך אין אײַז פֿון וואַנען מע שעפּט ווינטער וואַסער.

|אַפּאַטאַשו, פּער 90, נ׳ ד - 6, ז׳ 184|.

% דער דורכהאַק אין טײַך איז געווען פֿאַרשאַטן מיט שניי |דצוו|.

רעד: בײַ אונדז (לוצק) האָט עס געהייסן "א פּאָלאָנקע" ווי אין אוקראַיִניש: полонка.

|| דורכהאַקונג - די, =ען. דזוו ב׳ 1.

ד ו ר כ ה א ק ן – <u>טרוו.</u> 1. מאכן אן עפענונג,
מיט א האק אדער אן אנדער האקנדיקן מכשיר.
% דורכהאקן א לאך. מע וועט מוזן דורכהאקן די וואנט,
כדי צו מאכן נאך א פענצטער.

1927 " און אז איך האב מיין לעצט געשריי// ארויסגעקרעכצט
912/1 דורך ציינגעקריץ, - האט זיך אראפגעלאזט א בליץ//
און דורכגעהאקט די ערד אויף צוויי". מ.ל.האלפערן,1,238.

1928 "|...| אויף מיין פוס הענגט א גלוטיקער רויטער
912 הארטער צאפן,ווי עמעצער וואלט מיר דורכן פוסגעבייך
אדורכגעהאקט א ריזיקן נאגל". ראבאן, 1, 613.

1964 " געטאפט און געזוכט אין דער שליימיקער חשכות//
912/2 און דורכגעהאקט צאם און געשטרויכל". מאניק,2,84.

2. מאכן א וועג, א דורכגאנג מיט דער הילף פון העק אדער אנדערע מכשירים. % דורכהאקן א וועג אין וואלד.
מע וועט דורכהאקן א טונעל דורכן בארג.

3. האקנדיק דורכמישן מיט עפעס.

1921 "|...| דאס ביסל גוטע לעברלעך, דורכגעהאקט
909 מיט ציבעלעס". אש, 2א, 43.

|| דורכהאקער - דער, =ס. 1. דער וואס האקט דורך.

2. געצייג וואס האקט דורך |מארק ווב 936|.

דורך האקן

1. <----

1743 "|...| איך זעלבן האב ביי גוואונט איין דז יאר
911 (תע"ג) דז איין שטודענט איין יודישי פראה האט
דען קאפף דורך גהאקט |...|". שארית ישראל, דף קכב.

ד ו ר כ ה אָ ר ע ו ו ע ן - טרוו. 1. האָרעוועז אַ געוויסע צײַט. % עטלעכע חדשים וועט ער מוזן דורכהאָרעוועז אַן שכירות, ביז ער וועט זיך אויסלערנען דאָס פאַך.

2. דורכאַרבעטן, באַאַרבעטן. % דעם דאָזיקן ענין האָט מען גוט דורכגעהאָרעוועט, ביז מען איז געקומען צו אַן אויספיר.

1957 "|...| האָט דער רבי געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט היפּשע מנינים |חסידים| אייגן אויפגעהאָדעוועט און גוט 573
דורכגעהאָרעוועטע". איבן אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 392.

ד ו ר כ ה ו י ד ע ן ז י ך - אוטוו. הוידען זיך אַ גאנצ

געוויסע צייַט. % די קינדער ווילן זיך דורכהוידען

אַ ביסל אויף דער נייַער הוידעלקע.

דורכהויה - דער, בא. |מארק ווב 944|.

אקט אדער רעזולטאט פון דורכהויכן |מארק ווב 944|.

przedech

רעד: מארק טייטשט עס פון פוילישן וואס מיינט אין פויליש, דער עיקר: טראנספיראציע.

ד ו ר כ ה ו י כ ן - טרוו. הויכן דורך עפּעס, לייכט דורכבלאָזן.

1972 " איר מיידליש באַבעדיק פּנימל |...| האָט אויסגעזען

917 ווי דורכגעהויכט, דורכזיכטיק". ראָזענפּארב, 2,466.

ד ו ר ה ו י ל ן - טרוו. (עלט) אויסהוילן, מאַכן ליידיק אינעווייניק.

ם **דורך הולן.**

1668 " אונ׳ איני וויניג איז דער באלקן גאנץ און גאר

דורך גיהולט גיוועזן אונ׳ דר נאך ווידר אום גיפילט 576

פון הייטן דער ווילדן אקסן צו זאמן גידרעהט אונ׳

גיפלוכטן". יוסיפון, 3, דף רל"ו.

דורכהויף – דער, =ן. 1. הויף מיט ארויסגאנג אויף צוויי אָדער מער גאסן.

... " בערל האָט דורך אַ פּאָר |...| דורכהויפן זיך 918 אריינבאַקומען צוריק אין צענטער פון שטאָט".
קאַציזנע, 4ד, 265.

2. (רעג, ליטע) הויף מיט קרעמלעך און שטעלן מיט אַלטוואַרג.

1825 " איך האב זיך מיישב געווען און האב געקויפט 922 איין קליין קרעמל אין דורך הויף, דען מיר איז די פרנסה געפעלן מיט אלטי איזין צו האנדלין".
אנ, מסדר אגרת, 1 (ציט עלזעט 3, 36).

1971 " אין דורכהויף פון די אַלטוואַרג=הענדלער אין 919 דער שטויב און ריח |...| נאָך געדיכט געהאַנגען אין דער לופט". גראַדע, פער 69, 10/XII.

ד ו ר כ ה ו ל י ע ן - אוטוו. הוליען אַ געווויסע צייט.

% די מחותנים האָבן דורכגעהוליעט די גאַנצע נאַכט זינגענדיק און טאַנצנדיק.

ד ו ר כ ה ו נ ג ע ר ן (ז י ך) - אוטוו. הונגערן אַ געוויסע צײַט. % די פּליטים האָבן דורכגעהונגערט די מלחמה=צײַט. אַז מע וועט זיך דורכהונגערן א ביסל וועט מען האָבן א בעסערן אַפּעטיט.

ד ו ר כ ה יי צ ן - טרוו: אַנוואַרעמען דורך הייצן.

% דורכהייצן די הרובע. מע דאַרף גוט דורכהייצן
דעם אויוון צו באַקן ברויט.

1914 " |...| איז אַוועק קלויבן האָלץ כדי דורכצוהייצן
927 דאָס אייוועלע". מ. ריבקין, 1, 243.

דורכהילכן - **אוטוו.** הילכן אַ קורצע צײַט, מאָמענטאַל; געבן אַ הילך. % ס׳האָט געבליצט, באַלד וועט __דורכהילכן__ אַ דונער.

1931 " דער רויך איז געוואָרן געדיכטער. __ס׳האָט דורכגעהילכט__ אַ פּײַף". __פּער 164, 110.__ 928

1948 " ווער גייט מיט מיר? - __האָט דורכגעהילכט__ זײַן קול". __מאַרקיש, 9, 15.__ 929

ד ו ר כ ה י נ ק ע ן – אוטוו. הינקען דורך ~~עפּעס~~. א גאַנצן טאָג.

% דער פּוס טוט אים אַזוי וויי, אַז ער קאָן קוים

דורכהינקען דעם צימער.

ד ו ר כ ה ע ל ן - טרוו. 1. פול מאכן מיט העלקייט,
מיט ליכטיקייט.

1950 " ס'ווערט יעדער נייגעבורט אדורכגעהעלט // מיט
578 ערשטער ליכטיקער באַרירונג |...|". לאפין, 2.

1955 " ער האט דאס אזוי דורכגעהעלט זיין גראַלעכע
931 אַלטע הויט". שפּיגל, 3, 276.

2. שיינען העל, דורכגיין העל שיינענדיק.

1965 " אויף אייביק האָט דאָרט זייער לעצטער טאָג
932 אדורכגעהעלט,// אויף צוויי יאָרטויזנטן אויף נייע
וועט ער סטאַיען". מארקיש, 11, 509.

ד ו ר כ ה ע פ ט ן - טרוו, פֿאר דורכגעהאַפּטן. אַרײַנטאָן

אין דעם געהעפּט (מוסטער, שטאָף פֿון העפּטן) אַ פֿאָדעם

פֿון אַן אַנדער מין אָדער אין אַן אַנדער ריכטונג.

% דאָס תפֿילין=זעקל איז געהאַפּטן מיט בלויע פֿעדעם,

ערטערווײַז דורכגעהאַפּטן מיט גאָלדענע.

דורכהעקלען – טרוו. דורכשטעכן מיט העקל/העקלען.

...195 "דורכגעהעקלט און שוין באַלד אָן לעבן,//

געצאַפּלט האָט דאָס פֿישל". סוצקעווער, 443,4. 934

620

דור -

דורכהרגענען |דורכהארגענען| - טרוו. הרגענען (שלאגן) א געווויסע צייט, א ביסל.

---

רעד: דאס קארטל האט דעם אנווייז ל 2 (ליפשיץ2), אבער איך האב דאס ווארט ניט געפונען אין ביידע טיילן, איז מיר באוווסט ניט פון וועלכן רוסישן ווארט ס'איז געטייטשט.

---

621 דור־

ד ו ר כ ה ר י ז(ש)ע ן – טרוו. הריז(ש)ען עפּעס אויף די

דורך און דורך. % דער וואָלף האָט דורכגעהריזשעט

דעם האַלדז פֿון דעם שעפּסעלע.

622 דור -

ד ו ר כ וו א ו י נ ע ן - ----> דורכוווינען.

623 דור -

ד ו ר כ ו ו א ו נ ד י ק ן - ----> דורכוונגדיקן.

ד ו ר כ וו אַ כ ן - טרוו. וואַכן, זײַן וואַך אַ געוויסע צײַט.

% די מוטער וואַכט דורך די גאַנצע צײַט בײַם בעטל פֿון קראַנקן קינד. ער געדענקט נאָך די דורכגעוואַכטע נעכט.

1887 " וויפֿל נעכט האָב איך דורכגעוואַכט בײַ איר בעט אין איר קראַנקייט". ליאָן דאָר, 2, 110. 942

1971 " די גאַנצע נאַכט, איידער ער און רחל האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם שפּאַציר האָט ער דורכגעוואַכט". 941

פּ.רעסלער, פּער 69, 24/X.

ד ו ר כ וו אַ ל ג ע ר ן - טרוו. 1. וואַלגערן דורך עפּעס. % מע האָט זיי באַפּוילן דורכוואַלגערן אַלע שטיינער דורכן וועג.

(?נ?) 2. (פֿיג) גורם זיין דאָס אויפֿדעקן אַ געהיימע זאַך, אויסגעבן, מסרן.

1969 " די 'סכאַדקע' |=געהיימע פֿאַרזאַמלונג| איז ניט

944 פֿאַרגעקומען. ס'האָט זי דורכגעוואַלגערט אַ פּראָוואָקאַטאָר".
ס.גלוכאָווסקי, פֿער 131, נ' 11, ז' 8.

רעד: ס'איז אַ קאַלקע פֿון רוסישן ; провалить
מסופק צי מען דאַרף ניצן אין יידיש דאָס וואָרט אין דעם באַטייטש.

ד ו ר כ ו א ל ג ע ר ן ז י ך - וואלגערן זיך א

באשטימטע צייט. % די פליטים האבן זיך דורכגעוואלגערט

עטלעכע חדשים אין לאגער, ביז זיי האבן געקאנט אוועקפארן

קיין ישראל.

(?בּ?) דורכוואַליען זיך - אוטוו. וואַליען זיך (אַראָפּפֿאַלן) דורך עפּעס.

1956 "זיך דורכגעוואַליעט האָט דער פּיין פֿון יעדן מין:// פֿון גראָבן גריבער זיך אַליין ביז צו דעם קרייצן". 946

מאַרקיש, 11, 506.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ד ו ר כ ו ו א נ ד ע ר ו נ ג – די, בא. אקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכוואַנדערן. % די דורכוואַנדערונג האָט געדויערט עטלעכע יאָר.

|| דורכוואַנדערונגס=לאַנד – דאָס, לענדער. דאָס לאַנד, דורך וועלכן מע וואַנדערט דורך. % דײַטשלאַנד איז נאָר געווען א דורכוואַנדערונגס=לאַנד פֿאַר די ייִדן פֿון מיזרח=אייראָפּע אויפֿן וועג לעֵבר=הים.

1919 " |...| צו באַשאַפֿן |...| אין די דורכוואַנדערונגס= לענדער קאָמיטעטן אַפּצוהיטן די עמיגראַנטן". 947

פֿער 26,62.

ד ו ר כ ו ו א נ ד ע ר ן  - טרוו. 1. וואַנדערן במשך פֿון

אַ געווויסער צייַט. עטלעכע יאָר קאָבן זיי דורכגעוואַנדערט,

ביז זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט.

1930 " ווער עס האָט דאָ דורכגעוואַנדערט אַ פּאָר מאָנאַטן

|...| און געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן צום לעבן 953

|...|". איינהאָרן, 7, 205.

2. דורכמאַכן וואַנדערנדיק אַ געוויסן מהלך, שטח.

% זיי קלייבן זיך דורכוואַנדערן גאַנץ אייראָפּע צו פֿוס.

1896 " איין פֿאַלק, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ וועג פֿול 950

דערנער". מ.ל. היילפּערין, 1, 17.

|1926-1931| " |...| חוה |...| האָט מיט אים דורכגעוואַנדערט

דריי פֿערטל וועלט |...|". אַפּאַטאָשו, 6, 33. 951

1945 " מייַן מנוחה צו דעריאָגן// האָב איך לענדער

דורכגעוואַנדערט". סעגאַלאָוויטש, 9, 179. 951

דורך וואַנעט - פּרעגיקער/רעלאַטיווער פּראָנאָם,

פּפּ: דורך וואַנען. % דורך וואַנעט גייסטו אַהיים?

דער וועג, דורך וואַנען ער פֿאָרט, איז אַ שווערער.

1939 " איך קאָן דיר אויף די פֿינגער איבערציילן//

957 |...| די ערטער זייערע, די בערג, די היילן,//

דורך וואַנען זיי באַקומען שפּייז, געווער".

האַלקין, 2,74.

1954 " מען האָט אויסגעקליבן אַ פֿלאַך אָרט אין טייך,

956 דורך וואַנען מען האָט די עטלעכע הונדערט אומגליקלעכע

אַריבערגעטריבן דורך דעם טייך". ש. וואַסערמאַן, יזב 10, ז' 87.

ד ו ר כ ו ו אַ ק ל ע ן  ז י ך - אויסוו., דורכגיין וואַקלענדיק זיך דורך עפּעס.

1970 " דער שטענדיק שיכּורער פּויער |...| האָט זיך אַדורכגעוואַקלט אין דער ברייט פֿון דער גאַס". 958

ה. יאַכימעק, יזב 7, 156.

ד ו ר כ ו אַ ק ס ן - אוטוו. וואַקסן דורך/צווישן עפּעס.

% דאָס ווילדגראָז איז דורכגעוואַקסן דורך די שפּאַלטן אין צעמענט. געלע בלימעלעך וואַקסן דורך צווישן די קוסטעס.

ד׳ור כוואַרטן - **אוטוו.** וואַרטן אַ באַשטימטע צייַט.

1927 " ער ווייַנט מיט יעדן ווייַן,// אין זייַן טיפער

960 שטומקייט,// און יעדנס וואַרטונג **וואַרט** ער **דורך** אַליין//

אין דער אומעטומקייט". ליעסין, 1,185.

634 דור-

דורכוואַרעמען - טרוו. וואַרעמען אין גאַנצן, אויך דורך און דורך. % מע דאַרף אײַנהייצן און דורכוואַרעמען די שטוב. וואַרעמען דורך די גלידער אויף דער זון.

1905 " |...| שבת, אַז ער פֿלעגט זײַן אין דער היים און
964 פֿלעגט אַ ביסל דורכוואַרעמען זײַנע פֿאַרפֿראָרענע גלידער".
יאַנישעווסקי, 1, 11.

1929 " די בענקשאַפֿט נאָך דעם אומבאַקאַנטן האָבן אים
965 אַזוי זיס דורכגעשטראָמט דורך אַלע גלידער און דורכגעוואַרעמט
זײַן נשמה". איבן פֿרומקין, 1, 27.

1969 " זי רעדט צום ייִדישן שׂכל, וואָס איז נישט קיין
טרוקענער שׂכל, נאָר דורכגעוואַרעמט מיט געפֿיל און אמתן
מיטגעפֿיל". י. גלאַטשטיין, פֿער 69, III/16.

(?נ?) ד ו ר כ ו א ר ע מ ע ן - טרוו. (שנש) דורכדרייען זיך ווי א וואָרעם. % די טאַקסי וואָרעמט שוין דורך איר וועג צווישן די הונדערטער אויטאָמאָבילן.

............................................................

רעד: דער בײַשפּיל איז, זעט אויס, אַ ציטאַטע פֿון אַ דערציילונג (אין קלאַמערן איז אָנגעגעבן "מאַטיוון"). פֿון וואַנעט?

............................................................

ד ו ר כ ו ו אַ ר ף - דער, =ן. 1. אַקט אדער רעזולטאַט פון דורכוואַרפֿן.

2. דער פֿאָדעם וואָס גייט אין דער קוועער פֿון אַ געוועב (להיפּך צום גרונטוועב וואָס גייט געוויינטלעך לענגויס, ווערטיקאַל).

1941 " אַז דער אויסשלאָג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב אָדער אין דעם דורכוואַרף 1011
|...|". תרגום יהואש, ויקרא, יג - 51.

3. די צײַט פֿון זונפֿאַרגאַנג, |סטוטש 83|.

דורכוואָרפֿן - טרוו, פֿאַר דורכגעוואָרפֿן.

1. וואָרפֿן דורך עפּעס. % ער מוז דורכוואָרפֿן דאָס פּעקל דורכן פֿענצטער פֿון וואָגאָן.

1871 " דער בית=המדרש איז פֿול אַנגעשטויסן, אַז עס איז
980 ניטאָ ווו אַ שפּילקע דורכוואַרפֿן". איבן אמ"ש, 1, 26.

... " פֿאַרפּלייצט מיט מענטשן, ס'איז ניט געווען קיין
978 שפּילקע דורכצוּוואַרפֿן". שלום=עליכם, VII..., ז' 82.

2. (עלט) דזוו אַרויסוואַרפֿן.

1883 " |...| האָט אים געגעבן עטלעכע פּרעסק און האָט
983 אים דורכגעוואָרפֿן פֿון שטוב". טאַפּיר, 2, 30.

1892 " ער איז מיט כעס צו אים צוגעלאָפֿן און האָט אים
983 דורכגעוואָרפֿן". בודזאהן, 1, 50.

1901 " וואלט איך זיי צעפאטשט די צורות און דורכגעווארפן".

אלפס, 4, 45. 973

3. איבערקלייבנדיק אפּווארפן, ניט אננעמען.

1925 " די כלה פּארט מיט דער מוטער אויף 4 וואכן קיין
טארנע און ווארפט דורך צען שניידערינס און בלעטערן 987
שטונדן לאנג אין די זשורנאלן". מוירער, 2, 50.

4. ניט אקצעפּטירן ביי וואלן, ביי אן עקזאמען. % דריי
מאל האט ער געהאלטן עקזאמען און אלע מאל האט מען אים
דורכגעווארפן.

1963 "דארפט איר זיין א דורכגעפאלענער מעמבער? ווייל
זיי וועלן אייך זיכער דורכווארפן". מ.סקולניק, 975
פער 155, II/10.

5. (וועבעריי) דורכציִען פעדעם אין דער קוועק פון א געוועב.

1926 "איך איין האנט א 'צוג' געהאלטן,// האט דעם שיצן מיטן פאדעם// דורכגעצילט און דורכגעווארפן". גודמאן,1,278. 986

1929 " ער ציט ארויס |פון געוועב| די אויפגעצויגענע פעדעם אדער ער ציט ארויס די דורכגעווארפענע פעדעם, 582
מיט דער מיינונג דעם מלבוש בעסער צו מאכן".
ישעיה סג"ל,1.

6. (פיג) דורכבלעטערן, דורכזוכן (אין ביכער).

% ער וועט דארפן דורכווארפן הונדערטער ביכער, וואס
זיינען אים נייטיק צו זיין טעמע.

1927 "ער האט דורכגעווארפן דעם תלמוד מיט אלערליי תשובות |...|". יודעלסאהן, 3א, 25. 984

7. (פֿיג) אַרײַנמישן, אַרײַנשטעלן (וועגן רייד).

% יענער ווייסט ווו דורכצוּוואַרפֿן אַ פֿאַסיק וואָרט, אַ וויץ.

1966 "|...| געלערנט זיי צו געדענקען |די נעמען|,

אויף צו קאָנען זיי דורכוואַרפֿן אין שיינע געשפּרעכן". 970

צאַנין, 52,1.

|| דורכוואַרפֿן זיך - אוטוו. 1. וואַרפֿן איינער צום

אַנדערן. % די קינדער וואַרפֿן זיך דורך מיט דער פּילקע.

2. (פֿיג) אויך זײַן, אויך געפֿינען זיך, ~~טרעפֿן זיך~~, זײַן

אַרײַנגעמישט צווישן אַנדערע. % צווישן די זאַנגען

וואַרפֿן זיך דורך ווו נײַט ווו קאָרן=בלימעלעך.

אין דעם טאָסנאַווע וואַלד וואַרפֿן זיך דורך אויך עטלעכע

בעריאָזקעלעך.

1883 " |אין|זײַן שוואַרצער באָרד און זײַנע לאַנגע פּאות

|...| האָבן זיך דורכגעוואַרפֿן גראָווע האָר". 989

בעקערמאַן, 2.

1931 " אַפֿילו די מדבריות זײַנען נישט אָן לעבן.

998 אויף זייער זאַמדיקן באָדן וואַקסן דערנער, און ווו- נישט ווו.

וואַרפֿט זיך דורך אַ קאַקטוס". ש.בלום, 6,1.

1953 "צווישן די שטרויענע דעכלעך וואַרפֿט זיך שוין דורך

937 אַ שינדלדאַך". ברוסילאָוו, 1, 13.

3. (פֿיג) אויפֿכאַפּן זיך פֿון שלאָף, ~~איבערוועקן זיך~~.

1914 " זי האָט זיך פֿון שרעק |איך חלום| דורכגעוואָרפֿן,

997 דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן און ווידער אײַנגעשלאָפֿן".

בלינקין, 14,1.

|1931–1926| " זי האָט פֿאַמעלעך אונטערגעהויבן דאָס קישן

994 און אַהינטערגעלייגט די וועש. פֿייגעלע האָט זיך

דורכגעוואָרפֿן, צעעפֿנט אויף אַ רגע די אויגן".

אָפּאַטאָשו, 182,8.

1947 " שמואל=נחום וואַרפֿט זיך דורך און עפּנט אויף זיין

אײַנאײַנציק אויג. ער ליגט, ער שווייגט". דאַביך,1,103. 1001

4. (פֿיג) דורכקומען,אויסקומען, אויסהאלטן.

|?1904| "אויב א גאנץ יאר ווארפט מען זיך ווי עס איז

דורך, און יאשע=קער קלאצט אלץ נישט ארויס פאר דער 993

וועלט מיט זיין געדריקטער לאגע - קומט אבער א פאר

וואכן פאר פסח, שפרינגט ער פון הויט!". רייזען,12,198.

[7 דורכווארפן אין די געדאנקען - (וואר: אין קאפ)

באטראכטן, באקלערן. % ער ווארפט דורך אין די געדאנקען

עטלעכע מיגלעכקייטן.

דורכווארפן זיך מיט א פאר/עטלעכע ווערטער(וואר:מיט א ווארט) -

ריידן צווישן זיך קורץ,ניט לאנג, פון צייט צו צייט.

1903 " אפשר האבן זיי זיך א מאל דורכגעווארפן מיט א פאר ווער

972 ווערטער בשעת די פאמעניצע ארויסטראגן?".

שלום=עליכם, 147,13.

דורכווארפן זיך מיט (די)בליקן - קוקן איינער אויפן אנדערן

פון צייט צו צייט.

1935 " מען האט זיך אן ווערטער דורכגעווארפן מיט בליקן".

990 הירשביין, 41,5.

ס'איז קיין שפילקע ניט דורכצווווארפן - ס'איז זייער ענג,

ס'זיינען דא א סך מענטשן.

... " פארפלייצט מיט מענטשן. ס'איז ניט געווען קיין

978 שפּילקע דורצוווארפן". שלום=עליכם, VII א, 82.

שוו: אין א טייך ווארפן זיך דורך אלערליי פיש(וואר:העכט) -

אויף דער וועלט זיינען דא אלערליי מענטשן -גוטע, שלעכטע

אד"גל.

דורכוואשן - טרוו. 1. וואשן אין גאנצן, פון
אלע זייטן, אויף דורך און דורך. % דורכוואשן גוט
דאס העמד, ס'זאלן אראפ אלע פלעקן.

2. אפרייניקן, וואשנדיק מיט עפעס. %דורכוואשן די אויגן.
דורכוואשן דעם מאגן. דורכוואשן די ווונדן.

1928 " אזוי האט מען עטלעכע מאל געביטן די וואסער,
ביז די גומי איז שוין געווען גוט דורכגעוואשן".
איגרא, 62,2.

(?בּ?) ד ו ר כ ו ו ר י נ ע ן - אוטוו. האָבן געוווינט אין פֿאַרשיידענע ערטער |מאַרק ווב 1963|. % זיי האָבן שוין דורכגעוווינט אין אַ סך געדונגענע דירות, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן הויז.

ד ו ר כ וו ו ר ף - דער, =ן. (עלט) דזווו דורכוווארף, ב׳2.

1829 " און דאס קלייד, ווען עס וועט זיין אין אים די
פלאג פון די קרעץ, אין איין קלייד פון וואל, אדער 967
|...| פון ליינען, אויב אן דעם צעטיל אדער אן דעם
דורכוווּרף צו ליינען אדער צו וואל". איבז אנ,
חמשה חומשי תורה, ויקרא יג - מז, מח.

רעד: אויסלייג מאַדערניזירט דורכן אויסשרייבער?

647 דור -

דורכוויגן זיך - אוטוו. (שנש) וויגן זיך דורך עפּעס.

1946 " פונעם זיצצימער האָבן זיך דורכגעוויגט דורכן

1007 אַפּענעם פענצטער שטילע קלאַנגען פון דער פּיאַנע".

ז.וויינפער, 2, 22.

648 דור־

(?נ?) ד ו ר כ וו י ז י ר ן - טרוו. (טעכט) דורכפירן די ארבעט פון וויזירן !!.

1900 "דערצו דארף מען זיי |די גלייכע ליניעס פון די

1008 ביימער| דורכוויזירן. דאס וויזירן באשטייט דערין,

דאס ווען מען שטייט, למשל, אויף דעם פונקט ׳א׳ און

מען קוקט גלייך אויף דעם שטעקן ׳ב׳, טאר זיך שוין

דער שטעקן ׳ג׳ בשום אופן ניט זען". וועלער, 16,1.

ד ו ר כ ו וײַטײַיק ן - טרוו. לײַדן, פּילן אַ װײַטיק איבערלעבן שטאַרק.

1958 " אין דער פיגור פון ישראלן װײַטיקט לײַוויק דורך דיאַלעקטיש דעם ווידערשטאַנד צווישן די צוויי היסטאָרישע אידײען אונדזערע". ביקל, 1, 386. 1013

650 דור־

ד ו ר כ ו יי כ ן - טרוו. מאכן עפעס ווייך אויף דורך און דורך. % דער גאַרבער ווייכט דורך די פעל אין דעמבענער קאָרע.

דורכווייגען זיך - אוטוו. ווייגען אַ ביסל.

% דאָס קינד האָט זיך דורכגעווייגט און שטיל געוואָרן.

זי וועט זיך דורכווייגען אַ ביסל, וועט איר גרינגער ווערן אויפֿן האַרצן.

ד ו ר כ ו יי ע ן - טרוו. פאר דורכגעווייעט.

1. אפרייניקן פון פאלאווע און מיסט די אויסגעדראשענע תבואה מיט דער הילף פון ווײמאשין אדער אויפן ווינט. דורכווייען דאס קארן.

2. דורכגיין בלאזנדיק שטיל (וועגן ווינט, לופט, ריח אד"גל).

1936 " ערוועק זיך צפון=ווינט און קום דרום=ווינט,

1019 ווײע דורך מײן גארטן, דער געשמאק פון דײנע געווערץ זאל ווײט שמעקן". איבן אנ, מחזור, 5 (שיר השירים, 3 - טז)

1971 " א לינד ווינטל האט דורכגעווייעט, א שאר געטאן

1018 בינטלעך אראפגעפאלענע בלעטער |...|". ב. רעסלער, פער 69, 26/IX.

3. דורכלופטערן.

1908 " דורך וואלשטאף ווערט דער שווייס ניט אזוי שנעל דורכגעווייעט ווי דורך באוולשטאף". גאטליעב, 33,2.

ם **דורך וויהאן.**

.2 <-----

1713 " אן דעם אכטן טאג איז גיזאגט ווארן אויף דען

(משכן) קום דוא ווינט דורך וויהא מייך גארטן מיט 1020

קרייטיק דער דעמפפונג". מחזור 1, דף ~~ס~~ג.

**ד ו ר כ וו יי ק ן** – טרוו. אנזאפן אויף דורך און דורך מיט פייכטקייט, נאס מאכן אין גאנצן. % דער שלאקסרעגן האט גוט דורכגעווייקט דעם באדן. זי פלעגט ביי נאכט וויינען און דורכווייקן דאס קישן מיט אירע טרערן.

1900 " |...| פאררויכערט און פארשאטן מיט אש און נאס ווי א קאץ, און די קליידער זיינען דורכגעווייקט". 590
ב. גארין, 16,4.

1920 " א חוץ דעם וואס די גאנצע ערד איז דורכגעווייקט מיט וואסער, געפינט זיך וואסער אין אזעלכע פלעצער, 591
ווו דער דורכשניטלעכער מענטש וואלט עס קיין מאל ניט פארדעכטיקט". פיינסטאון, 1, 52.

1971 " |...| האט ער זיך צעוויינט מיט אזא געדיכטן שטראם פון טרערן, וואס האבן אין איין מינוט דורכגעווייקט 1023/1
זיין פארוואקסענע צורה און בארד". גראדע, פער 69, ט/30.

655

דור -

|| דורכווייקן זיך - אוטוו. ווערן/זײַן דורכגעווייקט.

1909 " ...| און עס |אַל זיך |די סוכאַרקע| אין דער

1028 זופּ אָדער אין דער טיי גוט דורכווייקן". שפּערלינג,2,110.

(?נ?) דורכווינטיקן - טרוו. (שנש?) דורכלופּטערן.

.....................................................................

רעד:ס׳זעט אויס, אַז דאָס קאַרטל איז געשריבן דורך
יודל מאַרקן,און ער שיקט אָפּ צו "אָפּווינטיקן"
איך ב׳ I,אָבער אויך דאָרט איז ניטאָ קיין שום ליטעראַרישער
מקור. האָט מען טאַקע ערגעץ געניצט דאס וואָרט? מיר דאַכט
זיך,ס׳איז פּשוט א קאַלקע פון רוסיש/פּויליש
проветрить / przewietrzyć

.....................................................................

ד ו ר כ ו י נ ט ע ו ע ן - טרוו. (שנש).

1. דורכלופטערן.

2. (פיג) באטראכטן פון אלע זייטן, איבער דיסקוטירן.

1958 " אוודאי האט מען ביי די מסיבות דורכגעווינטעוועט

1062 און דורכגעשטורעמט פלערליי געזעלשאפטלעכע 'איזמען'".

ביקל, 1, 93.

ד ו ר כ ו י נ ק ע ן ז י ך - קזוו. ווינקען איינער צום אַנדערן. % די צוויי פֿאַרשוינען האָבן זיך דורכגעוווּנקען גנבֿיש און גליַיך פֿאַרשוווּנדן.

ד'ורכווירען - <u>טרוו</u>. 1. <u>דזוו</u> <u>אויסווירען</u>.

2. (<u>פּיג</u>) דורכציִען זיך, דורכגייען ווי ווירעס (ליניעס, פֿאַסן).

1929 " <u>האבן</u> די צוגן <u>דורכגעווירעט</u> דעם סטעפּ |...|".

1065 <u>מארקיש, 4, 179.</u>

ד ו ר כ ו י ר צ ן - טרוו. 1. אויסמישן א שפייז
מיט געווירץ אויף דורך און דורך. % די פיש זיינען
דורכגעווירצט מיט פעפער און זאפרען.

2. (פיג) מאכן זייער פיקאנט (וועגן רייד, שריפט).

1964 " זיין שפראך איז געווען א פאלקסטימלעכע און
א בילדערישע, אדורכגעווירצט מיט רוסישע ווערטלעך 602
און שפריכווערטער". ז. שזר, פער 69, 3/V.

ד ו ר כ וו י ש ן – טרוו. ווישנדיק טרוקן מאַכן עפּעס,
וואָס איז פֿײַכט. % די טעלער ז‎ײַנען נאָך א ביסל
נאַס, מע דאַרף זיי דורכווישן.

1908 " נאָך איידער די ציין שנײַדן זיך אויס, דאַרף
מען א פּאָר מאָל אין טאָג דורכווישן די יאַסלעס בײַם 1031
קינד מיט וואַטע |...|". גאָטליעב, 2, 61.

דורכוועבן - טרוו. 1. דורכציִען אַ פֿאָדעם/פֿעדעם (ווי) איך אַ געוועב. % דאָס מיידל וויל דורכוועבן דעם מוסטער אויפֿן ליַיוונט מיט זיַידענע פֿעדעם.

2. דורכפֿלעכטן מיט עפּעס, ווי אַ געוועב.

1865 " די גאַנצע הויט פֿון דעם גוף איז דורכגעוועבט מיט געפֿילנערוון |...|". פּער 177, נ' 2.

|| דוּרכוועבן זיך - 1. ווערן/זיַין דורכגעצויגן ווי פֿעדעם איך אַ געוועב.

2. (פֿיג) ווערן/זיַין אינטעגרירט, אַריַינגעטאָן.

1930 " דאָס איז געווען די ערשטע יוגנט=ליבע, וואס האָט זיך דאָן, ווי אַן אומבאַוווּסטער סוד, דורכגעוועבט איך מיַין נשמה". איינהארן, 7, 271. 1005

(?נ?) ד ו ר כ ו ו ע ג - דער, =ן. |סטוטש 194,178|.

1. דער קירצסטער וועג צווישן צוויי פּונקטן.

2. טראַנזיט.

רעד: ס'איז אַ ניישאַפּונג? די טייַטשן גיב איך לויט

1. shortcut
2. transit

או. וויַינרייַכס טייַטשן אויף ענגליש:

איך האָב דאָס וואָרט אין ערגעץ ניט געהערט. ש.פּ.

ד ו ר כ ו ע ט ע ר ן - טרוו. (שנש) 1. איבערלעבן
פֿאַרשיידענע וועטערן.

1974 " |...| זיי האָבן שוין אַדורכגעוועטערט אַ שטורעם
1073 אויפֿן אַטלאַנטיק". עלבערג, 2, 327.

2. (פֿיג) איבערלעבן, דורכמאַכן פֿאַרשיידענע פּרוּוון,
נסיונות.

1954 " איז אַוודאי איצט אַ גרויסע שׂימחה, אַ יום=טוב ביי
1032 די אַלע מיטגלידער, וואָס האָבן דורכגעוועטערט מיטן
ברענטש אַלע שטורעמס און דערלעבט צום פֿינף און צוואַנציקסטן
געבורטסטאָג". ש. ווינער, יזב 10, 706.

ד ו ר כ וו ע ל ג ע ר ן - טרוו. גוט אויסוועלגערן (אויסקנעטן), פֿון אַלע זײַטן. % דאָס טייג דאַרף מען גוט דורכוועלגערן, איידער מע מאַכט עס אויס צום אַרײַנזעצן אין אויוון אַרײַן.

ד ו ר כ ו ו ע נ ד ז ל ע ן - טרוו. וועננדזלען עפּעס אויף דורך און דורך, פֿון אַלע זייטן. % דורכוועגדזלען די וואָרשטלעך אויפֿן רויך.

1938 " דאָס אַלץ איז געווען דורכגעוועגדזלט מיט א פֿאַרעלטערטן ריח פֿון מאַכאַרקע". שניאור, 3, 301. 608

דורכוועקן זיך - אוטוו. אויפכאפן זיך פון שלאף;

איבערוועקן זיך.

1966 " אין א רגע וועקט ער זיך דורך. ער קוקט זיך אום

|...|". מ.גראס-צימערמאן, פער 166,III/1. 1074

ד ו ר כ ו ו ע ר ט ל ע ן ז י ך - קזוו. קריגן זיך א ביסל, אריינזאגן זיך איינער דעם אנדערן. % די שכנים זיינען ברוגז, רעדן ניט צווישן זיך, נאר פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך א ביסל דורכוווערטלען.

1899 " פון דעם דורכווערטלען זיך וואלט עפעס געקאנט נצמח ווערן". ווי ערניקאווסקי, 1, 4.

1034

(פֿאַר דורכאויס. 1.)

דורכויס - אַדוו., איך גאַנצן, פֿולשטענדיק, אַבסאָלוט.

% די שטוב איז דורכויס פֿון האָלץ, די באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט איז דורכויס אַ יידישע.

1899 " מע קאָן אים גוט אַרייַנקוקן איך פּנים: דורכויס רויט, די באַקן פֿול, דער שטערן נידעריק |...|". 93/1

וויערניקאָווסקי, 1,6.

1909 " |...| מאַדנע זע איך אויס:// ווייַסע וואַנסן, ווייַסע ברעמען// ווייַס בין איך דורכויס". 93

סעגאַלאָוויטש, 1, 43.

1927 " |...| יענקל זאָגט, אַז דאָס איז דורכויס ליגן". 99

בודזאַהן, 4א, 28.

1958 " עס איז ניט קיין דורכויס אָריגינעל ווערק, אָבער ס'איז ניט קיין נאָכמאַכעניש". ניגער, 8, 95. 96

2. בלויז,אויסשליסלעך.

1945 "אַרויס זײַנען בינען,אַרויס אויפֿן וועג,//די

96/1 בינען,וואָס דינען דורכויס אויף געשלעג". האַלקין,3,164.

1972 " געגעסן האָבן מאַן=און=ווײַב כּמעט דורכויס

87 אין דער רעסטאַראַציע אין נומער צוויי |...|".

באַשעוויס, פּער 155,IV,8.

3. אומבאַדינגט, בפּירוש.

1898 " |...| דער אַדוואָקאַט האָט מיר געזאָגט פֿאַרקערט

98 ווי דער הײליקער רבי, אַז מײַן מאַן זאָל דורכויס

נישט אַהיימקומען". י.ל. מאַרגענשטערן, 2, 85.

1936 "|...| וויל אים דער אַלטער דורכויס פֿאַנגען,אַבער

98/1 שׂימחה=מאיר דרייט זיך געשיקט אַרויס". זינגער,6,48.

1951 " |...| פון פוילן האט מען מיר געשריבן, אז איך
זאל דורכויס אהיימקומען". טרונק, 8, 17. 1046

4. (נ) אומעטום.

1856 " |...| און די שטיבל אליין איז געווען דורכויס
זייער ריין, ציכטיק און ארנטלעך צוגעקליבן". 1043
דיק, 10,3.

1928 " |...| פון גרויס מידקייט באלד ארייגעפאלן איך
טיפן שלאף. מען איז געלעגן איינגעגעניורעט אין די 1040
ווינקלען און דורכויס אויפן דיל". בערגעלסאן, 11א.

0 דורכויס ניט - אדוו פר. בשום אופן, אויף קיין פאל,
אויסגעשלאסן |סטוטש 332|. % אויף אלע טענות האט מען
אים געענטפערט: דורכויס ניט.

ם **דורך אויז.**

.1 ---->

1767 " אך איין נאך טיש צי מאכין בפוגט איזט אבר דורך

1040/1 אויז(ן; קיינה אויף זאצין צו גברויכין". פראגער תקנות,

ז' 343.

פֿאַ דורכבאַלוסיק.

ד ו ר כ ו י ס י ק - אַדי/אַדוו, פֿולשטענדיק, גאַנץ, אַבסאָלוט; דורכויס. %עס דראָט די סכּנה פֿון דורכויסיקער אַסימילאַציע.

1898 " |...| אַ שטיק אײַזן, צוואַרפֿט איר וויסן, אַז דאָס איז ניט קיין דורכויסיקע שטיק אײַזן, נאָר די שטיק אײַזן 101 באַשטייט פֿון מיליאָנען פּיצינקע ברעקעלעך אײַזן".
ליטוואַק, 1, 20.

1931 " דער קאָליר פֿון דער שאָלעכץ קען זײַן אָדער א דורכויסיקער אָדער א פֿאַרשיידענער |...|". סאַנדלער, 1, 46. 1059

1945 " |...| אָט דאָרט, ווו ניט לאַנג, ווו אָט ערשט// איין גרויסע, דורכויסיקע שטילקייט געהערשט".
האַלקין, 3, 163.

|| **דורכויסיקייט** – די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן דורכויסיק.

1940 "|...| מיט אײַער פלײַסיקייט צעגרינט// פּריילעכע
107 דורכויסיקייט פון פעלדער". קושניראוו, 5, 105.

1963 " אין די איצטיקע דורות איז בײַ דער מערהייט
1058 פון אונדזער פאָלק די רעליגיעזע דורכויסיקייט איבערגעגאַנגען אין – ווי רופט מען עס –וועלטלעכקייט". ליוויק, 14, 160.

(?נ?) דוּרכזאָגן – טרוו. זאָגן אין גאַנצן, ביזן סוף.

1954 " די נבֿיאישע פּסוקים פֿון ימים=נוראים=שמונה=עשרה

1077 |...|: 'כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו' האָט ער קיין

מאָל ניט געקאָנט דורכזאָגן אָן קול=פֿאַרענדערונג פֿון

פֿאַרשטיקטע טרערן". פּ. לערער, יזב 383,10.

דורכזאַפּן - טרוו. 1. אײַנגעצן אויף דורך און דורך מיט עפּעס אַ פליסיקייט. % מע דאַרף דאָס שווענל גוט דורכזאַפּן מיט וואַסער און זייף. די רעגנס האָבן דורכגעזאַפּט דעם באָדן מיט וואַסער.

1945 " כ'בין, ווײַזט אויס, געשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט// ערשט איך שפּיר, ווי כ'בין מיט רויטס אַדורכגעזאַפּט |...|". לײַוויק, 8, ליד "דער שטומער". 611

1968 " |...| אַזוי איז די ערד ~~איך און~~ [...] אַרום אונדזער שטעטל דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט אומשולדיק יידיש בלוט". ר. גאַנטאַרסקי, יזב 2, 905. 618

2. אָנפילן, אָנזעטיקן (מיט אַ ריח, רויך א"ע). % די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון אַלערליי בלומען.

677 דור־

3. (פיג) דורכנעמען, באַהערשן מיט א געפּיל, געדאַנק.

% די יידישע שול וועט די קינדער דורכזאַפּן מיט יידישקייט.

לִיי זײַנען דורכגעזאַפּט מיט טרויער.

1914 "|...| עפּעס א פריילעכס, וואָס איז דורכגעזאַפּט

616 מיט אומגעוויינלעכער בענקשאַפט". ריבקין, 1, 8.

1928 "|...| אויף צו פארשטיין און דערפילן האָט מען

613 באַדאַרפט פארמאָגן א האַרץ |...| וואָס איז דורכגעזאַפּט

מיט שטאַרקן |...| צאַרן". קושניראָוו, 3, 38.

1974 "אַט דער סעמאַנטיק=סם זאַפּט דורך די פּרעסע |...|".

1084 ה. זיידמאַן, פּער 14, 19/VII.

דורכזוכן - טרוו. זוכן אומעטום אין אַלץ,רעווידירן.

% מען האָט דורכגעזוכט די גאַנצע שטוב און ניט געפֿונען
די פֿאַרלוירענע מטבע.

1899 "די פּאָליציי האָט באַלד ביי אונדז די וווינונג
1159 דורכגעזוכט,אַלץ פֿאַרזיגלט". יה"ל, 4, 13.

1955 " |...| דורכזוכן יעדער ווינקעלע אויף זיין גוף
1088 און אין די מלבושים". שפּיגל, 3, 228.

1968 " יעדע מינוט האָט געקענט קומען פּאָליציי אויף
1087 אַ רעוויזיע און דורכזוכן דאָס הויז". ב.אָרנשטיין, יזב2,852.

|| דורכזוכער - דער, =ס. (עלט) דער וואָס זוכט,פֿאָרשט;בודק.
1090 1885 " ער |גאָט| איז איין ווערקער און איין דורכגרונדער
און איין פֿאָרשער און איין דורכזוכער |פֿון|אַלע הערצער".
איבז אנ, מחזור 4, 15.

ם <u>דורך זוכן.</u>

1661 " אונ' זיא <u>דורך זוכטן</u> דיא פריצים אלי דיא הייךר

1156 אונ' דיא קאמרן |...| צו גיפינדן עסן שפייז צו אירר

נארונג". <u>יוסיפון, 2, דף ש"ו.</u>

1768 "דוא <u>דורך זוכשט</u> אלי קאמרן דעש בויכט אונ' פרובשט

1089 אלי גידאנקן אונ' הארץ". <u>מחזור, 3, דף ט.</u>

2. דורכקוקן, נאָכזוכן (אין אַ ספר).

1743 "איך האב אך <u>דורך זוכט</u> דיא (ספרים) דיא נאך זיינן

1157 גוועזן פר זיא (גמרא) |...|". <u>שארית ישראל, דף קל"א.</u>

ד ו ר כ ז י ד ל ע ן ז י ך - קזוו. זידלען אַ ביסל איינער דעם אַנדערן. % די שכנים האָבן זיך צעקריגט און אַפֿילו דורכגעזידלט זיך.

ד ו ר כ ז י ד ן  -  טרוו, פֿאַר דורכגעזאָטן/דורכגעזידט|?|.

גורם זײַן דאָס ייִדן פֿולשטענדיק, אין גאַנצן.

% דאָס וואַסער דאַרף מען גוט דורכזידן פֿאַרן טרינקען.

1905 "נעמען ניין דעקא טערפּענטין, פֿיר דעקא לאַנע אייל,

|...| גוט דורכמישן און לאָזן גוט דורכזידן |...|". 1094

שפּערלינג, 2, נ"ג.

1972 " די שולע |...| וואָס האָט דורכגעקאָכט און דורכגעזידט

|?| אַלע ייִדן, כדי אויסצוהאַמערן פֿון זיי איין פֿאָלק|...|". 1095

א.שורין, פער 155, ~~IV~~ 4.

........................................

רעד: איז ערגעץ געווען אַזאַ פֿאָרמע פֿון פּאַרטיציפּ
"געזידט"? אַ ספק!

........................................

דורכזײַן - אוטוו, גענוצט נאָר פּצ. זײַן אין פֿאַרשײדענע ערטער. % דער פֿאַרשוין איז שוין דורכגעווען ווי די וועלט האָט אַן עק.

1951 "|...| כמעט אַלע צווײ וואָכן דורכגעווען אין

607 אַלע דרײַצן גליליִשע קבוצות". נ.י.גאָטליב, פֿער 1401,106.

ד ו ר כ ז יי ע ן - <u>טרוו, (איק) זיי(ע) דורך,</u> פֿאַר <u>דורכגעזיי(ע)ט</u>

1. דורכלאָזן אַ שטעווידיקע זאַך דורך אַ רעשעטאָ, זיפּ אַד"גל כּדי אָפּצוטיילן אָדער אָפּטיילן פֿון צומישן.

%. <u>דורכזייען</u> די תּבֿואה. מע דאַרף <u>דורכזייען</u> דעם זאַמד אָפּצוטיילן פֿון די שטיינדלעך.

1924 " די קערנער פֿון תּבֿואה אַנטהאַלטן דעם וויטאַמין B, דער עיקר אין די היטלעך |...| און גראָד זיי גייען פֿאַרלאָרן ביים מאָלן, ביים ביטלען און ביים <u>דורכזייען</u>". 1095/1

<u>פּער 151, נ' 9.</u>

ד ו ר כ ז ײַ ע ן  - טרוו. דורכלאָזן אַ פליסיקע זאַך דורך אַ זײַער אָפּצוריײניקן אָדער אָפּצוטײלן עפּעס.
% דורזײַען די מילך. דורכזײַען די לאָקשן. דורכזײַען דעם װײַן.

1863 " כּדי מען זאָל זען, אויב עס שווימט עפּעס דרינען, איז דאָס בעסטע מען זאָל עס דורכזײַען דורך איין דינע טיכל". א. דאַנציג, 2, דף לב. 1099

1907 " |...| צעמישט איין טיילעפּעלע גערשטן (בארליי) מיט איין פיינט |?| זודיקע וואַסער, קאָכט עס 5 מינוט און זײַט עס דורך". פעלדמאַן, 1, 149. 1099/1

1920 " אַ שנעלע מעטאָדע פון מאַכן עסיק באַשטייט אין דורכזײַען שוואַכע אַלקאָהאָל (10%) דורך פעסער אָנגעפּילט מיט שפּענדלעך פון בעריאָזן=האָלץ". פיינסטאָון, 1, 215. 1164

2. (פיג) פילטרירן, לייטערן, אפקלייבן.

1959 "|...| די לירישקייט איז א דורכגעזייטע,

די עמאציע - און אפגעוויגענע, און אויסגעמאסטענע". 626

ניגער, 9, 350.

1966 " דאס וואס עס האט זיך מלכתחילה אנגעשריבן,

האט ניט באפרידיקט דעם שרייבער |שלום=עליכם|. 1165

ערשט נאכן אנשרייבן איז געקומען דער גאנץ באזיניקטער

פראצעס פון דורכזייען און דורכזיפן, פון איבערטראכטן

און איבערמאכן". י. מארק, פער 90, נ'XXVI - 1, ז'2.

1972 "ציטערן טראפעלעך זון,// דורכגעזייט דורך

בלעטער געדיכטע". ר. קארן, 9, 25. 1097

|| דורכזייעלעך - אדי/אדוו. וואס לאזט זיך דורכזייען.

% דורכזייעלעכער שטאף.

**דורכזײַלעכקייט** – די, בא. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן דורכזײַלעך.

1926 " איך וואָרצל=הערעלע געפֿינט זיך אַזאַ פּליסיקייט,
וואָס איז לויט איר קנאַפּער דורכזײַלעכקייט ענלעך צו 1161
פּאַרקאָכטן קראָכמאַל". יאַכינסאָן, 2, 46.

**דורכזײַער** – דער, =ס. מכשיר דורכצוזײַען.

|1966| " ער האָט |...| אַרויסגעדלבעט מיט די הוילע הענט
די אָנגעזאַמלטע שליימיקייט אינעם דורכזײַער פֿונעם 1104
באַסיין". נאַדיר, 13, 226.

**דורכזײַען דורך די ציין** – רעדן אומדײַטלעך,
פּאַמעלעך, אומגערן, ביטולדיק.

1900 " |...| האָט שוין אַ פּאָר מאָל דורכגעזײַט דורך די
ציינער צו זײַן ווײַב: – דאָס איז דײַן קאָפּ געווען". 1163
גאָרין, 4, 37.

1917 " די אַנערקענונג פֿון גלײַכע רעכט פֿלעגן זיי

1100 דורכזײַען דורך די ציין מיט אומלוסט".

זשיטלאָווסקי, 39,6.

1926 " דער קופֿערשמיד האָט |...| זיך נקמהדיק צעשמייכלט

1102 מיט איין אויג און דורכגעזײַט דורך די פּאַרקוועטשטע

ציין |...|". אפּאַטאָשו, 5, 223.

ד ו ר ז ײ ע ר ן – טרוו. זײַערן עפּעס פֿולשטענדיק,

איף דורך און דורך.%ידלאוגערקעס זײַנען גוט

דורכגעזײַערט.

ד ו ר כ ז י כ ט - דער, =ן. (שנש). 1. דורכזיכטיקייט.

1920 "איך רוף צו מיין גלויבן דעם דורכזיכט פון מענטש".

1109 בראדערזאן, 3, 20.

1929 "קאלטער אייז פון דניעפער=טייך האט אפגעקילט

1108 דעם שלייף מיר,// איך דורכזיכט פון קרישטאל דערזען

האב איך מיין פרצוף". האלקין, 1א, 124.

2. אן ארט וואס איז פריי, ניט פארשטעלט, פון געוויקסן.

% א דורכזיכט אין וואלד.

... "אלץ גרעסער ווערן שוין די דורכזיכטן אין גרינס".

1107 א.פיאטיגארסקאיא.

רעד: ס'איז מסתמא פון קארמאנס אנטאלאגיע, מע וואלט געדארפט געפינען דעם מקור!

ד ו ר כ ז י כ ט ב א ר - אדי/אדוו. (דטשמ, נא)

דורכזיכטיק.

ד ו ר כ ז י כ ט י ק - אַדי/אַדוו. 1. וואָס לאָזט פּרײַ דורך
די שײַן. % דורכזיכטיק גלאָז. דורכזיכטיק אײַז.
דורכזיכטיקע פּליסיקייט. אין דורכזיכטיקן וואַסער
האָט מען געקאָנט זען די שטיינדלעך אויפֿן דנאָ.

1888 "|...| צו אַזאַ ריינעם אומבאַפלעקטן האַרץ, וואָס
איז קלאָר ווי אַ דורכזיכטיקער באָק". לעוויץ, 33,1. 1168

1930 "פּלוצלינג צעגיסט זיך אין מיזרח אַ שטיל גרינלעך
ליכט, בלוילעך גרין און דורכזיכטיק ווי געשליפֿן 1168/1
גלאָז". איינהאָרן, 174,7.

1972 "|...| דורכזיכטיקער דינער טײַכאײַז, וואָס ווײַזט
אַ טיפֿן גרינעם אָפּגרונט". שפּיגל, פּער 38, נ׳76, ז׳45. 1168/2

2. וואָס איז קלאָר, לויטער, ריין, אַז עס לאָזט זען גוט
און ווײַט. % דורכזיכטיקע לופֿט. דורכזיכטיקער הימל.

1150 1914 " פֿון דעם הויכן קוימען האָט אַרויסגעשלאָגן א לײַכטער,
דורכזיכטיקער רויך. מ. ריבקין, 1, 124.

1123 1928 " אין טאָג אין האַרבסטיקן און שטילן// איז קלאָר
און דורכזיכטיק די הייך". פֿעפֿער, 27,2.

1123/1 1972 " א גרינלעכער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט קאַלט
און ניט-דורכזיכטיק". גראַדע, פֿער 155, III/19.

3. דין און אַזשורנע (מיט קליינע לעכעלעך) וואָס לאָזט
דורכלײַכטן, דורכזען. % א דורכזיכטיקער פֿאַרהאַנג.
זי טראָגט דורכזיכטיקע שפּיצן.

1144 1910 " [...] און זײַן זאָל מײַן ליסטע א בלאַסע, פֿאַרקלערטע;//
[...] וואָס קוקט דורך א דורכזיכטיק שלייער פֿון
טיולן". איינהאָרן, 56,1.

... "|...| דינע פּיס אין ברוינע <u>דורכזיכטיקע</u> זאקן".

1135 <u>י.י. זינגער, דערצ׳ "אין דער פֿינצטער".</u>

4. (ספּעציעל, וועגן הויט) דין, בלייך. <u>דורכזיכטיקע</u>

הויט. <u>דורכזיכטיקע</u> הענט.

1882 "ווען די פֿינגער אָבער בלייבן דאַן גראָד דיכט און

1167 די פֿליש וואָס צווישן איז <u>דורכזיכטיק</u>, צייגט דאָס

ער איז אַ מיוחס". <u>גאלינו, 1,7.</u>

1929 " די צאַרטע ליליען=<u>דורכזיכטיקע</u> פינגער פון

1151 אונדזער אַלטע שיינע פֿרומע ווייבער, די צנועות |...|".

<u>בעל-מחשבות, 5, 25.</u>

1956 "|...| פֿאַרפֿייניקטע פֿון הונגער און פֿון קלעפּ,

1121 מיט בערד אויף <u>דורכזיכטיקע</u> פנימער, אויף העלע".

<u>מארקיש, 10,239.</u>

5. (פיג) פאַרשטענדלעך, פשוט, קלאָר, ניט פאַרשטעלט.

% די כוונה פון דעם מחבר איז א דורכזיכטיקע. דער רמז איז געווען גאַנץ דורכזיכטיק.

1919 " ווי איינפאַך, דורכזיכטיק און זעלבסטפאַרשטענדלעך

1141 דער כלל זאָל ניט זיין, האָט נאָך קיין מאָדערנער

שטאַט ניט געפּרוּווט דורכפירן אים ערנסט אין לעבן".

זשיטלאָווסקי, 41,10.

1953 " דער סטיל איז איינפאַך, דורכזיכטיק, ניט אָנגעלאָדן

1133 מיט קיין ספּעציעלע רמזים". ה. גרינבערג, 20,2.

|| דורכזיכטיקייט - די, באַ. אייגנשאַפט אָדער מצב פון

זיין דורכזיכטיק. % די דורכזיכטיקייט פון דער

לופט איז היינט א שוואַכע.

1926 " וואָס פאַר א דורכזיכטיקייט איז ביי דעם מינעראַל

1154 אָדער מעטאַל?". יאַכינסאָן, 3, 34.

1936 " דאָס איצטיקע בוך זייַנס האָט די מעלה פון
1154 דורכזיכטיקייט איך זייַן גאַנצער קאָנסטרוקציע".
י. מארק, פער 5א.

ם דורך זיכטיג.

6. אַנזעווודיק, קענטיק.

1713 " דיא |עשרת הדברות| ווארן אן גריכט אייני נאך
1127 דער אנדר אונ' וואר בהעפט דאש כתב דז זיא ווארן
דורך זיכטיג גשריבן אויף דיא לוחות". מחזור, 1, דף רט.

ד֗ורכזילבערן - אוטוו. (שנש) דורכשײַנען, דורכגלאַנצן ווי זילבער.

1941 "איך טיַיכל האָט אַ פֿישל דורכגעזילבערט".

1170 ש.שטערן, 1, 52.

ד ו֜ ר כ ז י נ ג ע ן – טרוו, פֿאַר דורכגעזוונגען.

זינגען אַ מעלאָדיע, ליד ביזן סוף. ער האָט דורכגעזוונגען

דאָס ליד אָן איין פֿעלער.

דורכזײַפֿן – טרוו. 1. זײַפֿן (אַ שיטעוודיקע זאַך)
פֿולשטענדיק, אין גאַנצן. % מע דאַרף דורכזײַפֿן
דאָס זאַמד אָפּצוטיילן פֿון די קליינע שטיינדלעך.

1951 "די בעל=הביתטעס |...| האָבן דורכגעזיפּט די
1180 קאָרענע מעל דורך אַ געדיכטער זיפּ". ה.אבראַמאָוויטש,
פֿער 106, 424.

1948 "די לערן=ייִנגלעך האָבן געמוזט אָנלייגן פּעסער
1177 קאַלק און מישן,|...| דורכזיפּן,דערלאַנגען".
ש.גערלינג, יזב 2, 539.

2. (פֿיג) אָפּקלײַבן,סעלעקציאָנירן. % דורכזיפּן די קאַנדידאַטן
בײַם עקזאַמען. דורכזיפּן גוט אַלע פֿאַקטן איידער מע
שרײַבט וועגן דער געשעעניש.

... "|...| האָט דער רבֿ באַמערקט, ווי ער זיפּט דורך

1181 זײַן גאַנצן שאַרפֿן פּילפּול, ווי א גרויסער למדן".

א. לאַנדאַ, 1, 46.

1947 " זײַ |די דײַטשן| האָבן נאָך אַ מאָל 'דורכגעזיפּט'

1179 די ייִדן, און פֿון די 7 טויזנט געלאָזט בלויז 4 טויזנט".

יזב 8, 210.

1957 "|...| אויך דאַן זאָל ער ריידן וואָס קירצער,

1188 איטלעך וואָרט דורכגעזיפּט דורך דרײַצן זיפּן".

ה. צייטלין, 1, 73.

0 דורכזיפּן זיך - 1. רעפֿל פֿון דורכזיפּן.

2. (פֿיג) דורכגיין (דורכגיסן זיך, דורכשיטן זיך)

ווי דורך אַ זיפּ.

"דורך געלעכערטע דעכער |...| האָט אַ רעגן אַ 1928
קאַלטער זיך דורכגעזיפּט". קושניראָוו, 3, 9. 1185

"אויפֿן דריטן פֿרימאָרגן האָט דורך די שיטער 1973
געוואָרענע וואָלקנס זיך דורכגעזיפּט אַ גרויליקער שייַן". 1187
גראַדע, פֿער 155, VIII, 12.

|| דורכזיפּונג — די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט
פֿון דורכזיפּן, ב 1.

"|...| דאָ קומען מיר צוריק צום ענין |...| — 1962
די פּאָליטישע דורכזיפּונג און דער פּאַרטיי=קאָנטראָל". 1174
נ. פֿונדק, פֿער 9, XII, 28.

" די אַלע 'דורכזיפּונגען' און 'אָביעקטיווע' 1965
מאַסנאַמען האָבן געבראַכט דערצו, אַז מיט דער צײַט איז די 1173
צאָל יידישע סטודענטן |...| געוואָרן אַלץ קלענער".
פֿער 107, 639.

ם דורכזיפּן דורך/צווישן די ציין – ריידן אומדייטלעך, פּאַמעלעך און אומגערן.

1932 " מיטן קאָפּ אין דר' ערד! – האָט אַרע צווישן די

1189 ציין דורכגעזיפּט |...|". קוויטקאָ, 5.

ד ו ר כ ז י פ צ ן - אוטוו. זיפצן א געוויסע צייט.

% זי האט דורכגעקרעכצט און דורכגעזיפצט א גאנצע נאכט.

דורכזיצן – אוטוו. 1. זיצן אַ געוויסע צײַט.

% מע וועט מוזן דורכזיצן די עטלעכע שעה אויפֿן וואָקזאַל,

ביז די באַן וועט אָנקומען.

1935 " איך ניו=יאָרקער נאַכטרויש, אײַך אַ פּיצל פּאַרק,//

שטרײַטן צוויי אביונים שטאַרק:// שטרײַטן פֿאַר א באַנק 1192

די נאַכט אדורכצוזיצן,// ליפּן שוימען, צייַנער קריצן".

ליעסין, 1, 253.

2. (בלויז פּצ) זיצן אין פֿאַרשיידענע ערטער. % דער גנב

איז שוין דורכגעזעסן אין אַלע טורמעס.

דורכזיצן די הויזן – (איר) זיצן אַ סך, לאַנג אויף איין

אָרט. % דער יונגערמאַן וועט די הויזן דורכזיצן

אויף אַט דער שטעלע.

ד ו ר כ ז ע ג ן - טרוו. 1. זעגן עפּעס אין גאַנצן,

אויף דורך און דורך. דורכזעגן א קלאָץ אויף דער העלפֿט.

% זיי האָבן דורכגעזעגט דעם בוים, ביז ער איז אַראָפּגעפאַלן.

2. (פֿיג) דורכגרילצן, דורכשנײַדן ווי אַ זעג(וועגן קלאַנגען).

1928 "אַ טרוקן כריפּעדיק קראַקען פֿון אַ ראָב האָט דורכגעזעגט

1205 די לופֿט". איזראַ, 3, 17.

1972 "טייל מאָל האָט דורך דער נאַכטלופֿט דורכגעזעגט

1204 דער רוף: מאַ-מאַ!". ראָזענפֿאַרב, 3, 177.

□ דורך זעגן.

---> 1.

1711 "דאָ נאָם (משה) דעם זעלביגן בוים און' וואר אים

1206 לאזן דורך זעגן מיט איינר זעג". צאינה וראינה,

הפטורה, דף ע'.

ד ו ר כ ז ע ו נ ג – די, =ען. 1. אקט פון דורכזען.

2. (שנש) ווידיע, זעונג.

1927 " אַ גײַסט, דורכלױכטנדע רו, לױטערסטע, ליכטיקסטע

1196 דורכזעונג מײַנע!". ברכיה, 1, 66.

רעד: ניט זיכער איך אויסטײַטש, מע וואָלט געדאַרפֿט זען אַ ברייטערן קאָנטעקסט.

דורכזעיק - אדי/אדוו. דזוו דורכזיכטיק,

ב"ב 1 - 2.

... "|...| אומבאַזיגלעך אין דער האָר, דער דימענט,//

דורכזעיק און זויבער, מיט א ווייַסן צויבער". 1198

סוצקעווער, 3, 141.

2. דזוו דורכזיכטיק, ב' 5.

1972 " ער האָט ניט פֿאַרמאָגט די דורכזעיקע פּאַרטיפּטקייט

פֿון האַפּשטיינס קלאַסישן פֿערז |...|". י. קערלער, 1198/1

פֿער 38, נ' 77, ז' 22.

דורכזען – טרוו. 1. רעווידירן, קאָנטראָלירן עפּעס דורך זען אַלץ, אין גאַנצן, פֿון אַלע זײַטן. % דורכזען אַלע דאָקומענטן. מע דאַרף דורכזען די סחורה, צי ס'איז ניטאָ קיין בראַק.

1844 " וואַרען |=סחורות| נאָך דער פּאַריגער נאַטע
האָב איך שטיק אין שטיק אָב געקליבען, און גוט 1220
דורך געזעהען איך האָב זייא מיט דעם שענסטין
אָרדענונג געפּאַקירט". ~~ליאַנדאָר~~ ליאָן דיאָר, 1, 86.

1870 " דעם חשבון האָט דורכגעזען די אסיפה כוללת
|...| און באַשטעטיקט". צעדערבוים, 1, 48. 1220/1

1912 " זי מוז נאָך אַ סך מאָל איבערפּרובירן און דורכזען
אירע אַרבעטס=מעטאָדן |...|". זשיטלאָווסקי, 156,3. 1219

2. זען עפּעס אויף דורך און דורך. זען וואָס איז אינעווייניק אָדער אויף דער צווייטער זײַט.

1926 " |...| אַזאַ מכשיר דורכצוזען די אייער ווערט אַנגערופֿן 'אַוואָסקאָפּ'". יאַכינסאָן, 2, 257. 1222

1970 " די קאַמער איז געווען געבויט פֿון נישט קיין געהובלטע ברעטער, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען שפּאַרעס, און מ'האָט געקענט דורכזען, וואָס עס טוט זיך אין הויף". י. באַגדאַן, יזב 316,7. 1222/1

1966 " וואָס לענגער ער האָט דאָ געלעבט אַלץ מער האָט ער דורכגעזען די אינטריגעס און קאָנספּיראַציעס". צאַנין, 1, 51. 1212

3. (נאָר פּצ) זען אַ סך, פֿאַרשיידענע זאַכן. % ער האָט שוין אין זײַן לעבן דורכגעזען פֿאַרשיידענע שטעט און לענדער.

דורכזען זיך – אוטוו. ווערן געזען דורך עפּעס.

% דער שטאָף איז אַזוי דיך, אַז אַלץ זעט זיך דורך.

1889 " דער אַלטער פֿלעגט זיך צוגיין צום פֿענצטער |...| 1221

און פֿלעגט אַנהויבן מיטן מויל |...| ביז וואַנען עס

פֿלעגט זיך קוים דורכזען וואָס עס טוט זיך אויפֿן

גאַס". טאַיב, 1, 28.

1914 " איך דער גאַנצער פֿיגור זעט זיך דורך אַ געמאַכטע

חוצפּה". אדעלהיים, 1, 15. 1230

0 ניט דורכצוזען – אדוו פּר. ניט דורכזיכטיק.

% דאָס גלאָז פֿון די שויבן זיינען מאַט, ניט דורכצוזען.

ם דורך זעהן.

.1 <----

1737 " איין ספר חדש אודר נייאן חיבור דארף גאר ניט
גידרוקט ווער ן אם לא בהסכמת הגאון |...| אב"ד
דקהלתינו נר"ן וועלכס ספר הנ"ל <u>דורכזעך</u> אונ׳ 1218
אונטר זוכין ווערט". <u>תקנות הקהילה |...| אשכנזים |...|.</u>

<----- 2.

1661 " |...| אבר ניט אלזו איז זיא דיא האנדלונג
דער נשמה דען דיא נשמה דיא <u>דורך זיכט</u> אל דש פלייש". 1216
<u>יוסיפון ,2, דף שנט.</u>

ד ו ר כ ז ע ע ו ו ד י ק - אדי/אדוו. דורכזיכטיק.

|סטוטש 291|.

ד ו ר כ ז ע צ ן - טרוו. 1. מיט א זעץ, א קלאפ
דורכשטופן א זאך אויף דער צווייטער זייט פון עפעס.
% דער אטלעט קען מיט איין קלאפ דורכזעצן דעם
טשוואק דורך א דיקער ברעט.

1894 " |...| לויפט צו סימפל פון אונטן און זעצט
אים דורך זיין מעסער דורך דעם הארץ". 1234
פימסענשטיין, 2, 37.

2. מיט א זעץ, א קלאפ אדער מיט א מכשיר מאכן א עפענונג
אין עפעס. (אויך פיגל) %דורזעצן א לאך אין דער וואנט.
דאס וואסער האט דורכגעזעצט די דאמבע אין עטלעכע
ערטער.

1962 " |...| ער איז דאך געווען דער, וואס האט אין
רוסלאנד 'דורכגעזעצט א פענצטער קיין אייראפע'". 1237
מ. אשעראוויטש, פער 155, VII/8.

3. (פיג) דורעפירן, אוספירן, דערגרייכן עפעס מיט כוח, מיט אנשטרענגונג, באמיונג. %דורכזעצן דעם פלאן. זיי האבן ניט געקענט דורכזעצן זייער פארשלאג אויף דער זיצונג.

1898 " איר זעט, מיינע הערן, אז איך קאן מיט רעכט אלעס
דורכזעצן". אויזערקיס, 1, 136. 1233

1919 "ער איז א חוב פאר יעדן - זאָלן דורכצוזעצן
זיין ווילן,אויף וויפל דאס גרייפט ניט אן דעם 1245
בארעכטיקטן ווילן פון דעם אנדערן". זשיטלאווסקי,10,71.

1943 " זיי וועלן אלצדינג אדורכזעצן, און פילאסופעס
באפעל וועט ווערן אויסגעפירט". אש, 14א,288. 1249

דורכזעצן זיך - אוטוו. דורכשלאָגן זיך מיט כוח,

אַרויסקומען שטאַרק, בולט.

1923 " |...| דעם אויסדרוק פֿון ייִדישן גייַסט, וועלכער

האָט זיך דורכגעזעצט דורך זייַנע צוויי קינדער 635

|שפּינאָזאַ און בערגסאָן|, הגם איינער איז אַזוי ווייַט

פֿון דעם אַנדערן אין צייַט, אין אָרט |...|".

נאַטאַנסאָן, 1,9.

1970 " מייַן פֿעטער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך באַקאַנטשאַפֿטן אין

קריסטלעכע קרייַזן און אַ דאַנק זייַנע פֿינאַנציעלע 635/1

מעגלעכקייטן האָט ער געקענט זיך דורזעצן אויף פֿאַרשיידענע

פּלעצער. ל. ווונדע, יזב 7, 297.

ד ו ר כ ז ש אַ ו ו ע ר ן - טרוו, ס׳רוב געניצט אין פּאַסיוו.

1. גורם זיין דאָס זשאַווערן אויף דורך און דורך.

% די נעץ האָט דורכגעזשאַווערט די אייזערנע גראַטעס פון טויער.

1953 "...| דער קאַטוך איז זייער אַלט,//איז דורכגעלעכערט און דורכגעזשאַווערט און צעפּאַלט". רויזענבלאַט, 7. 636

לײַד'אַ חומש=מעשהלע".

1972 "דער אויסגעדינטער אַלטער לאָמפּ שטייט גרינלעך דורכגעזשאַווערט |...|". רובינשטיין, פּער 169, ז' 391. 636/1

2. (פּיג) פּאַרדאַרבן, קאַרומפּירן, צעפּרעסן, צו נישט מאַכן.

...194 "מיר האָבן שוין אַדורכגעזשאַווערט אַלע זיבן טויטן,// און זעען ניט דערפאַר די שווערד, וואָס פּאַכעט נאָך צוקאַפּנס". סוצקעווער, 264,3. 1251

716 דור־

"דאָס איז די אַרבעט פֿון שׂטן=המשחית, וואס איז 1961

דורכגעזשאווערט מיט שינאה |...|". ש.פּליסקין, 637

פער 18, XI/10.

ד ו ר כ ז ש י ו ו ע ן  ז י ך  - אוטוו. דורכלעבן, אויסקומען מיט דער פרנסה. % א דאַנק דער אַרענדע קאָן ער זיך דורכזשיוועט ווי עס איז.

1890 " צפורהס פאַטער, וועלכער האָט זיך אַזוי אויך קוים מיט צרות דורכגעזשיוועט, איז דאַדורך גאָר אָרעם געוואָרן". 1254

פער 74, נ׳ 6, ז׳ 6.

1971 " |...| איז ער געוואָרן אַ האַלצהעקער און שלעפּט זיך אַרום מיט דער האַק, |...| כדי צו פאַרדינען אַ גילדן 1254/1

אויף זיך דורכצוזשיוועןן. ב. דעמבלין, פער 155, VII/18.

ד ו ר כ ח ו ש כ ן |דורככוישעכן| - אוטוו. דזוו

אפחושכן.

ד ו ר כ ח ז ר ן |דורכאזערן| - איבערחזרן אין גאנצן, ביזן סוף. % דורכחזרן די ראָל. דער תּלמיד האָט דורכגעחזרט דאָס גאַנצע ליד אויף אויסנווייניק.

ד ו ר כ ח ל ו מ ע ן |דורככאַלעמען| - טרוו. חלומען אַ סך, אַלץ, פֿולשטענדיק.

1972 " ער האָט דורכגעחלומט איטשע=מאירס רייד, זייַנע ווערטלעך און חכמות, זייַנע רעדעס צו די הונגעריקע 1259

אין געטאָ". ראָזענפֿאַרב, 2, 357.

[דורכאַלעפּן]

ד ו ר כ ח ל פ ן - טרוו. (שנש) דורכשניידן(דורכלויפן גיך)

ווי אַ חלף.

1953 " דאָס דינע גאַרטן=שלענגל,// וואָס חלפט דורך

1261 דעם שליאַך". רויזענבלאַט, 7, 129.

ד ו ר כ ח ש ב ו נ ע ן |דורכצוזשבענען| - טרוו.

1. דורכפירן אַ חשבון/חשבונות. % יעדן טאָג פלעגט ער דורכחשבונען אַלע הוצאות.

2. חשבונען אַ געוויסע צײַט. % דער בוכהאַלטער האָט דורכגעחשבונט עטלעכע שעה און ניט געקענט געפינען דעם טעות.

723 דור־

(?ב?) דורכטאָגן – אוטוו. (נש) ענדיקן טאָג ווערן

מאַרק ווב 979.

רעד: ס'איז ניט קיין גערעכנטער איבערזעץ פֿון פּויליש
אַגבֿ, גיט דער פּוילישער אַקאָד' ווב גאָר אַן prześwitać
אַנדערן טײַטש פֿון דעם וואָרט, וואָס האָט גאָר ניט
צו טאָן מיט "טאָגן".

ד ו ר כ ט א ט ש ע ן - טרוו. דורכלעכערן, דורכפּרעסן.

(אויך פיג). % די ווערעם טאַטשען דורך די אלטע ברעטער.

1928 " עס איז געווען האַרבסט... די קרומע יעסיענדיקע

רעגנס האָבן גענעצט און דורכגעטאַטשעט די לעצטע שפּורן 1264

פריידי". מ. קולבאק, 2, 596.

725 דור־

דורכטאָן – טרוו. 1. (זך) טאָן עפּעס אין גאַנצן, ביזן סוף, פולשטענדיק; דורכפירן, אויספירן.

1957 "אַ חיצון איז דאָך ניט שייך צו עבודה פּנימית, אויף דורכטאָן אַ זאַך לתכלית, כדבעי |...|". 1265

אַנ, איבן ליקוטי דיבורים, נ"ז.

2. (סירוב אין מצ) טאָן אַ סך זאַכן. % ער האָט דורכגעטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן, אָבער ניט דערשלאָגן זיך צו קיין רעכטן פאַרדינסט.

3. (סירוב אין מצ) טאָן עפּעס אַ געוויסע צייט. % עטלעכע טאָג האָט ער דורכגעטאָן ביי|בויאַרבעט.

4. דורכציִען. %(זך) דורכטאָן דעם פאָדעם אין דער נאָדל.

ד ו ר כ ט א נ צ ן - אוטוו. 1. טאַנצן אַ געוויסע צײַט.

% די מיידלעך האָבן דורכגעטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

3. דורכגיין (~~דורך~~) טאַנצנדיק דורך עפּעס. % דאָס קינד טאַנצט דורך איבער דער שוועל.

2. טאַנצן ביזן סוף. % דאָס פּאָרל האָט שיין דורכגעטאַנצט דעם טאַנגאָ.

ד ו ר כ ט אַ פּ ט ש ע ן - טרוו. 1. טאַפּטשענדיק (טרעטנדיק פּאַמעלעך, מיט שוועריקייטן) דורכגיין א געוויסן שטח, מהלך אָדער דורך עפּעס.

1966 " ייִדישע פּאַרטיזאַנער זיינען געווען צעוואָרפּן איבער פּאַרשידענע וועלדער |...| זיי האָבן דורכגעטאַפּשעט מיט זייערע פּיס די ווייסרוסישע און פּאָליעסיער בלאָטעס". 1273

ח. וואָלאַטשינסקי, יזב 262,92.

2. טאַפּטשען א געוויסע צייט. % אַזוי טאַפּטשעט דורך די מאַמע דעם גאַנצן טאָג איך קאָכן און ראַמען די שטוב.

3. (פּיג, ביטול) דורכלייענען, דורכלערנען מיט שוועריקייטן.

1960 " קוים=קוים וואָס זיי האָבן אדורכגעטאַפּטשעט די הגדה, און דאָס מיט ווילדע און אויסטערלישע גריַיזן". 1271

י.י. טרונק, פּער 69,X/5.

ד ו ר כ ט אַ פּ ן - טרוו. 1. טאַפּן אומעטום, פֿון אַלע זײַטן צו קאָנטראָלירן, רעווידירן. % מע דאַרף דורכטאַפּן די סחורה, צי ס'איז ניטאָ קיין בראַק. מע האָט דורכגעטאַפּט זײַן קעשענעס, צי ער האָט געווער.

1892 " איך האָב דורכגעקוקט, דורכגעטאַפּט די שמוק און האָב פֿאַרשטאַנען, דאָס עס איז ריכטיקע געלד". 1268
בודזאָהן, 1, 22.

2. (פֿיג) פּרוּוון אויסגעפֿינען, אויספֿאָרשן, דערגיין עפּעס. % איך דעם שמועס האָט ער פֿאַרזיכטיק געוואָלט דורכטאַפּן וווּ ס'איז באַהאַלטן דאָס געווער.

1934 " זיי | די בעלי=גופֿים | האָבן געפּרוּווט נאָך אַ מאָל 'דורכטאַפּן די פֿעסטונג פֿון דער ראַטנמאַכט', לאָזן די שטאָט אָן ברויט". איבז קאַנטאָר, 1, 345. 1269

729 דור-

(?נ?) ד ו ר כ ט א ש י ד ן - טרוו. דזוו איבערטאשן (קארטן)

מארק ווב 955.

(?נ?) ד ו́ ר כ ט ו נ ע ל י ר ן - (נש) 1. טרוו. מאַכן
אַ טונעל |אַהוו|.

2. אוטוו. דורכגיין/דורפּאָרן דורך אַ טונעל |אַהוו|.

731 דור־

דורכטענהן|דורכטײַנען| זיך – קזוו. טענהן

א ביסל אײנער מיטן אַנדערן. % די װײַבער האָבן זיך

דורכגעטענהט, אויף אַ קול, ביז מע האָט זיך צעקריגט.

ד֗ורכטענצלען - אוטוו. דורכגייִן מיט דראַבנע טריט, (אזוי ווי) טאַנצנדיק. % די באָבע האָט פֿריילעך דורכגעטענצלט דורך דער שטוב.

733 דור־

ד ו ר כ ט ע ש ל ע ן – טרוו. דזוו איבערטאַשן (קאַרטן)

|מאַרק רוב 980|.

דורכטראָגן - טרוו. 1. טראָגן דורך עפעס.

% בײַ נאַכט וועט מען דורכטראָגן די סחורה אומבאַמערקט
דורך דער גרענעץ. דער טאַטע טראָגט דורך אויף די הענט
דאָס קינד דורך דעם טײַכל.

194... " פֿאַרן וועלן דורכטראָגן א בוימל דורכן טויער//
האָט מײַן שכן זיבן שמיץ באַצאָלט". סוצקעווער,314,3. 1282

1951 " דאָס דורכטראָגן א קינד דורכן געטאָ=טויער אָדער
~~אדער~~ איבערן צוים איז געווען פֿאַרבונדן מיט זייער 1282/1
גרויסע שוועריקייטן און סכנות". ל. גאַרפֿונקל,
פּער 1703,106.

2. (פֿיג) איבערלעבן, אויסהאַלטן; איבערטראָגן.

% דורכטראָגן צרות, ווייטיק.

1971 " ניטאָ קיין סך צוטרויען אָדער גלויבן, אַז אַ פּרוי
1289 קען דורכטראָגן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער פּאָליטישער
אָרענע". ס. פּיליפּסאָן, פּער 29/IV,69.

דורכטראָגן זיך - אויטוו. 1. דורכגיין/דורכלויפֿן גיך.
% די קאַרעטע האָט זיך דורכגעטראָגן מיט אַ גערויש.
1922 " |...| פֿאַרביי מיר וועלן זיך דורכטראָגן //
1293 ווי אין אַ קירכלעכער פּראָצעסיע,// די יאָרן, וואָכן, טעג,
וואָס זיינען,// אומזיסט געבאָרענע, פֿאַרגאַנגען".
ראָלניק, 2.

1943 " ריזיקע טראַסקענדיקע טראַקס |...| האָבן זיך
1293/1 דורכגעטראָגן |...| שפּרייטנדיק רויך און געזאַליין=
גערוך". זינגער, 8, 337.

2. (פֿיג) ווערן דערהערט (וועגן קלאַנג). % אַ רויש פֿון
עראָפּלאַנען האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דעם הימל.

1901 "פון צייט צו צייט האט זיך דורכגעטראגן
א קרעכצן איבער דער שול, און פון דער ווייבערישער 1280
גאלעריע האט זיך געהערט א געוויין". בערלין, 1,5.

3. (פיג) פארשפרייטן זיך גיך (וועגן ידיעות, קלאנגען אד"גל).
% ווי א בליץ האט זיך דורכגעטראגן די ידיעה
וועגן שליסן דעם שלום.

1951 "א כוואליע פון מיטגעפיל צו |...| די רוסישע
יידן האט זיך דורכגעטראגן כמעט דורך דער גאנצער 1290
יידישער אייראפע". ג. אראנסאן, פער 211,106.

737 דור–

דורכטראַכט – דער, באַ. (שנש) דאָס טראַכטן.

1962 "|...| ער ווערט נישט געלייטערט אינעם דורכטראַכט און איבערטראַכט וואָס קומט פֿון מנוחת הנפֿש". 644

א. אויערבאַך, פֿער 69, VI/21.

1964 "דאָס גאַנצע פֿאַרגלייכעניש איך דורכטראַכט איז געווען בײַ אים ניט מער ווי א געניאַר". 644/1

י. קאַפּלאַן, 1, 178.

דורכטראַכטן – טרוו. 1. באַטראַכטן/באַקלערן גענוי, פֿון אַלע אַספּעקטן, מיט צײַט, עטלעכע מאָל. % דורכטראַכטן אַן ענין. די פּראָבלעם איז ניט קיין פּשוטע, מע דאַרף די דורכטראַכטן מיט קאָפּ.

1893 " איך האָב דאָ מיט זיך גוט דורכגעטראַכט דעם ענין און האָב געפֿונען, אַז מען קען בלײַבן אַ פֿײַנער מענטש אַפֿילו זײַענדיק אַ וואָכערניק". גאָרין, 1,59. 1298

1910 " |...| דעריבער איז אונדזער פֿאָדערונג פֿון אַ באַזונדער ייִדישער סעקציע אינעם אינטערנאַציאָנאַל טעאַרעטיש און פּרינציפּיעל דורכגעטראַכט". מ. ראַטנער, פֿער 125, נאָוועמבער, ז' 10. 645

1962 " די דײַטשן האָבן איין זייער גוט דורכגעטראַכטן פּלאַן צו פֿאַרניכטן דאָס ייִדנטום ניט אַנגעווענדעט אין אלע אָקופּירטע געביטן איינע און די זעלבע מעטאָדן". מ. גילדענמאַן, יזב 6,205. 642

739 -דור

2. טראַכטן אַ געוויסע צײַט. % ער האָט **דורכגעטראַכט** אַ גאַנצע נאַכט, ניט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן.

**דורכטראַכטן זיך** - אוטוו. **דזוו** באַטראַכטן זיך.

1956 " לאָמיר **זיך דורכטראַכטן**, חבֿר מײַנער".

גלאַטשטיין, 1, 30. 1297

|| **דורכטראַכטעריש** - **אַדי/אַדוו.** וואָס איז מסוגל דורצוטראַכטן

אַן ענין. % פֿאַראַן אויבנאויפֿיקע קענערס, וואָס זײַנען 1299

ניט דורכטראַכטעריש טיף אין זייער לערנען.

דורכטראסקען - 1. אוטוו. דורכגיין/דורכפֿאָרן מיט אַ טראַסק (שטאַרקן גערויש, טומל). % דער וואָגן האָט דורכגעטראַסקעט איבער די שטיינער פֿון שאָסיי.

1940 " העי, אַנגעפֿאָרן, אָנגעפֿאָרן, // |...| געבלאָזן אין לבנה=האָרן, // העי, דורגעטראַסקעט, דורכגעפֿאָרן". 1300

מ. ניגרעשל, פער 714,15.

(?נ?) 2. טרוו. דורכהאַקן, דורכברעכן |מאַרק ווב 981|.

| |
|---|
| רעד: ער טײַטשט עס פֿון *przetrzaskać*, אָבער אין פּויל' אַקאַדע' ווב איז ניטאָ אַזא וואָרט!... |

741 דור-

**דורכטרוימען** - <u>אוטוו</u>. (<u>שנש</u>) דערפירן דאס

טרוממען ביז צום סוף, פארענדיקן טרוימען.

1924 " |...| און איבער די ימים <u>זענען</u> שוין, דאכט 1302

זיך, <u>דורכגעטרוימט</u> אנדראטיקע טעלעגראפן".

<u>מארקיש, פער 100, ז' 80.</u>

2. טרוימען א געוויסע צייט. % זי האט אזוי <u>דורכגעטרוימט</u>

עטלעכע שעה, ניט באמערנדיק ווי די צייט גייט.

742 דור-

דורכטרויערן - אוטוו. (שנש) טרויערן אַ סך, אַ לאַנגע צײַט.

1968 " מײַן דורכגעטרויערט אויג דערקענט אים קוים |...|".

מ. שאַפּיר, 3, 64. 1305

דורכטרייַבן 3- טרוו. 1. טרייַבנדיק, צווינגען
צו באַוועגן זיך דורך עפּעס, פֿאַרבייַ עפּעס.
% דער פּאַסטעך טרייַבט דורך די טשערעדע דורך דעם טויער.

1936 " |...| נעבן ירושלים איז געווען א טייַך, וואָס
די אַלע פֿיך |...| האָט מען דורכגעטריבן דורך דעם 1318
טייַך, |...| כדי זאָלן זיך ריין אָפּוואַשן".
איבז אַנ, מחזור 5, 16.

2. קירעווענדיק, גורם זייַן דאָס דורכגיין/דורכפֿאָרן.
% דורכטרייַבן די באַרזשע מיט האָלץ דורכן בריק.

1920 " אויב איר זאָלט דורכן אויוון, אַנשטאָט לופֿט,
דורכטרייַבן א שטראָם פֿון ריינעם זויערשטאָף, וועט 1311
דאָס האָלץ אָדער די קוילן פֿאַרברענט ווערן זייער שנעל".
פֿיינסטאָון, 1, 37.

3. צווינגען אוועקצוגיין, צו פארלאזן דאס ארט.

% מע דארף דורכטרייבן דעם שמוציקן הונט, דער קמצן האט דורכגעטריבן די ארעמע=לייט.

1858 "וויפל זיי איז געקומען האב איך באצאלט [...] אין דורך דאס טויער דורכגעטריבן". אנ, מסדר אגרת, 2, 45. 1309

1886 "האבן די ווייבער [...] געבראכט די שפיגלען צו משה רבינו. ווי משה רבינו האט דערזען די שפיגלען, האט ער אויף זיי געצערנט און [גע]זאגט די ייִדן: מיט שטעקנס זאלט איר די ווייבער דורכטרייבן, וואס דארף מען שפיגלען צו משכן". איבז אנ, תנחומא, שמות דף 256.

4. (פיג) באזייטיקן, באפרייען זיך פון עפעס(וועגן געדאנקען,
געפילן אד"גל).

1900 " |...| און ווען ער וועט דאס לעזן מיט א געפיל,
וועט דאס אים שטארק ווירקן דורכצוטרייבן אלע שמוץ 1306
פון די שלעכטע אויפפירונג". אלפס, 1, 14.

1936 " און זיי אליין וועלן רעשענען דורכצוטרייבן
די שלעכטע פירונגען פון פרעסן און זויפן און לוקסוס". 1319
איבן אנ, מחזור, 74,5.

ם דורך טרייבן.

2. ←----

1716 " דש מויל צו עשין, דיא צעהן צו קייאן,|...|
דיא אודרן דורך צו טרייבן דש איבריגה וואש ניט 1308
ניטיג איז". חובות הלבבות, דף לז.

ד ו ר כ ט ר יי ב ע ר ן - טרוו. 1. טרייבערן אלץ, ביזן סוף . % דורכטרייבערן די בהמה.

2. (פיג) מקיים פסק זיין, געבן א פארציע,באשטראפן.

1915 " דאס מאל האט ער שוין צו פיל פארזינדיקט,

נו, האב איך אים א קאפעלע דורכגעטרייבערט". 1320/1

באגראוו, 1, 50.

דורכטרייסלען – <u>טרוו.</u> 1. טרייסלען אַ סך,
לאַנג, שטאַרק, אין גאַנצן.

1898 " ווען מען זאָל נעמען, למשל, אַ צעמישונג פֿון
ליים מיט זאַמד און די גוט <u>דורכטרייסלען</u> אין אַ גלאָז 1320
וואַסער |...|". <u>ליטוואַק, 1, 100.</u>

1926 "זאַנוויל האָט דערפֿילט אַ <u>דורכטרייסלענדיקע</u> קעלט.
ער איז געווען אין גאַנצן נאַס, דורכגעווייקט". 1324
<u>אַפּאַטאָשו, 5, 69.</u>

2. <u>(פֿיג)</u> דורכזוכן, דורכנישטערן. % פּאָליציי <u>האָט</u>
<u>דורכגעטרייסלט</u> די גאַנצע שטוב זוכנדיק אומלעגאַלע
ביכער.

ד ו ר כ ט ר י פ ן – אויסגו. 1. טריפן דורך עפעס.

% דורך א שפאלט טריפן דורך טראפנס וואסער.

2. (פיג) דורכדרינגען צו ביסלעך, ניט מיט א מאל, ווי טראפנס (וועגן א געפיל, געדאנק).

|1931–1926| " |...| וואס מער ער האט זיך פארטראכט,

1326 אלץ שטארקער איז געווארן דער פארדראס, גענאגט און דורכגעטריפט דורך יעדן ביין". אפאטאשו, 238,10.

דורכטריקענען - <u>טרוו</u>. טריקענען פֿולשטענדיק, פֿון אַלע זײַטן, אין גאַנצן. % דורכטריקענען די וועש אויפֿן בוידעם. דאָס נאַסע האָלץ פֿלעגט מען <u>דורכטריקענען</u> אויפֿן אויוון.

|| <u>דורכטריקענען זיך</u> - ווערן דורכגעטריקנט.

1943 " |...| צעהאַקן און איזסלייגן |דאָס האָלץ| אין
דינע וואַרשטן |=שיכטן|, עס <u>זאָל זיך דורכטריקענען</u> 1330
אין די וואַרעמע טעג, וואָס קענען אָנגעשטאַנען גלײַך
נאָך פסח". <u>דעמבלין, 7,3.</u>

דורכטרעטן - פֿאַר דורכגעטראָטן. 1. אוטוו. טרעטן דורך עפּעס. % דורכטרעטן איבער/דורך דער שוועל.

2. טרוו. טרעטנדיק, אויסלייגן אַ וועג. % דורכטרעטן אַ סטעזשקע אין וואַלד.

1921 " ס'איז נישטאָ פֿאַר אונדז קיין שאָטן.// אַלע וועגן דורכגעטראָטן...". סעגאַלאָוויטש, 6, 17. 1333

1948 " |...| געפֿאַלן ווייט זיינען די עפּל פֿונעם בוים,// נאָר דורכגעטראָטן אומעטום די זעלבע זאַמען". מאַרקיש, 9, 129. 1333/1

/7 דורכטרעטן אַ וועג - 1. געפֿינען און צוגרייטן די מיטלען ווי צו דערגרייכן צו עפּעס/עמעצן. % ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט דורכגעטראָטן אַ וועג צום מיניסטער.

2. געפינען דעם אופן ווי צו פארשטיין, צו אינטערפרעטירן
עפעס.

1911 " ווי שרעקלעך שווער איז עס דורכטרעטן א וועג
1335 אין 'שיר=השירים'". הרכבי, 1, 3.

דורכגעטראטענע וועגן - אלטע, באקאנטע, שוין פארטיקע
אופנים פון דענקען, פון אויפפירונג. % ער וויל
ניט גיין אויף דורכגעטראטענע וועגן, ער וויל זיך פירן
אנדערש.

1930 " בלינדע מיט אפענע אויגן// שטייען ביי פינצטערע
1334 ברעגן,// ווארפן אויף ריזיקע תהומען// לאנג דורכגעטראטענע
וועגן". איינהארן, 31,6.

ד ו ר כ י אַ ג ן - טרוו. 1. יאָגן דורך עפּעס.

% פֿאָרן פֿאַרמעסט פֿלעגט מען דורכיאָגן די פֿערד דורכן

פֿעלד.

1935 " ווילע פֿערד... פֿײַנע פֿערד... ביי דעם איז, דוכט

זיך, אַ פּוס אָפּגעשטאַנען. גיט זיי נאָר אַ יאָג דורך!. 1342

ע. גאַרדאַן, 1.

2. פֿאַרטרײַבן/דורכטרײַבן; פֿאַריאָגן. % דורכיאָגן

די הינט פֿון מאַרק.

1881 " אַלע שטאַטלײַט האָבן שוין לאַנג געוואָלט אים

פֿון שטאָט דורכיאָגן". סאַפּיר, 1, 126. 1339

|| דורכיאָגן זיך - אַטוו. (זך) דורכלויפֿן זיך, ווי

יאָגנדיק זיך.

1971 " אַך איינזאַם מיידל האָט זיך דורכגעיאָגט, ווי

אַ שאָטן, צווישן די ביימלעך". ב. רעטלער, פֿער 69, VIII/8. 1343

(?נ?) ד ו ר כ י מ ע ן |דורכיאַמען| ז י ך - אוטוו. (שנש)

פֿאַרן/שווימען דורך דעם ים.

1957 " |...| שיפֿן וואָס ימען זיך דורך אַ וועג |...|".

1344 י. גלאַטשטיין, פּער 69, 12/17.

ד ו ר כ י ס ו ר י מ ע ן |דורכגסורעמען| – אוטוו.

(שנש) דורכליידן אַ סך יסורים, פּיין.

1953 " ער |ד. עדעלשטאַט| איז |...| אַ דיכטער=אויסזינגער

669 אין בולטע בילדער און צעווייטיקטן וואָרט, וואָס

טויזנטער יידישע עמיגראַנטן |...| האָבן דורכגעיסורימט

אינעווייניק אין זייערע הערצער". אבא גאָרדין,

עדעלשטאַט=געדענקבוך, ז' 42.

ד ו ר כ י ע ט ן - טרוו. יעטן אַלץ, אין גאַנצן, פֿולשטענדיק.

מע דאַרף שוין דורכיעטן דעם גאָרטן, ס'איז אַלץ פֿאַרוואַקסן.

1934 "... | וואָס ריינער עס וועט דורכגעיעט ווערן

1347 דער פֿאַרזיי |...|". איבז א. קאַנטאָר, 1, 311.

ד ו ר כ י ק - אַדי/אדוו. וואָס איז אָפּן פון צוויי זײַטן. % דורכיקער הויף. דורכיקע |סטוטש 194|.

גאס

1350 דורכיק העמד - בנב.

.............................................................

רעד: דאָס קארטל פּאַררופט זיך אויף קאַצאַוויטשעס "60 יאָר לעבן", אָבער גיט ניט קיין ציטאַטע אדער דערקלערונג.

.............................................................

דורככאַפּן – טרוו. דזוו איבערכאַפּן, ב׳ 2.

% ער האָט נאָר דורכגעכאַפּט אַ קיכל מיט אַ גלאָז טיי און איז אַוועקגעלאָפֿן.

|| דורככאַפּן זיך – דזוו אַראָפּכאַפּן זיך, ב׳ 2.

% זי פֿלעגט זיך אַ מאָל דורככאַפּן אין דער גרויסער שטאָט אויף עטלעכע טעג.

ד ו ר כ פ פ ל ע ן |דורכקייפלען| - כפלען אַלץ,אַלע צאָלן.

% דער תלמיד לערנט זיך דורככפלען די גאַנצע כפל=טאַבעלע.

ד ו ר כ ל א ו י ר ט - פאר פון דורכלאווירן.

(?בּ?) ד ו ר כ ל אַ ו ו י ר ן – לאַווירן דורך עפּעס.

1945 " אַפּט לאַווירן דורך דורך דעם לאַבירינט פֿון

1353 ייִדישע צרות און ׳גליקן׳ בלויז קליינע טיילן פֿון

דעם ׳ייִדישן פֿאָלק אין ציפֿערן׳". א.גאלאמב,3,111.

**דורכלאָז** – דער, =ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכלאָזן.

2. (ספּעצ) ניט פֿאַרפֿולט אָרט אין אַ טעקסט, % אַ דורכלאָז אין פֿאָרמולאַר אַריינצושטעלן די דאַטע. אין באַריכט זיינען דאָ עטלעכע וויכטיקע דורכלאָזן.

3. (ספּעצ, דרוקעריי) דער צווישנשייד צווישן אותיות, ווערטער, שורות.

4. (פֿיג) פֿעלער, חסרון. % אין זיינע קענטעניש זיינען דאָ היפּשע דורכלאָזן.

|| דורכלאָזונג – די, =ען. דזוו דורכלאָז, ב"ב 1,2,4.

1949 " |...| אָוועקגעקוקט פֿון אַזוינע דורכלאָזונגען און ספֿקות, ומעג מען זאָגן וועגן דעם גאַנצן צווייטן טייל |פֿון בוך| אַז ער |...| קען זיך רויק פֿאַרמעסטן מיט אַנדערע ביכער |...|". ר.גלאַנץ, פֿער 94, XXXIII, ז' 186. 1357

ד ו ר כ ל א ז י ק - אדי/אדוו. וואס לאזט (גוט) דורך (ס׳רוב וועגן פּליסיקייטן). % אַ זאַמדיקער באָדן איז מער דורכלאזיק פאַרן וואסער ווי לייִם.

|| דורלאזיקייט - די, בא. אייגנשאַפט פון זייַן דורכלאַזיק.

דורכלאָזן - טרוו, פאַר דורכגעלאָזט/דורכגעלאָזן.

1. מעגלעך מאַכן עמעצן דורכגיין, אַוועקגיין אין אַ זייט, געבן פּריאָריטעט. % מע האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַרן חשובן גאַסט, אים דורכגעלאָזט אַפּריער.

1914 " אַנושקאַ האָט דורכגעלאָזן פּאַרויס לאַנען און איז אַליין אויך דורכגעגאַנגען". מ. ריבקין, 242,1. 1385

1968 " |...| די חסידים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען דורכלאָזנדיק דעם רבין, וואָס איז צוגעגאַנגען צו זיין שטענדער נעבן ארון=קודש". מ.בערנשטיין, יזב 2, 209. 1401

2. דערלויבן עמעצן דורכצוגיין/דורכצופאָרן, אַריינגיין/ אַרויסגיין. % די גרענעצוואַך וועט דורכלאָזן נאָר די וואָס האָבן די געהעריקע דאָקומענטן. די הינט האָבן קיינעם ניט דורכגעלאָזט אין הויף אַריין.

1894 " |...| ברוך, אַפּאַל פֿון גלאָז( נישט געמאָלענע)

1401/1 ווערט דורכגעלאָזט אַן צאָל". פּער 56, ז' 180.

1926 " |...| האָט ער זיך שוין דערוווּסט געַנוי-ווער

1387 עס רעווידירט נישט שטאַרק, און ווער ס'לאָזט נישט

דורך קיין פֿליג". בערגמאַן, 1, 80.

1947 "די גרענעץ בין איך אַריבער בשלום |...|. דער

1387/1 סאָלדאַט האָט בלויז בײַם דורכגאַנג 'איידל' אַרומגעזוכט

מײַנע טאַשן און מיך דורכגעלאָזט דעם ערשטן".

א. רייזען, יזב 8, 360.

3. גורם זײַן דאָס דורכגייך דורך עפּעס. % דורכלאָזן

אַן עלעקטרישן שטראָם. דאָס וואַסער איז ניט ריין,

מע דאַרף עס דורכלאָזן דורך אַ פֿילטער. די קעכין

לאָזט דורך דאָס פֿלייש דורך דעם פֿליישמילעכל.

1920 " ווען מען מישט אויס צוויי מאָסטיילן וואַסערשטאָף
מיט איין מאָסטייל זויערשטאָף אין אַ שטאַרקער טרוקענער 1386
פֿלעשל און מען לאָזט דורך דורך דער מישונג אַן עלעקטרישן
פֿונק, פֿאַראייניקן זיך די צוויי עלעמענטן אויגנבליקלעך
און וואַסער ווערט באַשאַפֿן". פֿײַנסטאָון, 1, 56.

1958 " |...| דערבײַ דאַרף ער זײַן |די ווערטער| אַזוי ווי
דורכלאָזן דורך אַ זיפּ און אַלץ אויפֿנעמען מיט קריטישער 1372
אָפּגעהיטנקייט". י. מאַרק, פּער 90, XVIII - 2, ז' 40.

4. דורכגיין, דורכדרינגען דורך זיך אַליין. % זאַמד לאָזט
דורך וואַסער מער ווי ליים. די הילצערנע וואַנט
וועט דורכלאָזן די נעץ פֿון דרויסן. די דיקע פֿאַרהאַנגען
האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין שײַן. דער אמפּרעגנירטער מאַנטל
לאָזט ניט דורך קיין וואַסער.

1970 " היינט האט דער דאקטאר ארויפגענומען אויף זיך
אזוי פיל שמאלץ, אז עס לאזט ניט אדורך קיין קרעכץ
פון אן ארמאן". פ. לייב, יזב 7, 124.

5. דערלויבן (~~צו דרוקן~~ דרוקצאמען, פארשטעלונגען אד"גל).
% די צענזור וועט דאס בוך ניט דורכלאזן.

6. פארזען/פארקוקן, פארזוימען עפעס. דורכלאזן א גריַז.
% דורכלאזן א געלעגנהייט, א שאנס. ער האט דורכגעלאזט
דעם טערמין פון צאלן דעם וועקסל. א שאד די גוטע
ציַיט, וואס מיר האבן דורכגעלאזט.

... " דער מצבה=קריצער האט נאך פון זיך דורכגעלאזט
1378/1 א היפשע צאל גריַזן |...|". א. לוריא, פער 94, 5 - 6.

1966 " |...| צי די צײַט, די רעכטע צײַט |האט ער|

דורכגעלאזן?". האלקין, 4, 40. 1378/1

7. פֿאַרפֿעלן. % דורכלאָזן עטלעכע טעג פֿון די לימודים.

זיי האבן ניט דורכגעלאָזט קיין איין פֿאַרשטעלונג, אַזוי

איז עס זיי געפֿעלן.

1883 " אונדזערע ייִדן האָבן נאָך קיין זאַך אין דער

וועלט ניט דורכגעלאָזן, וואָס פֿאַר זיי זאָל דאָס נישט 1382

זײַן קיין האַנדל". צ.ז.רובינשטיין, 18,1.

1909 "ס'איז געוואָרן אין יענער געגנט |...| א בהלה,

אַ מין באַנפֿיבער, וואָס האט ניט דורכגעלאזט קיינעם".

שלום-עליכם, 107,39.

1937 " איך בין לאַנג נישט געשלאָפֿן,|...| מײַן אויער

האט נישט דורכגעלאזט דעם מינדסטן שאָרך". 1373

קאַגאַנאָווסקי, 2, 524.

8. אויסלאזן, ניט דערמאנען, איבערהיפערן (ביים לייענען, שרייבן, דרוקן). % דער זעצער האט דורכגעלאזט עטלעכע שורות. ביים דאווענען היט ער זיך ניט דורכצולאזן א ווארט. צוליב מאנגל אין צייט האט ער ביים לייענען דורכגעלאזט עטלעכע פראגמענטן פון טעקסט.

... " ביי די ברכות האט ער זיך א ביסל אויסגעגליטשט, |...| א פאר ווערטער האט ער דורכגעלאזט". רייזען, 8, 99.

1917 " אונדזער ליסטע וואלט ניט געווען פארפולט, ווען מיר וואלטן דורכגעלאזט יענעם באווייז פאר דעם דיאלעקטישן דענקען |...|". זשיטלאווסקי, 113,7.

9. פארקוקן, פארשוויגן, מוותר זיין, נאכגעבן. % דורכלאזן א באליידיקונג.

1865 " מוז איך עס דורכלאזן |וואס די קינדער ווילדעווען|,
1388 איך מוז זיי פארשווייגן, און אזוי וואקסן זיי
אין גראבהייט". צווייפל, 2, 35.

10.(שש) אויסטרינקען (ווי־ין). % דער פארשוין האט
ליב דורכצולאזן א גלעזל.

1964 " |...| פון אדורכלאזן א טראפן משקה איז שוין,
1391 פארשטייט זיך, אפגערעדט". ש. וויגאדא, פער 155, I/19.

0 דורכלאזפונקט - דער, =ן. ארט ווו מע מעג/מע קאן
דורכגיין/דורכפארן. % דורכלאזפונקטן אויף דער
גרענעץ.

דורכלאזשיין - דער, =ען. (שלג) דאקומענט וואס
בארעכטיקט דורכצולאזן.

1970 " געציילטע יחידים, וואָס האָבן |...| באַקומען

1400 'דורכלאָזשיינען', האבן געקענט אַרויסגיין פון געטאָ".

יזב 825,15.

**דורכלאָזן מיט אַ פּויק** – קאָמפּראָמעטירן, אויסלאַכן,

פֿאַרשפּאָטן |סטוטש 584|.

**ניט דורכלאָזן קיין פֿליג** – ניט דורכלאָזן קיינעם, זיין

זייער שטרענג ביים דורכלאָזן.

(?נ?) ד ו ר כ ל אַ כ ן - אוטוו. (שנש) לאַכן דורך עפּעס.

1972 " |...| דאַך האָט דער ווילדער ווינט דורכגעלאַכט

דורך זיי און זיך אַרײַנבאַקומען אין די שטיבער". 1403

ראָזענפֿאַרב, 2, 303.

|| דורכלאַכן זיך - קזוו. לאַכן אַ ביסל איינער צום

אַנדערן.

1929 " |...| אויב אַזוי, מעג מען זיך דורכלאַכן אַ ביסל".

טײַטש, 3, 162. 1404

ד ו ר כ ל א מ ו ר ן |דוכליימערן| - **אוטוו.** (ללל)

אַרייַנזאָגן, מאַכן אַן אויסרייד, שטראָפן מיט רייד.

1895 " |...| איך האָב אייַך געוואָלט אַ ביסל דורכלאַמורן,

1905 אַ ביסל אָפּשייגעצן". פּ. זאַמאַשטשין, ציט פער 94, XXIX, ז' 54.

דורכלאמען (זיך) - אטוו. (שנש)

דורכגיין זיך לאמענדיק, ווי א לאמער.

1938 " פישקע לאמט זיך דורך איבער דער ערד, און

1407 סענדערל מיט דער אונטערגעבונדענער באק שמייכלט

אים נאך מיט קינדישן גלויבן". קאראלניק, 135,1.

ד ו ר כ ל אַ ק ס י ר ן - טרוו. |ליפשיץ 1| אַפּפּירן (דעם מאָגן).

| |
|---|
| רעד: דער טײַטש לויטן קאַרטל. כ'האָב ניט געפֿונען פֿון וועלכן רוסישן וואָרט ס'איז געטײַטשט. |

דורכלויזן – טרוו. 1. לויזן אַלץ, פּולשטענדיק, פֿאַרענדיקן לויזן. דורכלויזן די גאַנצע וועש. דורכלויזן דעם קאָפּ.

2. (פֿיג, וווּלג) דורכזוכן, דורכנישטערן.

ד ו ר כ ל ו י כ ט – דער, =ן. 1. (שנש) שײַן וואָס לײַכט דורך, וואָס באַלײַכט אויף דורך און דורך.

1945 " איך דורכלויכט ניכטערן פֿון טאָג צי איך דער

1418 ~~איך דער~~ אייביקייט פֿון נאַכט איז זי |די חכמה|?".

האַלקין, 70,3.

1956 " |...| עפּעס שטרענגער און פּאַרטײַפּטער יעדער שטריך

1418/1 אונטערן דורכלויכט פֿון געמיטענע געפּאַרן |...|".

מאַרקיש, 227,10.

2. דזוו דורכלויכטונג/דורכלײַכטונג, צ'2.

3. אַ באַלויכטענער פּונקט, אַ פֿלעק אַ פּאַס אין אַ ניט=באַלויכטענעם שטח, אויף אַ טונקעלן פֿאָן. % אַ דורכלויכט אין פֿענצטערלעך.

1938 " |...| אומגעֿעך האָבן זיך הויך ווי באַווייזן//

1416 בייַם גרינינקן דינינקן דורכלויכט פֿון סכך,//

די אורחים די גרויסע, די זיבן אושפּיזין. לייעסין,3,301.

1956 " |...| אים יעדער דורכלויכט איז אַ שטער, און

1417 יעדער שייַן וואָס דורך דעם חלל קומט צו אים אָן".

מארקיש, 10, 287.

4. (סניגז) אין אַרט און וואָלד פּריז פֿון דיממ, אַ פֿאַליאַנער.

..........................................

רעד: ס'קען זייַן אַז די לעצטע ציטאַטע פֿון מאַרקישן

האָט טאַקע אַ שייכות צו אָט דעם באַטייַט.

..........................................

7 אייַער (זייַן) דורכלויכט - אַ מאָל אַנגענומענע

ווענדונג צו אַ מענטש מיט אַ הויכן אַריסטאָקראַטישן

טיטל (פֿירשט, גראַף). % זייַן דורכלויכט, דער גראַף

פֿאַטאַצקי |...|". אייַער דורכלויכט, כ'בין געקומען

צו אייַך מיט אַ בקשה |...|.

1864 " אַודאי, איַיער דורכלויכט, קען עפּעס עמעצן געפֿעלן 1113
אַז דער האַר מיניסטער האָט באַניצט דאָס איַינזעצן דעם
אַלטן רבי כדי ער זאָל זיַין |...| טאָכטער פֿאַרפֿירן?.
פּער 177, נ׳ 28, ז׳445.

1885 " איַיער דורכלויכט זאָל מיך היַינטיקן אָוונט 1113
באַזוכן |...|". זילבערמאַן, 1, 34.

1944 " גרייט צו דינען, איַיער דורכלויכט! – האָט 1415
ר׳ יהושע צייטלין אָפּגעקלאַפּט אויפֿן מיליטערישן שטייגער".
שניאור, 8, 143.

ד ו ר כ ל ו י כ ט ו נ ג - די, =ען, פּפּ דורכלייכטונג.

1. . אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכלייכטן.

2. (ספּעצ,מעד) דאָס דורכלייכטן מיט רענטגענשטראַלן.

1929 " אין דער רענטגענאָלאָגישער אונטערזוכונג מוז מען

1423 אין יעדן פֿאַל זיך באַנוצן סיי מיט דורכלויכטונגען

און סיי מיט רענטגען-אויפֿנאַמען". פֿער 72.

.........................................

רעד: ס'איז מיר ניט קלאָר וואָס איז דער אונטערשייד צווישן "דורכלויכטונגען" רענטגען=אויפֿנאַמע" אין דער ציטאַטע...

.........................................

1961 " ס'וואָלט געווען וויכטיק, אַז אַזאַ שפּיטאָל זאָל

1422 האָבן אַן אייגענעם רענטגען=קאַבינעט, וווּ די נישט-

באַמיטלטע זאָלן קענען מאַכן די דורכלויכטונגען".

ש.שלייפֿשטיין, יזב 236,13.

רעד: לויט מיר וואלט די גרונטפארמע פאר דעם ווארט
געדארפט זיין **דורכלייכטונג** (אזוי ווי באלייכטונג,
ביי אוור). כאטש ס'איז אויך דא א פאראלעלע ~~באר-~~פארמע "באלויכטן",
אבער ציטאטן האבן מיר נאר אויף "דורלויכט" און
"דורכלויכטונג".

ד ו ר כ ל ו י כ ט ן - דזוו דורכליכטן.

(?נ?) ד ו ר כ ל ו י ע ר ן - טרוו. דורכזוכן, דורכנישטערן

|מאַרק וזב 980|.

רעד: ער טײַטשט עס פֿון פּויליש ן" przetropić

וואָס ווערט אין פּויל' אַקאַד' ווב אָנגעגעבן ווי

פֿאַרעלטערט.

ד ו ר כ ל ו י ף - <u>דער, =ן.</u> 1. אַקט פֿון דורכלויפֿן.

2. (<u>ספּעצ</u>) פֿאַרמעסטונג אין לויפֿן אָדער פֿאָרן. ⁒ צום <u>דורכלויף</u> אויף 5000 מעטער האָבן זיך געמאָלדן אַ סך ספּאָרטלערס. דעם <u>דורכלויף</u> פֿון די ראָוועריסטן האָבן געווו·נען די ענגלעדער.

3. דאָס געפֿינען זיך פֿון אַ טראַנספּאָרט=מיטל אין וועג.

ד ו ר כ ל ו י פ ן - אוטוו, (איז) פאַר דורכגעלאָפֿן.

1. לויפֿן דורך עפּעס (וועגן מענטשן, חיות). % דורך דער גרענעץ וועלן זיי מוזן דורכלויפֿן ביי נאַכט. אַ הונט איז דורכגעלאָפֿן דורך דער גאַס.

1916 "אַ שוואַרצע קאַץ לויפֿט דורך |...| מיט אירע גלאַטע סאַמעטענע טריט |....| און ווערט פֿאַרשוווּנדן". 1450/1

שלום-עליכם, 91,38.

1929 " |....| ער איז דורכגעלאָפֿן |...| אַרומגעכאַפּט מיט די אויגן אַלץ און אַלעמען". יאָפּע, 87,1. 1477

1958 " ווען שיע איז צוריקגעקומען |...| האָט אים מאירקע דערזען דורכלויפֿן שטראַמעלעוואַי דורך דער גאַס". 1481

גראַדע, פּער 68, IX/12.

2. דורכגיין לויפֿנדיק אַ געוויסן מהלך. % די ספּאָרטלער דאַרפֿן דורכלויפֿן אויף די נאַרטן 50 קמ אָן אָפּשטעל.

1888 "זי איז דורכגעלאפן דאס גאנצע שטעטל און האט
געקויפט |...| אן אלטן סאמאווארטשיק". 1450
לעוויץ, 56,1.

3. גיין דורכפארן, דורכשווימען. % די באן איז דורכגעלאפן
דורך דער סטאנציע און ניט אפגעשטעלט זיך. דאס
שיפל לויפט דורך אונטער דער בריק.

4. גיין איבעררוקן זיך, באוועגן זיך, ווערן באוועגט
(וועגן ווינט, וואסער, וואלקנס, ליכט אד"גל).
% געדיכטע כמארעס לויפן דורך דעם הימל. דער ווינט
איז דורכגעלאפן מיט א רעש.

1908 " א קליין ווינטעלע לויפט דורך און רוימט אייך
איין א סוד". שלום=עליכם, 26, 161. 1480

5. גיין פארשפרייטן זיך, צעטראגן זיך (וועגן קלאנגען).
% א געמורמל פון פראטעסט איז דורכגעלאפן אין דער מאסע
מענטשן.

1944 " |...| איז צווישן די יידן דורכגעלאפן א געשעפטש".
שניאור, 32,9.

1948 " ס'האט ענגער דער המון געגעבן זיך א פרעס, פארטייעט
דורכגעלאפן איז א ווינטיקער געהודע". מארקיש, 16,9. 1475/1

6. (פיג) באווייזן זיך און גיך פארשווינדן. % א שמייכל
איז דורכגעלאפן אויף זיין פנים. עס לויפט דורך
א ציטער איבערן לייב.

1914 " |...| א שטיל געלעכטער איז דורגעלאפן איבער
אירע דיקע רויטע ליפן". מ. ריבקין, 13,1. 1493

1929 " איבערן גאנצן לייב איז אים אדורכגעלאפן
א געשווינדער און קאלטער שוידער". בערגעלסאן, 2, 45. 1493/1

1944 "|...| באמערקט די דורכגעלאפענע העוויה".
שניאור, 8, 236. 670

7. (פּיג) גיך פֿאַרגייך, פֿאַרשווינדן (וועגן צייט).

% די וואָקאַציע זײַנען דורכגעלאָפֿן אומבאַמערקט.

1957 " דער מענטש זאָל זיך מתבונן זײַן, ווי גיך עס

1445 לויפֿט דורך די לעבנסצײַט". איבן אַן, ליקוטי דיבורים,
ז' 194.

1961 " אוך אָט איז כמעט שוין |...| דורכגעלאָפֿן דער

1457 זומער". ה. דאַבין, פּער 131, נ' 2, ז' 7.

/7 א געדאַנק לויפֿט אים (איר, מיר) דורך - ס'קומט פּלוצעם
אויף אַן אידעע, אַן אײַנפֿאַל.

1939 " איז מערען |...| דורכגעלאָפֿן א בייז געדאַנקל".

1481/1 שניאור, 4, 138.

1956 " מיט אַ מאָל איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן קאָפּ

1441 א געדאַנק ניט צו לאָזן פֿאַרבײַגייען אומאויסגענוצט אַזא
גליקלעכן מאָמענט". ש. ביקל, פּער 9, פּסח=נומער, ז' 107.

דורכלויפֿן דורכן/איך געדאנק - 1. דזוו דפּוו.

2. דזוו דורכלויפֿן איך זכּרון.

1968 " עס איז אים דורכגעלאָפֿן איך זיַינע געדאַנקען

1441/1 פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן |...|". ש.גאָלדשטיין, יזב 102,14.

דורכלויפֿן איך זיכּרון - דערמאָנען זיך, פֿאַרשטעלן זיך, זען פֿאַר די אויגן. % ס'איז אים שווער דורכצולויפֿן איך זכּרון די שווערע צייַט.

1975 " די אויגן גלאַנצן אים, ווי איך די אַמאָליקע

1476 עילויִשע צייַטן, ווען ער איז איך זכּרון דורכגעלאָפֿן א גאַנצע גמרא". גראַדע, פּער 155,ט,13.

דורכלויפֿן מיט די אויגן - גיך און פֿאַר זיך איבערלייענען עפּעס. % זי איז דורכגעלאָפֿן דאָס בריוול מיט די אויגן.

ס'איז דורכגעלאפן א שווארצע קאץ צווישן זיי - זייער פריינדשאפט איז צעשטערט, זיי זיינען ברוגז געווארן.

ם

דורך לויפן.

----> 4.

1716 " |...| גלייך וויא די גראבן די מן מאכט בז די וואשר זאלן דורך לויפן". חובות הלבבות, 1, דף לח. 1449

790 דור־

ד ו ר כ ל ו פ ט ו נ ג – די, בא. דזוו דורכלופֿטערונג (זעך דורכלופֿטערן).

1949 " דער עיקר איז די דורכלופֿטונג פֿון דער דירה".

פֿער 152, נ' 12. 1458

דורכלופֿטערן — טרוו. 1. אָפּפֿרישן, אָפּרייניקן
דורך אַ צושטראָם פֿון פֿרישער לופֿט אָדער דורך אַרויסלייגן/
אַרויסשטעלן אויף דער ווירקונג פֿון לופֿט. % עפֿנט
דאָס פֿענצטער, מע דאַרף __דורכלופֿטערן__ דעם צימער פֿון רויך.
מען __האָט דורכגעלופֿטערט__ אַלע קליידער אויף דעם אָפֿענעם
באַלקאָן.

1911 " די זאַל אַרויסנעמען אַלע טעפּעכער, |...| אַלע ווינטערדיקע
מלבושים, |...| גוט דורכלופֿטערן |...|". __שלום-עליכם, 154,23.__ 1464

2. (__פֿיג__) באַטראַכטן אַ פּראָבלעם, אַן אידעע פֿון דאָס נײַ,
פֿון אַ נײַעם אַספּעקט. % די טעאָריע דאַרף מען __דורכלופֿטערן__
אין ליכט פֿון די נײַע אַנטדעקונגען. דעם ענין וועלן
מיר __דורכלופֿטערן__ אויף די נאָענטסטע זיצונג.

1912 " אַפֿילו דער אַנאַרכיזם |...| האָט אין דער לעצטער
צײַט אָנגעהויבן __דורכלופֿטערן__ זײַנע גרונטגעדאַנקען". 1470
__זשיטלאָווסקי, 13,3.__

1916 " |...| טראגט ארויס אויף גאטס וועלט און

1472 לופטער דורך, זיינע זכרונות פון די אויף אייביק

פארגאנגענע יינגלישע יארן". שלום=עליכם, 99,38.

1927 " דעבאטירן איז ניט אזא שלעכטע זאך: |...|

1472/1 עס לופטערט דורך די געדאנקען". לעוויט, 1, 14.

1970 " די פראבלעמען ווערן דורכגעלופטערט פאר טויזנטער

1468 צוהערער |...|". א. בן=עמי, פער 9, פסח=נומער, ז' 17.

דורכלופטערן זיך -1. רעפל צו דורכלופטן. % די טעפעכער

לופטערן זיך דורך אין דרויסן.

2. זיין אויף דער פרישער לופט. % לאמיר ארויסגיין אין

פארק זיך א ביסל דורכלופערן.

1971 " האבן זיך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר, דורכלופטערן זיך,

1471 כדי צו פארדייען די שפייז". ב. רעסלער, פער 69, 1/VIII.

|| דורכלופֿטערונג – די, באַ. אַקט פֿון דורכלופֿטערן.

1963 "בדיעבד, דוכט מיר, וועט אָט די דורכלופֿטערונג

1459 נאָר זייַן צו רפֿואה |...|". ב.צ. גאָלדבערג, פֿער 12/II.69.

דורכליגן (זיך) - אוטוו, פֿאַר **דורכגעלעגן**.

ליגן אַ געוויסע צײַט. % דער חולה וועט **זיך דורכליגן**

עטלעכע שעה, וועט אים גרינגער ווערן.

1947 " די מאַמע דײַנע דאַרף **זיך דורכליגן**. מילך אַ ביסל

1482 האָסטו?". דאַבין, 1, 273.

1968 " מידע און צעבראָכענע פֿון **דורכליגן** אַ גאַנצע

1483 נאַכט אויף די האַרטע ברעטער, האָבן די לאַגעריסטן

ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו וואַשן". ב.אַרענשטיין,

יזב 2, 819.

ד ו ר כ ל יי ג ן – טרוו. 1. (אַוועק)לייגן/אויסלייגן עפּעס
לענגוויס אָדער אין דער קווער, דורכפירן, אויסציִען.
% דורכלייגן אַ נײַע טעלעפאָן=ליניע. דורכלייגן קאַנאַליזאַציע=
רערן. איבער דער בלאָטע האָט מען דורכגעלייגט אַ בריקל
פֿון ברעטער. מע לייגט דורך רעלסן פֿאַר אַ באַן=ליניע.

1961 "|...| געלערנט זײַ דורכלייגן די ערשטע באַראַזדעס
אויף דער צעלינאַ |...|". ש. גאָרדאָן, פֿער 131, נ׳3, ז׳9. 1491

2. (ספּעצ) מאַכן, שאַפֿן, דורכפירן, אויסטרעטן (אַ וועג,
אַ סטעזשקע אד"גל).

1928 " ס׳האָט דורך שוועלן דורכגעלייגט אַ טראָט, //
דורכגעריסן גרענעצן פֿאַרריגלטע!". קושניראָוו, 2, 78. 1485
1958 " |...| למשל, אויסטריקענען זומפּן, דורכלייגן
וועגן דורך מדבריות, אָפּרייניקן אַ געגנט פֿון ווילדע 1487
חיות |...|". ח. גרינבערג, 1, 39.

796



3. אַנצייכענען, באַשטימען אויף דער מאַפּע (אַ קורס, אַ וועג).

% דער קאַפּיטאַן לייגט דורך אויף דער מאַפּע (קורס [illegible]) פֿון דער שיף.

4. דזוו איבערלייגן, ב' 5. % דאָס טייג פֿון טאָרט איז דורכגעלייגט מיט דינע שיכטן שאָקאָלאַד=קרעם און מיט קאָנפֿיטורן. ביים פּאַקן גלאָזוואַרג דאַרף מען עס דורכלייגן מיט פּאַפּיר אָדער סטרוזשקעס.

7/ דורכלייגן (זיך) אַ וועג – צוגרייטן, שאַפֿן מעגלעכקייטן, גינציקע באַדינגונגען צו דערגרייכן, אויסצופֿירן עפּעס.

1928 " געווען זיינען די דאַזיקע מענטשן גוט באַוואָפֿנט מיט געווער און מיט אַנטשלאָסנקייט דורכצולייגן פֿאַר זיך 1486
אַ וועג". קושניראָוו, 3,44.

1486/1 1940 „ב... [illegible] דורכצולייגן [illegible] וועג [illegible]". קושניראָוו, 5, 73.

1951 " אסתר האט שוין דעם דאַזיקן קאַמף ניט באַדאַרפט פירן,

1489 דער וועג איז געווען דורכגעלייגט דורך די עלטערע

ברידער". ש. אלישוב, פער 1320,106.

|| דורכלייגער – דער, =ס. דער וואָס לייגט דורך.

1906 " די ייִדן, אַלס די פֿעיִקסטע דורכלייגער פֿון

1544 אַ באַקוועמען לעבנסוועג, |...| האָבן געליטן שרעקלעך

פֿון די באַרבאַרישע נאַציאָנען". עדעלשטאַט, 3, 25.

דורכליידן - טרוו. פאר דורכגעליטן.

1. ליידן א סך, לאנג, ביזן טוף. % זיי וועלן ניט פארגעסן, וואס זיי האבן אלץ דורכגעליטן בעת דער מלחמה.

1889 " |...| אזוי איז קיין ברעג ניטא צו מיינע צרות, וועלכע איך האב דורכגעליטן". טאיב, 1,101. 1493

1912 " זיין איינציקער בארוף איז געווען צו דערהאלטן זיך |...| ביז צו יענער צוקונפט, וואס וועט באלוינען די נאציע פאר אלע דורכגעליטענע צרות". זשיטלאווסקי, 3,208. 671

1947 " |...| וואס זי לעבט איבער, וואס זי ליידט דורך אין איר איינזאמקייט". דאבין, 1,6. 1492

2. ליידן א געוויסע צייט. % זיי האבן דורכגעליטן עטלעכע חדשים, ביז זיי האבן געקריגן א דירה און ארבעט.

799 דור־

ד ו ר כ ל יי ט ן – טרוו. (פֿאַר) לייטן גוט, פֿולשטענדיק, פֿון אַלע זײַטן. % די געפּלאַצטע רער דאַרף מען דורכלייטן, װעט זי מער ניט רינען.

ד ו ר כ ל ײַ ט ע ר ן - טרוו. 1. לײַטערן פֿולשטענדיק, פֿאַרענדיקן לײַטערן. % דורכלײַטערן דעם ווײַן.

2. (פֿיג) אָפּרייניקן אין גאַנצן פֿון זינד, דערפֿירן צו שלימות.

|1957?| "דאָס וועט זײַן די אמתע שׂימחה פֿונעם נפֿש, |...|
1516 אַז ער דאַרף איר דורכלײַטערן און באַלײַכטן איר מיט
אַ שׂימחה פֿון האַרצן". איבז אנ, ליקוטי אמרים, ז' 164 |?|.

ד ו ר כ ל יי כ ט ו נ ג - ----> דורכלייכטן.

דורכלייכטן - פּפּ דורכלויכטן, פֿאַר דורכגעלויכטן/

דורכגעלײַכט. 1. אוטוו. לײַכטן, שײַנען

דורך עפּעס. % די זון האָט דורכגעלויכטן דורך די

שיטערע וואַלקנס. קליינע פֿײַערלעך פֿון די שטובפֿענצטער

האָבן דורכגעלויכטן דורך די ביימער. דער פֿאָרהאַנג איז

אַ געדיכטער, וועט די זון ניט קענען דורכלײַכטן.

2. אוטוו. (אַרויס)זען זיך, ווערן געזען דורך עפּעס.

% דורך דעם שלײַער פֿון טיול לײַכט דורך איר בלייך פּנים.

1914 " דורך דאָס געדיכטע גרינע וואַסער האָט איר ווײַסער

קערפּער דורכגעלײַכט, ווי אַ שײַן פֿון אַ ליכט שלאָגט 1504

זיך דורך פֿון אַ געדיכט פֿאַררויכערטן לאַמטערן".

מ. ריבקין, 1, 186.

3. טרוו. דורכדרינגען מיט ליכט (שטראַלן). % דער

רעפֿלעקטאָר לײַכט דורך די נאַכט=פֿינצטערניש.

1926 "לייכט דורך אויף דער שיין א בלאט פון אן

1508 איינטייליקן געוויקס |...|". יאכינסאן, 2, 62.

1930 " די לבנה איז אין דער הייך געהאנגען ווי א

1510 ווייסלעך בלויע יאפאנישע לאמטער און דורכגעלויכטן

דאס גאנצע בילד". איינהארן, 7, 190.

1971 " מען האט מיט גרויסע עלעקטרישע לאמפן דורגעלויכטן

1430 זיין דארן, וואקס געלן גוף". גראדע, פער 69, V/21.

4. טרוו. (ספעצ. מעד) מיט דער הילף פון געוויסע שטראלן

מאכן אנזעעוודיק, קענטיק דאס אינעווייניקסטע פון עפעס.

% מען דארף דורכלייכטן דעם מאגן מיט רענטגענשטראלן.

1964 " טעלעוויזיע איז א מעכטיקער וואפן, וואס קאן

1425 דורכלויכטן א מענטשן און אים ווייזן פון אינעווייניק

בעסער פון עקס=רעי=שטראלן". י. גלאטשטיין, פער 69, X/9.

5. (פֿיג) קריטיש אַנאַליזירן, אַרײַנדרינגען אין תוך פֿון עפּעס.

1964 " |...| ער האָט גערעדט גענוג שטאַרק, גענוג דורכגעלויכטן, אַז עס זאָל מאַכן אַ טיפֿן אײַנדרוק". 1507

לעיעלעס, פֿער 69, 7/X.

1972 " אין זײַנע געשעכטלעכע עקסקורסיעס צו פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון דער ייִדישער געשיכטע זוכט דער מחבר 1507/1

דורכצולײַכטן די שאַפֿונגען פֿון ייִדישן גײַסט |...|".

קאַהאַן, פֿער 169, ז׳ 411.

דורכלײַכטן זיך - אומטראַ. 1. (אַרויס) זען זיך, ווערן געזען דורך עפּעס. % דורך די דינע אַרבל לײַכטן זיך דורך אירע אָרעמס.

1945 " צווײ פֿײַלן זיך דורכגעלײַכט האַרט בײַ איר

אויג, // און זי האָט דעם קאָפּ ניט געגעבן קײן בויג". 1509

האַלקין, 3, 152.

1971 " בלויז זײַנע ווײַסע צײן און די ווײַסלעך

פֿון זײַנע אויגן האָבן זיך דורכגעלויכטן דורך דער 1429

חשכות". ב. דעמבלין, פער 155, VII/18.

2. דורכלאָזן ליכט, זײַן דורכזיכטיק. % די זאַכן לײַכטן

זיך דורך.

19... " די ווענט לײַכטן זיך דורך, און פֿון דער סטעליע

קאַפּעט". שלום=עליכם, 7א, 197. 1511

3. (פֿיג) ווערן/זײַן קענטיק, בולט, אַרויסבאַקומען זיך.

... " דער טויט איז אים געלעגן אויף די ליפּן, דורכגעלײַכט

זיך אין די שפּיציקע אויסגעלאָשענע אויגן". שלום=עליכם, 9, 113.

1959 " זײ זײַנען |...| ניט מחויב דורכצוגײן, דורכצולײַכטן

זיך דורך אונדזער פֿאַנטאַזיע". ניגער, 9, 271. 1513

|| דורכלײַכטונג - די, =ען. 1. דזוו דורכלויכטונג, ב"ב 1-2.

1929 " ווען די רענטגענשטראַלן גייען דורך דורכן קערפּער,

באַקומט זיך אויף דעם |עקראַן| אַן אָפּבילדונג. 1500

דאָס ווערט אָנגערופן א דורכלײַכטונג אָדער רענטגענאָסקאָפּיע."

פער 151, נ' 2.

2. (פיג) שכלדיקע קלאָרקייט.

1958 " ניטשע האָט אַ מאָל, אין אַ מינוט פון דורכלײַכטונג,

אָנגערופן |דאָס יידישע פאָלק| דאָס איבערפאָלק". 1499

א. ציטלין, פער 69, VI/6.

דורכלויכטיק - אדי/אדוו. (נש) דורכגעדרונגען מיט ליכט,

קלאָר, העל |סטוטש 289|.

דורכלײַכטעוודיק - אדי/אדוו. (נש) וואָס לאָזט זיך

דורכלײַכטן; דורכזיכטיק. |סטוטש 291|.

ם דורך לייכטן.

.1 ←---

... " דיא וואשר וואָרן אזו ווייש אז איין גלאז אום דורך צו לייכטן, |....| איטליכש שבט האט גיזעהן זייך אבר נעבן זיך גין איך ים". צאינה וראינה,2, בשלח, דף ס"ג. 1503

ד ו ר כ ל ײ ך ט ע ו ו ד י ק – -----> דורכלײַכטן.

דורכלייענען - טרוו. 1. לייענען איין גאַנצן,
ביזן סוף, פֿאַרענדיקן לייענען. % דעם בריוו האָט
ער דורכגעלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל. איך וועל
דורכלייענען דאָס בוך ביז קומענדיקער וואָך.

1912 " איך קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פֿון דעם פֿאַרגעניגן
דורכלייענען פֿאַר איַיך, אָפּגעקירצט, די ערשטע העלפֿט 1518
פֿון דער מאוימדיקער טאַנצסצענע". זשיטלאָווסקי, 1,91.

1928 " דער מאַמען האָב איך דאָס ניט דורכגעלייענט,
פֿאַרשוויגן |...|". קושניראָוו, 3, 33. 1520

1951 " איך געדענק איין בריוו פֿון אַמעריקע, וואָס מען
האָט מיר געגעבן דורכצולייענען". י. מ"ץ, פֿער 106,1503. 1519

2. לייענען אַ געוויסע צייט. % ער האָט דורכגעלייענט
אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי אינטערעסאַנט איז געווען דאָס בוך.

ם דורך לייאנן.

----- 1.

|?1685| " דיזש ספר גיהערט מן עטליכי מאל דורך לייאן

1517 אונ' וואול אין אכט צו נעמן וואש מן לייאנט".

דרך הישר לעולם הבא, דף ע"ז.

דור-

811

ד ו ר כ ל י כ ט - דער, =ן. 1. (שנש) דזוו דורכלויכט, ב׳ 1.

1956 " איך זײַנע לירישע לידער, |...| ווו ס׳קומט

צום אויסדרוק אויף דער פֿערזענלעכער מאָטיוו, גייט 1522

דורך אַן אָפּשיין, אַ דורכליכט פֿון סאָציאַלן באַנעם".

נ. מינקאוו, 143א, ב׳!!, ז׳40.

2. (נש) דיאַמעטער פֿון אַ קײַלעכיקער עפֿענונג.

1940 " די דאָזיקע ענדערונגען דריקן זיך אויס אין דער

פֿולער אָדער טיילווײַזער פֿאַרוואַקסונג פֿון דורכליכט 1523

פֿון אַפּענדיקס". פער 151, נ׳5.

812 דור-

ד ו ר כ ל י כ ט י ק יי ט – די, בא. (שנש) דורכזיכטיקייט.

1960 " ער האָט ליב געהאַט זיך |...| און זיינע

צוהערער צו פֿאַרוויגן |...| מיט דער דורכליכטיקייט 1523/1

פֿון ווערטער, וואָס האָבן זיך קוים באַרירט |...|".

י. גלאַטשטיין, 2, 144.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ד ו ר כ ל י נ י ר ן - טרוו. דורכפירן ליניעס, אויסווירען.

814 דור-

ד ו ר כ ל י נ ע וו ע ן - ---→ דורכלינירן.

815 דור־

דורכליציטירן - טרוו. ליציטירן אַלץ, ביזן סוף.

|מאַרק ווב 979|.

דורכלעבן - טרוו. 1. בלייַבן לעבן, עקסיסטירן, ניט שטאַרבן. % דער מצב פֿון חולה איז אַ שווערער, ווער ווייסט צי ער וועט דורכלעבן די נאַכט. ווינציק ייִדן האָבן דורכגעלעבט אין די בונקערס, אין די וועלדער.

1968 " איך האָב דורכגעלעבט די מוראַדיקע צײַט. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, איז פֿאַר מיר אַליין אַ סוד". ר. גאַנטאַרסקי, יזב 906,2. 1536

2. אויסקומען, האָבן מעגלעכקייטן צו לעבן. % מיט אַזאַ קליינעם פֿאַרדינסט קען מען ניט דורכלעבן. מיט דעם ביסל געבליבענער תּבֿואה וועלן די פּויערים מוזן דורכלעבן ביזן נײַעם שניט. דער ישיבֿה-בחור פֿלעגט דורכלעבן דעם טאָג מיט אַ דאַר שטיקל ברויט.

1888 "איר זײַט דאָך אַן אָרעמער מענטש, איר לעבט קוים
1527 דורך דעם טאָג". לעוויץ, 1, 46.

... "מיט הונגער דורכגעלעבט די וועלט, אַוועקגעריסן
1539 פֿון מויל". פּרץ, 5, 337.

3. דורכמאַכן, דורכפֿילן, דורכלײַדן; איבערלעבן.

% דורכלעבן יסורים, ווייטיקן. דורכלעבן פֿאַרגעניגן, חרטה, בושה. זיי האָבן דורכגעלעבט אַלערליי נסיונות. ער האָט זייער שווער דורכגעלעבט דאָס אומגליק אין דער משפּחה. דאָס לאַנד לעבט דורך א גרויסן קריזיס. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דורכגעלעבט א באָמבאַרדירונג.

... "דער שטילסטער |...| דער שטילסטער לעבט דורך די שטאַרקסטע
1532 לײַדנשאַפֿטלעכע אָרקאַנען". פּרץ, 11, 266.

~~1917 "דאָס איז דער לעבט פֿון לאַנגיע פֿון יענעם דעק~~

1917 " דאָס איז די לעבנס=פֿילאָסאָפֿיע פֿון יענעם זקן
|וואָס האָט| דורכגעלעבט |...| די גאַנצע אימה פֿון דעם 1535
עקאָנאָמישן דרוק און די עקספּלואַטאַציע |...|".
זשיטלאָווסקי, 7, 168.

1929 " אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַלץ דורכגעלעבט, אַלץ
גענאָסן און פֿאַרלוירן דעם חשק צו אַלץ — וואָלט ניט 1535/1
געקענט רעדן מיט מער האַרציקייט, קלוגקייט |...|".
בעל=מחשבות, 2, 205 |?|.

1972 " |...| לאהס רייד האָבן אָנגעוואָרפֿן אויף אים
אַ שרעק, וואָס ער האָט קיין מאָל פֿריִער נישט דורכגעלעבט". 1530
באַשעוויס, פּער 155, IV/28.

4. לעבן אַ באַשטימטע צײַט. % אַ סך יאָרן האָבן זיי
דורכגעלעבט אין אויסלאַנד. דאָס פֿאַרפֿאַלק האָבן
דורכגעלעבט צוזאַמען פֿופֿציק יאָר, עטלעכע חדשים וועלן
די עולים מוזן דורכלעבן אין דעם באַראַק, ביז מע וועט
זיי געבן אַ דירה.

דור־

819

דורכלעבן זיך - אומוו. (איך אַ געמיטלעכן טאָן) דזוו דורכלעבן, ב׳ 2.

1887 " גלייַכער פּאָרט צוריק, |...| וועט איר זיך גיכער דורכלעבן ווי איך אַמעריקע". זאַביעזענסקי, 15,1. 1528

|| דורכלעבעניש - דאָס, =ן. איבערלעבונג.

1956 " |...| זייַן רעדע איז געווען אַ קינסטלעריש ציוניסטישע דורכלעבעניש". ד. סדן, פּער 38, נ׳ 23 |22?| ,ז׳243. 1543

ד ו ר כ ל ע ז ן - טרוו. (דטשמ?עלט?) דזוו דורכלייענען.

1891 " אַזאַ בוך, ווען מען לעזט עס דורך עטלעכע מאָל 1547
מיט קאָפּ און נאָך דעם גייט מען אויף פּראַקטיק אין
די פֿעלדער |...|". ווענבער, 1, 5,

1930 " איך האָב דורכגעלעזן דאָס, וואָס די קינדער שרייַבן 1545
אויף יידיש אין די ארבעטער=רינג=שולן פון מאָנטרעאָל
|...|". איינהאָרן, 231,7.

דארך לעזין.

1711 " ווען עש רעכט דארך לעזין איז דש איר פר לאנגיין 1548
ווערט, ביז איך דאש אנדרי טייל העט |...|".
שיני ארטליכי גישיכטין, ז' 5 - 6.

821 דור-

ד ו ר כ ל ע כ ל ע ן - טרוו. מאַכן אַ לעכל/לעכלעך.

1970 " די בלויע באָק,// דורכגעלעכלטע פֿון פּאָקן |...|".

אליצקי, 4, 24.

822

דור-

ד ו֗ ר כ ל ע כ ע ר ן - טרוו. 1. מאַכן אַ ~~לקך/לעכער~~ לאָך/לעכער

אדער אַן עפֿענונג אין עפּעס. % דער סטאַליער לעכערט דורך

די ברעט מיט אַן עקבער. די קוילן האבן דורכגעלעכערט

די וואַנט.

1881 " |...| דען אונזרי טרערן זאלן דורכלעכערן

1550 איין טיר צו דיין הייליקע שטול". אנ, איין ניַיע שס תחנה,

שלש=עשרה מידות.

1937 " |...| זיי קלעפּן צונויף די אייבערפלאַך פֿון

679 מאַגן מיטן שכנישן אָרגאַן(לעבער, אונטערמאַגן-דריז אאז"וו)

און אַזוי אַרום באַדעקן זיי ווידער דאָס דורכגעלעכערטע אָרט".

פּער 151, נ׳ 11.

1951 " פּאַרן שעטקעווען פֿלעגט מען פֿון דעם קרויט

1551 אַרונטערנעמען אַלע גרינע בלעטער, בפֿרט אויסשנַיידן די

ערטער, וואָס זַיינען געווען דורכגעלעכערט פֿון ווערעם".

אבראמאוויטש, פּער 418,106.

ד ~~דורכלעכערן מיט די אויגן~~ - קוקן אויף עמעצן זייער שאַרף, פֿאַרשעריש.

ם **דורך לעכרן.**

1668 " |...| דורך גילעכרט, פערליין דיא מן אן דיא מן אן דיא האלז באנד הענקט דער ווארן אכציג". 681

יוסיפון, 3, דף נ"ו.

1713 " אין דיא פינשטר לעכרן זיא דיא וועגד דורך".

מחזור, 1, דף רנה. 1553

ד ו ר כ ל ע ס י ק יי ט – די, בא. (דטשמ) דזוו (?נ?)

דורכלאזיקייט.

1950 " |...| אזוי ארום קען מען באקעמפן די אלע

1553/1 אלערגישע צושטאנדן, וועלכע זיינען א רעזולטאט פון

א געשטייגערטער דורכלעסיקייט פון די קליינע געפעסן |...|".

פער 152, נ' 6 – 8.

ד ו ר כ ל ע ר נ ע ן – טרוו. 1. לערנען עפּעס אין גאַנצן, ביזן סוף, ענדיקן דאָס לערנען. % דורכלערנען דעם מאַטעריאַל צום עקזאַמען. דורכלערנען גאַנץ ש"ס. יעדן טאָג לערנט ער דורך עטלעכע קאַפּיטלען פֿון לערנבוך.

1905 " עס איז מוטל אויף יעדן מענטש דאָס ספר |...| דורכצולערנען". אנ, ספר מטעמים, שעה=בלאַט. 1566

1960 " איך האָב נאָך א מאָל און נאָך א מאָל דורכגעלערנט דאָס בלאַט גמרא, גרונטאַווענע דורכגעלערנט". 1566/1

סיימאָן, 2, 273.

2. באַקענען זיך גוט מיט עפּעס, דורשטודירן, אויספּאָרשן. % דורכלערנען אַן עניין.

∠7 דורכלערנען גאַנץ ש"ס איז א גרויסע זאַך, דורכלערנען איין מידה איז א גרעסערע זאַך – ווערטל פֿון די מוסרניקעס, וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער, דריקט אויס זייער הויפּטפּרינציפּ, אַז מאָראַלישע שלימות איז וויכטיקער פֿון לערנען.

826 דור־

דורכמאַטערן זיך - אויסוו. מאַטערן זיך אַ געוויסע צייט. % מען וועט מוזן זיך דורכמאַטערן עטלעכע חדשים, ביז מע וועט קריגן אַ בעסערע דירה.

דורכמאַכן - טרוו. מאַכן/טאָן עפּעס אין גאַנצן,
ביזן סוף, פֿאַרענדיקן מאַכן/טאָן.

1900 " דו האָב חתונה, וועט מען צו מיר גאָרניט קענען
1574 האָבן, מיט דעם חוב וועל איך זען וואָס גיכער דורכמאַכן".
אַחון, 3, 8.

1932 " נאָך דער אַרבעט - דורכמאַכן די געהעריקע
1596 איבונגען, און מיט דעם קען מען די אײַנמידונג
פֿאַרטרײַבן". פּער 151, נ׳ 1.

|1946-1943| " די שטרעקע צווישן זײַערע אײַזנבאַן=
1596/1 שטיבלעך וואָלטן מאיר און מאַקאַר געקאָנט דורכגיין
ווײַניקער ווי אין אַ שעה, ווען ניט די אַרבעט, וואָס
יעדערער פֿון זיי דאַרף דורכמאַכן אויפֿן באַנאַנשיט".
בערגעלסאָן, 655,18.

2. (ספּעצ) דורכגיין, ב׳ 1. % דעם גאַנצן מהלך האָבן

זיי דורכגעמאַכט במשך פֿון איין שעה.

1966 " ביז איך וועל דורכמאַכן דעם שוואַרצן קריַיז,//

1590 וועסטו, מיַין ליבסטע, ווי אַ טויב זיַין וויַיס".

האַלקין, 4, 101.

1968 " נאָך שווערער איז געווען דער וועג צו פֿוס, וואָס

1594 מיר האָבן דורכגעמאַכט פֿון ראַדזימין ביז ביאַליסטאָק".

מ׳ קאַלקאָוויטש, יזב 2, 926.

3. זיַין דער אָביעקט פֿון אַ טוּונג, אַ פּראָצעס. % די מדינה

האָט דורכגעמאַכט אַן עקאָנאָמישן קריזיס. די אינסטיטוציע

מאַכט דורך אַ נייַע אַנטוויקלונג.

1922 " וויַיך איַיבערלעדער מוז אויך דורכמאַכן אַ

1573 פֿאַרבאַרייַטונג צום גאַרבן". וואַולאָך, 21,1.

1931 " |...| אינסעקטן מאכן דורך קערפערלעכע אומוואנדלונגען
1601 דורך זייערע לעבנס". בלום, 1, 136.

1943 " |...| האט דען ניט אין אונדז באזונדער//יעדער
1603 אטאם דורכגעמאכט// אלע פייערדיקע ווונדער,// וועלכע
ווינקען אין דער נאכט?". איינהארן, 8, 61.

1965 " |...| דאס ווייזט נאר אן, אז הן אידייען, הן
1577 בילדערישע אויסדרוקן מאכן דורך גילגולים".
ב. ריימאן, פער 90, נ' XXV - 2, ז' 61.

4. דורכלעבן, איבערטראגן, איבערקומען, איבערלעבן.
% דורכמאכן שווערע צייטן. דורכמאכן אן אפעראציע.
די מלחמה האבן זיי דורכגעמאכט צוזאמען, אין איין פאלק.
1898 " |...| ארויסגייענדיק פונעם חדר אין קלייזל
1572 אריין, זאל שוין דאס יינגל האבן דורכגעמאכט די
גאנצע 70=יאריקע עלטער פון א מענטשן |...|".
לינעצקי, 58, 10.

|1916-1914| " טוביה האָט ליב צו דערציילן א זאַך,

1611 וואָס טאקע בעיני ראיתי - ער אַליין האָט דאָס דורכגעמאַכט,

מיט אים אַליין האָט זיך דאָס געטראָפֿן". שלום=עליכם, 224,16.

|1931-1926| " |...| יעס, כ'האָב דורכגעמאַכט דעם ערשטן

1604 קעשענעווער פּאָגראָם". אַפּאַטאָשו, 178,7.

1943 " איך האָב דאָס |שרײַבן דאָס ווערק|געטאָן צוליב

1610 געשיכטלעכער דערקענטעניש, כדי צו באַקענען דעם יונגן

דור מיט דעם גוואַלדיקן מהלך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט

פֿאַר אַזאַ קורצן צײַטאָפּשניט, וואָס טיילט אָפּ אונדזער

ווירקלעכקייט פֿון יענער". דער נסתר, 21,5.

5. אַנטיילנעמען אין און פֿאַרענדיקן א קורס פֿון שטודירן,

היילונג, אײַנגעניטונג אד"גל. % ער וועט דעם

אוניווערסיטעט דורכמאַכן אין אויסלאַנד. דעם סטאַזש מאַכט

ער דורך אין שפּיטאָל.

1881 " מיט שטונדן |געבן פריוואטע לעקציעס| האב איך קוים

1575 פארדינט מיין שטודיום ביז היינט **דורכצומאכן**". יהי"ל, 1, 45.

נאך א קורס פון דער קוראציע |...|". פער 151, נ"1.

1925 „ווארשעווער ... דורכמאכן

1970 " עטלעכע חברים פון אונדז זיינען עולה געווען

1620 קיין ארץ=ישראל **דורכמאכנדיק** קודם א הכשרה".

י. פריינד, יזב 84,7.

ד **א דורכגעמאכטער יונג** (**וואר**: **פארשויך, בחור** ע"א) -

וועגן איינעם וואס האט א סך געניטשאפט, וואס האט א

סך ניסיונות איבערגעלעבט.

**דורכמאכן קאלטס און ווארעמס** - איבערלעבן פארשיידענע,

גוטע און שלעכטע נסיונות, זיין א געפרווטער מענטש.

**דורכמאכן אלע שבעה מדורי גיהנום** |שיווע מעדורע געהענעם| -

איבערלעבן זייער שווערע נסיונות.

(?נ?) ד ו ר כ מ אַ ל אָ י צ ע ן - טרוו. מאַלאָיצען, אין גאַנצן, ביזן סוף, ענדיקן מאַלאָיצען (דרעשן).

.......................................................

רעד:

דאָס קאַרטל איז אונטן באַצייכנט מיט ל 2, אָבער ביי ליפשיצן ניט געפֿונען אין ביידע טיילן, ס'איז יאָ דאָ "איבערמאַלאָיצען", וואָס האָט אַן אַנדער טעם, גיכער אין באַטײַט "נאָך אַ מאָל מאַלאָיצען (דרעשן)."

.......................................................

ד ו ר כ מ אָ ל ן I - טרוו. מאַלן (מעל) פֿולשטענדיק, אין
גאַנצן, ענדיקן מאַלן. |מארק ווב 962|.

834 -דור

(?נ?) ד ו ר כ מ אָ ל ן II - טרוו. מאָלן (מיט א פּענדזל)

אין גאַנצן, ענדיקן מאָלן |מארק רוב 1554|.

839

ד ו ר כ מ אָ ס — דער, ן. דיאַמעטער.

1626 | 1912 "אונדזער ערד האָט אַ דורכמאָס פֿון 12742 קמ". אל״ 3, 1, 39.

1931 " זיי | די אייעלעך | זייַנען קוים אַ הונדערטל פֿון

1624 | אַן אינטש | =צאָל | אין דורכמאָס און באַשטייען דורכויס
פֿון לעבנס=מאַטעריע". בלום, 1, 232.

836 דור-

ד ו ר כ מ אַ ר ש - דער, =ן. אַקט פֿון דורכמאַרשירן.

1943 "יונגע=לײַט האָבן זיך געמאַכט לוסטיק בײַם

1628 דורכמאַרש פֿון צוג". אש, 14 א', 195.

837

-דור

דורמארשירן - אוטוו, דורכגיין (ב 1) אין טראַט
פון מאַרש. % דאָס מיליטער מאַרשירט דורך אונטער די
קלאַנגען פון אָרקעסטער.

1883 "אַ שפּאַציר געמאַכט צו די בני=משה, דורכגעמאַרשירט
1631 די עשרת=השבטים, באַזוכט מרימס ברונעם".
אַנ. דער ריזענדער, ז' 5.

1968 "מיר האָבן זיך שוין אָנגעזען אין די שטעט, אין וו
1630 וועלכע מיר האָבן דורכמאַרשירט, בילדער פון פולשטענדיקער
פאַרניכטונג". ח. פאַבער, יזב 2, 1029.

דור-

838

ד ו ר כ מ ו ט ש ע ן ז י ך - אוטוו. דזוו דורכמאַטערן זיך.

1969 "...|...| בלייב דאָרט זעקס חדשים, און מיר וועלן זיך

1633 ווי עס איז דורכמוטשען". י. פּערלאָוו, פּער 155, XII/28.

דורכמוסטערן – טרוו. דורכקוקן, באטראכטן
אנאליזירנדיק, צעגלידערנדיק.

1912 "מיר האבן ביז אהער דורכגעמוסטערט אלע וויכטיקע
טענות, וואס זיינען ארויסגעשטעלט געווארן קעגן 1638
יידיש |...|". זשיטלאווסקי, 149,4.

1956 "|...| און האט מיט די אויגן דורכגעמוסטערט
די פנימער פון דער 'דעלעגאציאן'". ש. ביקל, פער 9, 1642
פסח=נומער, ז' 102.

|| דורכמוסטערונג – די, =ען. אקט אדער רעזולטאט
פון דורכמוסטערן.

1917 "|...| דערווייל לאמיר פארטיק ווערן מיט דער
דורכמוסטערונג פון אונדזערע פילאסאפישע פארבאדינגען 1635
ביי מארקס און ענגעלס |...|". זשיטלאווסקי, 102,7.

רעד: אין טעקסט שטייט "<u>דורכגעמושטירט</u>". איז
(1) וואָלט געדאַרפֿט זײַן "דורכגעמושטרירט" (ניט קיין
ווערב "מושטירן", נאָר "מושטרירן"), און (2) וואָס
הייסט "מושטירן/מושרירן פנימער"? ~~באַר"מושטרירט")~~,
דורכמוסטערן קאָן יאָ זײַן, געמיינט סײַדן אַז אין גאַליציע
האָט מען שטאָט "מוסטערן" געזאָגט "מושטירן": באַטראַכטן/
באַקוקן, פֿאַרשעריש, קריטיש.

841 דור־

(נ?ב) ד ו ר כ מ י ג ע ן - <u>אוטוו.</u> דורכפינקלען|מארק וו 959|.

ד'ורכמיטלען זיך - קזוו. קומען צו א פשרה, אויסגלייכן זיך, דורכקומען.

1957 "...|...| אז ער האט ניט געלייגט גענוג, האט

1644 ער באנקראטירט, זיך דורכגעמיטלט |מיט די בעלי-חובות| און ווייטער גענומען סחורה אויף קרעדיט".

י. לעווינסקי, יזב 224,11.

דֿורכמיסטיקן - טרוו. באַמיסטיקן אויף דורך און דורך, אין גאַנצן. |מאַרק ווב 653|.

דורכמישן - טרוו. 1. צעלאָזן, צעפּירן, פּאַרטיילן גלייכמעסיק די באַשטאַנדטיילן פון אַ פליסיקער אָדער שיטעוודיקער זאַך דורך טרייסלען/שאָקלען אָדער דורך באַוועגן דערינען מיט אַ לעפל אָדער אַן אַנדער מכשיר.

% די קעכין מישט דורך די זופּ אין טאָפּ. מע דאַרף גוט דורכמישן דאָס זאַמד מיטן זשוויר פאַרן בעטאָן.

1864 %% |...| מען דאַרף ניט דעם קרען |כריין?| מיט איין
לעפל דורכמישן, נאָר מיט דער האַנט |?| אָדער 1656
אויפשאָקלען די כלי וואָס דער קרען דערינען איז".
ברודא, 1, דף מד.

1881 "מיש דורך, שרה קרוין, די איינגעמאַכטס, עס
קאָן זיך חלילה צום דעק פון פאַן ~~דר~~ברענען". 1652
סאַפיר, 1,1.

1909 " |...| נאָך דעם וואָס די מכה ווערט געעפנט,
1655 זאָל מען נעמען הויט פון מילך און אַרייַנגעבן
אין דער הויט א ביסל נאַפט און גוט <u>דורכמישן</u>
און |...| צולייגן". <u>שפּערלינג, 2, דף נ"ז.</u>

2. פֿאַראייניקן, צוזאַמענשטעלן פֿאַרשיידענע זאַכן;
צונויפֿמישן.

1940 "|...| דזשורזשישע ווייַבער אַנגעטאָן ווי ציגייַנערקעס,
1649 קורדישע ייִדן, תימנער, פּוילישע, אונגאַרישע - דער
גאַנצער ייִדישער 'גלות' <u>דורכגעמישט</u> און דאָך ניט
אויסגעמישט. יעדער ווינקל מיט זייַן אינדיווידואַליטעט".
<u>קאַראַלניק, 3, 28.</u>

1949 " |...| קאַרטאָפל=זופּ <u>דורכגעמישט</u> ווי ניט ווי
1647 מיט פליישברעקלעך". <u>ליוויק, 13, 208.</u>

3. דזוו ~~וואס~~ דורכבלעטערן (וועגן אַ בוך).

% ער האָט דורכגעמישט דאָס גאַנצע בוך צו געפינען די ציטאַטע.

דורכמישן זיך – רעפל צו דורכמישן, ב׳ 2.

1891 " זאָל מען דאָס מיסט ברענגען אויף דעם פעלד אַ

1660 לאַנגע צייט פריער, איידער מען זייט, כדי דאָס זאָל זיך פריער גוט דורכמישן מיט דער ערד און גוט פאַרפוילט ווערן". וועבער, 1, 66.

1951 " כמעט יעדן טאָג פלעגט אַ העלפט פון דער וויעזשבאַלאַוועער

1651 באַפעלקערונג זיך דורכמישן מיט דער באַפעלקערונג פון קיבאַרט און איידקונען". פער 1633,106.

|| דורכמישונג – די =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דורכמישן.

ד דורכמישן זיך פֿאַר די אויגן - זײַן קלאָר,

אָנזעעוודיק |סטוטש 352|.

848 דור־

(?נ?) ד ו ר כ מ ע ס ט ב א ר - אדי/אדוו. (דטשמ) וואס

לאזט זיך דורכמעסטן |מארק ווב 963|.

849 דור־

ד ו ר כ מ ע ס ט י ק - אַדי/אַדוו. (מאַטעם) דיאַמעטראַל

|סטוטש 54|.

850 דור־

דורכמעסטלעך – אַדי/אַדוו. (מאַטעם) דזוו דורכמעסטיק

ב״י״ע שול, נ׳ 7 – 8, ווילנע 1920; טערמ׳ מאַטעמ, ווילנע 1921

רעד: ניט זיכער צי ס׳איז דזוו "דורכמעסטיק":
ביי סטוטשקאָוון 54 איז דאָ נאָר "אומדורכמעסטלעך",
אָבער אין אַן אַנדער קאָנטעקסט: "מיטמעסטלעך,
מיטמעסטעוודיק, אומדורכמעסטלעך..."

ד ו ר כ מ ע ס ט ן - טרוו, פֿאַר דורכגעמאַסטן.

1. דורכפֿירן ביזן סוף דאָס מעסטן; אויסמעסטן.

% דור/מעסטן דעם שטח פֿון פֿעלד.

2. (פֿיג) דורכגיין דור/שפּאַנען מיט געציילטע, אויסגערעכנטע טריט.

... " |...| ער האָט דורכגעמאַסטן גיך אַהין און צוריק דעם גרויסן עלעגאַנטן סאַלאָן |...|". גראָס=צימערמאַן, 1667

פֿער 54,נ׳ |?| ,ז׳42.

852 דור-

ד ו ר כ מ ע ס ט ע ר - דער,=ס. (עלט) דיאמעטער*

.|סטוטש 54,17|

ד ו ר כ מ ע ס ע ר - דער, =ס. (עלט) דזוו דורכמעסטער.

1863 " |...| דער דורכמעסער פון דער ערד האַלט 1720 1671

|?|מײל". י.מ. ליפשיץ,פּער 177,נ׳36,ז׳572.

....................................................................

רעד:א חידוש וואָס ליפשיץ,אַ געלערנטער ייִד, זאָל האָבן אַזא טעות אין חשבון; דער ערד=דיאַמעטער איז אַ סך גרעסער, מסתמא אַ טעות פון דרוק.

....................................................................

1898 " |...| הייסט עס,אז דער דורכמעסער פון אונדזער ערד וועט האלטן לערך 11916 וויארסט". ליטוואק,1,68. 1673

ד ו ר כ מ ע ס ע ר ן - טרוו. (שנש) דורשטעכן/דורכשניידן

מיט א מעסער.

1960 "...| |...| און אים |גאט| צו פוסנס - א למד=וואוניק,

1676 דורכגעמעסערט מיט א מעסער, ווישט דאס בלוט אים מיט

פארמעט". י. פרידמאן, 39,2.

855 דור-

ד׳ור רכנאָגן - טרוו. | מאַרק ווב 979 | נאָגן אַלץ, ביזן

סוף, ענדיקן נאָגן.

ד ו ר כ נ אַ ד ל ע ן - טרוו. (שנש) דורכשטעכן (ווי)
מיט אַ נאָדל.

1957 " אַרקע דער מעלער האָט |...| דעם כלי=זמר דורכגענאָדלט
1678 מיט א בליק". מאלאדאווסקי, 25,2.

857 דור-

ד ו ר כ נ אַ ר ן  ז י ך - אוטוו. (שנש) דורכגייִן

אָפּנאַרנדיק, מיט גענאַרערייַ.

1968 " |...| עס זייַנען אַ סך ווי ער, וואָס ווילן זיך

1681 אַזוי דורכנאַרן דורך דער 'עלטער-באַריער'".

ז.ליכטענשטיין, פּער 155 ,IX /4.

ד ו ר כ נ ו מ ע ר י ר ן – טרוו. נומערירן אַלץ, פֿולשטענדיק, פּאַרענדיקן נומערירן.

% דורכנומערירן אַלע זײַטעלעך פֿון העפֿט.

1931 " דער טויטער און לעבעדיקער אינווענטאַר איז דורכנומערירט געוואָרן". קושניראָוו, פּער 409,164. 1682

(?נ?) ד ו ר כ נ י ז ע ן - טרוו, פּפּ דורכניזשעווען.(רוסיצ)

דורכדרינגען, דורכגיין אויף דורך און דורך.

R: пронизать.

1908 "דער גביר האָט |...| אויף מיר געוואָרפן א פּאָר

1683 שאַרפּע |...| אויגן, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט

דורך און דורך". שלום=עליכם, 121,26.

1933 " די גרויסע ווינטערזון האָט זיך געצויגן אַרויף,

1684 דורכגעניזשעוועט דעם גאַנצן וואַלד מיט אירע

קאַלטע |...| שטראַלן". גאָדינער, 2, 233.

ד ו֗ ר כ נ י ז ש ע ו ו ע ן — ----> **דורכניזען.**

ד ו ר כ נ יי ע ן – טרוו. 1. פֿאַרנייען אין גאַנצן, אַלץ,ענדיקן נייען. % די שנײַדערקע האָט שוין דורכגענײַט אַלע זוימען פֿון מלבוש.

2. נייען אַ געוויסע צײַט. % דער געזעל דאַרף אַזוי דורכנייען עטלעכע יאָר ביז ער וועט ווערן אַ שנײַדער פֿאַר זיך.

3. צונויפֿבינדן, באַהעפֿטן (ווי) מיט פֿעדעם.

1924 " אַראָפּגעריסן האָט דער קאָפּ זיך,ווי א דאַך אין
1689 שטורעם,// און איז געבליבן הענגען דורכגענײַט
מיט שנײַדנדיקע דראָטן". מאַרקיש, פּער 100ב,ז' 6.

ד ו ר כ נ י ש ט ע ר ן - טרוו. נישטערן אומעטום אין אלץ, פארענדיקן נישטערן. % די דייטשן האבן דורכגענישטערט דעם גאנצן וואלד זוכנדיק די פּארטיזאנער.

1952 " דאס צימער איז געווען אויפגערוימט. ער האט נאך א מאל און נאך א מאל דורכגענישטערט דאס אש אין זיין אשקעסטל". איבן גוטערמאן, 258,1. 1686

1968 " צוויי פּאליציאנטן |...| האבן דורכגענישטערט אונדזער וווינונג פון אויבן ביז אראפּ |...|". 1687

ר. אייזנשטארק |?|, יזב 750,2.

863 דור־

ד ו ר כ נ ע כ ט י ק ן - אוטוו. (שנש) דזוו איבערנעכטיקן.

1928 " ווו דו פאלסט אנידער,//דארטן דורכגענעכטיקט".

קושניראוו,2,4. 1692

864 דור-

ד ו ר כ נ ע מ י ק - אדי/אדוו. וואָס נעמט דורך, דרינגט דור

דורך. % א דורכנעמיקע קעלט.

דורכנעמען – טרוו, דריטפּערזאַניק, אָפּט אין פּאַסיוו, פאַר דורכגענומען. 1. דורכדרינגען, באַהערשן, באַווירקן (וועגן אַ געפיל, אַ שפּירונג, אַן אידעע).

% ס'האָט אים דורכגענומען אַ שרעק. די אַסיענדיקע נעץ האָט זיי דורכגענומען. זיי זיינען געוואָרן דורכגענומען מיט חשק צו פאַרן. דאָס געוויין נעמט דורך דאָס האַרץ.

1865 " קעלט פון קינאה און שינאה האָט דורכגענומען די ביינער". פּער 177, נ' 33, ז' 505. 1729

.... " דער פרישער מאַרגן האָט מיך דורכגענומען.
|...| דער קילער מאַרגן גנבעט זיך אַריין אין אַלע גלידער". פּרץ, 6, 74. 1707

1912 " נאָר אָפּט מאָל נעמט דורך, ווי אַ ציטער, // די הויכע פּאַרקלערטע אױגן |...|". איינהאָרן, 2, 38. 1728

1937 "די גאַר ערשטע אמונות, ווי זיי זײַנען ניט דורכגעטראַכט פֿונעם געדאַנק פֿון פּערזענלעכע פֿאַרמיטלער [...]". איבן מעריסאָן, 2, 44. 1728/1

1951 "איז ער דורכגעגאַנגען געוואָרן מיט אַ געפֿיל פֿון אומזיסטיקייט, האָט ער אַמעריקע ווי געהעריק ניט געקאַנט אויפֿשפּילן". ב. ריוואָקין, 2, 320. 690

2. רירן עמאָציאָנעל. % זייַנע רייד האָבן אַלעמען זייער דורכגענומען. מען איז דורכגענומען געוואָרן פֿון דער שרעקלעכער געשעעניש.

1887 "ער האָט דורכגעלעזן דעם בריוו, ער האָט אים זייער שטאַרק דורכגענומען". זאַביעזענסקי, 1, 42. 1732

3. באַטראַכטן, באַהאַנדלען, דורכלערנען. % דעם גאַנצן לערן=מאַטעריאַל דאַרף מען דורכנעמען במשך פֿון צוויי יאָר.

1912 " די איבעריקע טענות אַנטקעגן יידיש קאַנען
מיר דורכנעמען בקיצור". זשיטלאָווסקי, 141,4. 1725

1923 " יעדער לערער מוז צופּאַסן דעם סדר פֿון דורכנעמען
געוויסע אָפּטיילן צו דער צײַט, וואָס געפֿינט זיך 1696
אין זײַן רשות, צום טיפֿ שול |...|". י. מארק, 1א.

4. (עלט) באַנעמען, פֿאַרשטיין, תּופֿס זײַן. % ער האָט
דעם ענין גוט דורכגענומען.

1888 " ער וועט געוויס דעם ענין דורכנעמען, ווי מע
באַדאַרף, און זוכן דערצו אַן עצה". שאַצקעס, 175,2. 1731

1894 " דער רב מיט זײַן שאַרפֿן בליק האָט אָבער
דורכגענומען, אַז איך דיזן מענטשן שטעקט עטוואָס 1724
פֿאַלשעס |...|". דיק, 41,100.

5. דורכשטופּן, דורכרוקן, דורכציִען עפּעס דורך אַן עפּענונג
אין אַ צווייטער זאַך. % דער סוועטער איז אַן קנעפּלעך,
דאַרף מען דורכנעמען דעם קאָפּ דורך דער עפּענונג
בײַם קאַלנער. ער קאָן ניט דורכנעמען דעם קערפּער
דורך די גראַטעס.

1815 " בשעת ער האט גיארבעט אז ער הָט איין גישטעקט
1721 די נאל און האט דורך גנומען דו דראטוויא |...|".
בראסלאווער, ז' כד/3.

1898 " יעדן טאָג זיצן די רבנים אַפּ פיל שעהען, זיי
1734 מאטערן זיך אין די הלכות אדורכצונעמען אַ העלפאַנט
דורך דעם לעכל פון אַ נאָדל". י.ל. מארגענשטערן, 33,2.

1910 " אַ סגולה צום ריפּ=קיכען |?| ביי קינדער. נעמען
1735 אַ מילץ פון אַ גרויסער בהמה, |...| צעשנײַדן, |...|
די מילץ צעשפּרייטן און |...| דאָס קינד דרײַ מאָל
דורכנעמען דורך די מילץ, פון קעפּל צו די פיסלעך".
טארלער רבי, 23,1.

1926 " אַפּעלאַ האָט |...| געלאַכט און געשאָקלט מיטן צעפּאַטלטן

1727 שוואַרצן קאָפּ האָר, ווי א צווייִשאַרפיקער שטילעט

איז געווען דורכגענומען". אפּאַטאַשו, 198,5.

6. דורכפּירן, דורכשראַגן, אַריבערנעמען.

1926 " |...| פלעגן די שמוגלערט עס |די שניט=סחורה|

1711 נעמען אַרומגעוויקלט אויף זיך אָדער נעמען א פּעקל

אין האַנט און עס דורכנעמען". בערגמאַן, 35,1.

7. דורכזאַפּן, אנפּילן דורך און דורך.

1891 " |...| ווייל אזאַ ערד קען די וואַרעם און די

1733 פייכטקייט גאַנץ לייכט דורכנעמען". וועבער, 70,1.

|| דורכנעמען זיך - רעפל צו דורכנעמען, ב' 7.

1891 " טייל |מומחים|הייסן זייען פאַר נאַכט, כדי די זריעה זאָל זיך איבער נאַכט דורכנעמען מיט טל". 1742

וועבער, 1, 50.

**דורכנעמענדיק** - אַדי/אַדוו. וואָס נעמט דורך, ב"ב. 1.-2.

% אַ שאַרפע, דורכנעמענדיקע קעלט. דאָס געוויין איז געווען דורכנעמענדיק.

1952 " ס'האָט געטריפט אַ קאַלטער דורכנעמענדיקער רעגן".

נ. קארן, יזב 12, 507. 1745

17 **דורכנעמען אַ מענטשן** - אָפּשאַצן אים |סטוטש 326|.

**דורכנעמען מיטן בליק/מיט די אויגן** - גוט באַקוקן, אַרייַנדרינגען יענעם אין האַרצן, אין זייַן מהות.

871 דור־

1929 " אלישע האט אים אפגעמאסטן פון קאפ ביז די פיס און

1694 האט אים געשווינד דורכגענומען מיט שלעכטע |...|

אויגן". בערגלסאן, 9, 29.

(?נ?) ד ו ר כ נ ע צ ב אַ ר - אַדי/אַדוו. (דטשמ) וואָס לאָזט

זיך דורכנעצן |מאַרק ווב 961|.

% אַ דורכנעצבאַרער שטאָף.

דורכנעצן - טרוו. (אפט געניצט אין פאסיוו).

דורכדרינגען מיט נאסקייט, נאס מאכן אויף דורך און דורך. % דער שלאקסרעגן האט אלעמען דורכגענעצט.

די ווענט זיינען דורכגענעצט און פארשימלט.

1899 " ער איז געווען פיטש נאס, ווי א האן, דורכגענעצט

696 פון קאפ ביז די פיס". וויערניקאווסקי, 1, 4.

... " איז דאס וואסער צו די פונדאמענטן צו און האט

1752 זיי אונטערגעוואשן, דורכגענעצט". פרץ, 7, 254.

1934 " וואס איז דער מאמען? - איך ווייס נישט. זי האט

698 זיך א [illegible] דורכגענעצט, ווען זי איז אהיימגעפארן

פון יארמארק". אש, 13.

// דורכנעצן דעם האלדז - (שפאסיק) אויסטרינקען, נעמען א גלעזל וויין.

1943 „ איר פנים פארשלייערט דא טוליא, // פון טרערן איז דורכגענעצט

1749 איר קליי"ד". איינהארן, 8, 13.

ד ו ר כ ס א פ |דורכסאף?| - דער, =ן. בנב.

1931 " די גאנצע ארבעט זומער ארום די זונגרויזן

1756 באשטייט אין ארויסרייסן די איבעריקע געדיכטע גראזן

און דורכסאפן |דורסאפ| אין די רייען".

סאנדלער, 43,1.

.................................................

|רעד: דער געדרוקטער טעקסט פון קארטל האט ניט
קיין שום דיאקריטישע צייכנס, איז שווער צו וויסן,
ווי מע דארף עס לייענען: דורכסאפ?דורכסאף?
דורכסאפ? דורכסאף? און אפשר איז עס א ווערב:
דורכסאפן - דורסאפן - דורכסאפן,דורכסאפן?|

.................................................

ד ו ר כ ס אַ פ ן / ד ו ר כ ס אַ פ ן? - טרוו. בנב.

רעד: זעץ באַמערקונג צו דורכסאַפּ.

(?נ?) ד ו ר כ ס אָ ר ט י ר ן - טרוו. דזוו אויססאָרטירן.

877 דור-

פּכ.

ד ו ר כ ס ב אַ נ ק - אדוו, (רעג, פּוילן; אויך בעסאראביע?) דוונ- ]ענסלער.

1941 " דורכס באנק (דאַרכס באַנקע) - דורכשניטלעך.

1762 'דורכסבאַנק' פאַרדינט ער צוויי רובל אַ וואָך".

אפּאַטאַשו, פּער 90, ] - 4,ז' 118.

1953 " נח פּרילוצקי האָט עקשנותדיק געשריבן 'דורכסבאנק'

1761 אנשטאט 'דורכשניטלעך'". אַ. אַלמי, פּער 166,] 30.

ד ו ר כ ס ו ד ע ן |דורכסוידען| ז י ך - קזוו.

זאָגן איינער דעם צווייטן אַ סוד, באַראַטן זיך בסוד.

1956 " און אַט אַזוי, אויפֿן געהער און אויפֿן ווונק,

זיך דורכגעסודעט מיט דער ווײַט און מיט די טיפֿן". 1763

מאַרקיש, 584,11.

(?נ?) ד ו ר כ ס ו ו י ש ש ט ש ע ן - טרוו. 1. פּייפּנדיק
אויספֿירן א מעלאָדיע.

2. פֿליִענדיק דורכשניידן די לופֿט מיט א פֿייף.

1912 " פֿון צייט צו צייט האָט א סטאַיע פֿייגל דורכגעסווישטשעט
1764 די קלאָרע וואַרעמע לופֿט |...|". קאַגאַנאָווסקי, 518,1.

1948 " ס'האָט דורכגעסווישטשעט יעדער ווייל א ריס,//
1765 און יעדער ווייל האָט אויפֿגעבליצט א פּלאַקער".
מאַרקיש, 10,9.

ד׳ורכסילען - טרוו. דורכציען דורך אַ לעכל (ס׳רוב וועגן פֿעדעם). % דאָס מיידל האָט דורכגעסילעט די פֿאַטשערקעס מיט אַ רויטן פֿאָדעם.

1928 " די אַרבעט פֿון אויפֿהייבן און אַראָפּלאָזן די פֿעדעם טוען די קעמלעך (פֿון וועבשטול). |...| דורך איין קעמל זיינען דורכגעסילעט די אומיקע פֿעדעם און דורכן צווייטן די גראָזע. זיי זענען דורכגעסילעט דורך קליינע לעכעלעך - ׳אייגלעך׳". איזרא, 1, 40. 703

881 דור-

דורכסמען |דורכסאַמען| - טרוו. (שנש) דורכזאַפּן מיט אַ סם.

1931 " די גאַנצע זריעה איז דורכגערייניקט געוואָרן,
1772 און דער ווייץ דורכגעסמט". ש.גאָדינער,פער164,ז'409.

882 דור-

ד ו ר כ ס ק ר י פּ ע ן - אוטוו. סקריפּענדיק דורכגיין/ דורכפֿאָרן.

1962 " אויף פֿעלדער, באַסטויגלט, עס גאָלדיקט די תּבואה,//
1773/1 און זעלטן א פֿור סקריפּעט דורך דורכן שליאַך".
א. רייזמאַן, פֿער 90א, נ׳ 10,ז׳7.

883 דור-

ד ו ר כ ע ג ב ע ר ן - ---> דורכקבערן.

ד ו ר כ ע ס ן - טרוו, פאר דורכגעגעסן. עסנדיק דורכלעכערן.

% די ווערעם האבן דורכגעגאסן די בלעטער.

ד ו ר כ ע ס ק ן |דורכאייסעקן| - טרוו. (שש)דורכפירן,

ענדיקן דעם עסק,אָפּשליסן דאָס געשעפט.

1889 " |...| צו געבן עטלעכע רובל |...| אַז עס זאָל ווערן

704 דורכגעעסקט, האָט ער נעבעך ניט געהאַט". טאיב,9,1.

ד ו ר כ ע ק ב ע ר ן - טרוו. 1. דורכבויערן א לאך
מיט אן עקבער. % דער סטאליער דארף דורכעקבערן
א לאך אין דער טיר, אריינצוטאן דעם שלאס.

1973 " רויבערס האבן דורכגעעקבערט די סטעליע פון
1778 דער סטאר |=קראם| און דערנאך אויפגעבראכן די
פייער=קאסע". פער 155, VIII/7.

2. (פיג) דורכדרינגען, דורשטעכן ווי מיט אן עקבער.
1926 " זי האט ארומגעכאפט בליאשן, אים א רגע דורכגעעקבערט
1779 מיט אירע אויגן |...|". אפאטאשו, 215,5.

... " נאך איידער איר האט זיך געריסן פון ערדישע
1777 נידערס// און האט מיט די קעפ דורכגעעקבערט די
וואלקנס". סוצקעווער, 147,3.

887 דור-

ד ו ר כ פ אַ ט ש ן - טרוו. 1 (עלט) אָנפּאַטשן, געבן גוטע פּעטש.

1884 " דער פּאַטער האָט אים גוט דורכגעפּאַטשט און דערבײַ אים אויך גוט אויסגעמוטרט". בעקערמאַן, 3, 32. 1782

2. (פּיג) דורכגיין מיט אַ גערויש ווי פון פּאַטשן, קלאַפּן.

% מע וועט מוזן דורכפּאַטשן די בלאַטע.

ד ו ר כ פֿ אָ ל ע ן - טרוו. דזוו <u>דורכיעטן</u>.

% מע דאַרף <u>דורכפֿאַלן</u> דעם גאָרטן, ס'איז שוין דאָ

אַ סך ווילדגראָז.

889 דור-

דורכפּאָמפּען - פּאָמפּע(ווע)ן דורך עפּעס.

1920 " אויב מען וויל אין דער לאַבאָראַטאָריע אויסטריקענען

1872 פּייכטע גאַזן, פּאָמפּעט |טעקסט:פּומפּען| מען זיי דורך

דורך פּלעשער מיט שוועבל=זויערע". פּיינסטאָון, 1, 78.

דורכפּאַסירן - אוטוו. <u>(עלט)</u> דורכגיין אָדער דורכפאָרן.

1882 " ייִדיש=רוסישע עמיגראַנטן, וואָס <u>האבן דורכפּאַסירט</u>

1825 קראַנקע |...|". <u>פער 74, 17/V.</u>

דורפּאָפּן — אוטוו. (פּעיא) דורכשלאָפּן.

% דער פּויליאק האָט אַזוי דורכגעפּאַפּט דעם גאַנצן

טאָג, ניט געגאַנגען אין שול.

892

ד ו ר כ פ אַ ק ן  ז י ך  - אוטוו. (שש)דורכשטופּן זיך.

1965" ווען פּעטיאַ האָט דערהערט זײַן נאָמען, האָט ער

1827 זיך דורכגעפּאַקט צום פענצטער". ב. עליס, פּער 155, XI/28.

ד ו ר כ פ אַ ר אַ ד י ר ן - **אוטוו.** דורכגיין/דורכפאָרן
(ווי) אין אַ פּאַראַדמאַרש.

1966 " די צבא הגנה לישראל **האָט** |...| **דורכפּאַראַדירט**
|אין| ענגלישע 'סענטוריאַנען' און אַמעריקאַנער 1832
'פּעטאַן'=טאַנקען איבער די גאַסן פון דער אַלט=נייער
האַפּנשטאָט". פער 69, IV /26.

ד ו ר כ פֿ אַ ר ע ן - טרוו. דורכנעמען מיט פֿאַרע
(דאמף) אויף דורך און דורך. % ער האט ליב א הייסע
באד, מע זאל קענען גוט דורכפֿארען די ביינער.

1928 " קיינער האט זיך |...| ניט אומגעקוקט אויף מוניען,
711 ווען ער איז |...| מיט דעם העמד אונטערן ארעם געקראכן
פֿון באד אהיים, |...| א דורכגעפֿארעטער, ווי א געבאקענער
עפּל". קולבאק, 2, 593.

ד ו ר כ פּ ו מ פּ ע ן - ---> דורכפּאמפּען.

896 דור־

(?נ?) דורכפטרן |דורכפֿאַטערן| - טרוו. פֿטרן אין גאַנצן, פֿולשטענדיק.

| |
|---|
| רעד: אין קאַרטל ניטאָ קיין שום מקור, ציטאַטע אָדער ביישפּיל. ספֿק צי מע ניצט אַזאַ פֿאָרמע. |

ד ו ר כ פ י ל אַ ט י ר ן – טרוו. פֿילאַטירן (אַ שיף) דורך עפּעס.

1968 " |...| גערוואַרט |...| דורכפֿילאַטירן צו ווערן

1885 דורכן קאַנאַל". מ.צאַנין, פּער 155, !!/3.

898 דור־

(?נ?) ד ו ר ב פ י פ ק ע ן - טרוו. פיפקענדיק (ציענדיק מיטן מויל)
דורכבלאָזן (רויך).

1951 " |...| האָט, דאכט זיך, גאַנץ נישקשהדיק דורכגעפּיפּקעט

1890 דעם רויך - אָבער פּלוצלינג, פון דער העלער הויט,

פּלעגט עס זיך פֿאַרקאָפּריזעווען". מ.יאפע, פער 1493,106.

ד ו ר כ פּ י ק ן - טרוו. 1. פּיקן מיט אַ שנאָבל אויף דורך און דורך. % דער פּיקהאָלץ האָט דורכגעפּיקט די דיקע קאָרע. די פּייגל פּיקן דורך די באַרן אויף די ביימער.

דורכפּיקן זיך - 1. אַרויסקומען אויף דרויסן אין רעזולטאַט פֿון פּיקן. % די הינדעלעך פּיקן זיך שוין דורך.

2. (פֿיג) אַרויסקומען דורך אַן עפֿענונג, וואָס איז ווי דורכגעפּיקט מיט אַ שנאָבל.

1948 " די פֿינצטערניש האָט דורכזיכטיק געבלאָסט,// זיך דורכגעפּיקט דורך איר, ווי דורך אַן איי. דער טאָג האָט |...|". מאַרקיש, 12,9. 1892

900 דור-

(?נ?) ד ו ר כ פֿ י ק ע ו ע ן - טרוו. דזוו אנפֿיקעווען.

1971 " |...| אויך די מאַסקווער מוּוויס |=פֿילמען| זייַנען

719 דורכגעפֿיקעוועט מיט ביליקער פּראָפּאַגאַנדע".

נ.סווערדלין, פּער 6/XI,69.

901 דור-

ד ו ר כ פ ל אַ פ ל ע ן - אוטור. פלאַפלען אַ געווויסע צייַט.

% שעהן גאַנצע קענען זיי אַזוי דורכפלאַפלען, און

ס'ווערט זיי ניט נימאס.

דורכפּעכן - טרוו. דורכזאפן מיט פעך.

1912 " |...| אויב מען זאל אים גוט דורכפּעכן און

אנצינדן, וועט פון ארויס ניט קיין שלעכטער פּאקל 2039

פאר מיין יום=טוב". זשיטלאווסקי, 1,82.

1972 " א כוואליע האט ארויפגעכאפּט // דיין שיפל אויפן

הויכן רוקן, // וואס האסט אליין צונויפגעקלאפּט, // 2038

אדורכגעפּעכט אידער סוקל". טעלעסין, 1,88.

דורכפּעקלען - טרוו. |ליפשיץ 2|. דורכפירן/דורכטראָגן

עפּעס אומבאַמערקט/אומלעגאַל; דורכשמוגלען.

רעד: ליפשיץ טײַטשט עס פון פאַרעלטערטן רוסישן

. промытить

1870 " אַט דאָס האָט אונדז |...| באַוווּיגן |...| שיקן

דעם נומער |'קול מבשר'| דעם רבין און בעטן די 2042

אומפּאַרטײיִשע חשובים, זײ זאָלן דורכפּעקלען א בלאַט

'המליץ' און 'קול מבשר' [צום רבין]". ארז, פער 177, נ' 47, ז' 351.

דורכפערלען – אוטוו. (שנש) דורכגיין (?נ?)

שיינענדיק ווי פערל.

1945 " |...| פלעגסט אלע פארנאכט//מיט רינענדיק

2045 הילצערע עמערס, פון דאנען צום גאניק// אדורכפערלען

גאר דעם פארטאזשעטן הויף, און מיר דאכט://

געפינען מע קען נאך די פערל, זיי זענען פאראניק".

סוצקעווער, 66,2.

רעד: ניט זיכער צי ריכטיק פארשטאנען דעם מיין

פון דער ניישאפונג...

ד ו ר כ פ ר א צ ע ו ו ע ן - אוטוו. פראצעווען א געוויסע צייט. % די ארבעטער האבן דורכגעפראצעוועט א טאג פאר א נישטיקן לוין.

ד׳ורכפ֜ר|ב י ר ן – טרוו. דזוו אויספראַבירן, אויספרוּוון.

1920 "א גראַמאַטיק קען דאָך ניט איינגעפלאַנצט ווערן

2046 אין א פֿאַלק אָן פֿאַלקסשולן,|...| אָן גימנאַזיעס,

וועלכע דערקלערן און גיבן איבער מיט דורכפּראַבירטע

פּעדאַגאָגישע מעטאָדן און פּראַקטיקע דעם גייַסט פֿון

דער שפּראַך". ראזענפֿעלד, 7, 163.

907 דור־

ד ו ר כ פ ר ע ג ל ע ן – פֿרעגלען אין גאַנצן, פֿון אַלע זײַטן, אויף דורך און דורך. די לאַטקעס <u>זײַנען</u> גוט <u>דורכגעפֿרעגלט</u>, אַפֿילו פֿאַרברוינט. דאָס אײַנגעמאַכטס דאַרף מען <u>דורכפֿרעגלען</u> אויף אַ קלײנעם פֿײַער.

ד ו ר כ פ ר ע ס ן I - טרוו. פּרעסן (מיט אַ פּרעסל)

פּולשטענדיק, אין גאַנצן, אַלץ, אַ סך. % זי האָט

דורכגעפּרעסט דאָס גאַנצע וועש אין איין טאָג.

די הויזן זײַנען גוט דורכגעפּרעסט פֿון בײדע זײַטן.

909 דור־

ד ו ר כ פֿ ר ע ס ן !! – דורכשטופּן, דורכקווועטשן

|מארק ווב 980|. % דורכפֿרעסן גאַז דורך אַ רער.

דור־

910

דורכפאל ! - דער, =ן. 1. שלעכטער, אומגעראטענער, אן הצלחהדיקער רעזולטאט (אויסגאנג, פועל=יוצא, סוף) פון א טוונג, אקציע, פארמעסט, פלאן. % האבן א דורכפאל.

ליידן א דורכפאל. ענדיקן זיך מיט א דורכפאל.

דער פלאן איז פארמישפט אויף א דורכפאל. דער ערשטער דורכפאל פון אויפשטאנד האט געבראכט צו גרויסן יאוש.

דער ערשטער דורכפאל ביי די עקזאמענס האט אים ניט אפגעשראקן.

1934 " די באזונדערע דורכפאלן פון א ריי אונדזערע יידישע סאוועטישע שרייבער אין יענעם פעריאד דריקט טאקע אויס אן אפבילדונג פונעם בורזשואזן און קליינבירגערלעכן איינפלוס". דונעץ, 1. 1790

דור-

1949 " |...| דאס איז איבער גענוג צו זען פאר וואס די
1792 אויפפירונג איז געווען א דורכפאל". מוקדוני, 2, 81.

1959 " דער רושם, וואס די אקטיארן מאכן |...| אויפן
1793 פובליקום, איז זייער אפט דער אמתער סימן פון
טעאטראלישער הצלחה אדער טעאטראלישן דורכפאל".
ניגער, 9, 281.

2. (ספעצ) דאס אויפדעקן, אנטפלעקן (פון אן געהיימער, אונטערערדישער טעטיקייט, ארגאניזאציע אד"גל) דורך דער פאליציי. % דער דורכפאל פון דער געהיימער דרוקעריי איז געווען א גרויסער קלאפ פאר דער פארטיי. אין דורכפאל פון דער געהיימער פארזאמלונג האט מען חושד געווען א פראוואקאטאר.

ד ו ר כ פ א ל !! - דער, בא. (עלט?רעג?) לויזער

מאגן, שילשול. ליידן (אויף/פון) דורכפאל.

באקומען דורכפאל. האבן דורכפאל.

1836 " און די אישה וואס לידן אפט בויכגרימונג און

האבן דורכפאל (שלשול) איז פאר זיי שעדלעך פרוכט 1801

(פירות)". בערלאנט, 1, 6.

1940 " פון די אפטרעטן האט זיך געהערט א קרעכצן

פון מענטשן, וואס ליידן אויף עצירות אדער אויף 1785

דורכפאל". בערגעלסאן, 16,14.

1968 " |...| פון דער שלעכטער דערנערונג האבן לא

לאגעריסטן באקומען דורכפאל און נישט געקענט ווארטן 1799

ביז דער דיזורנע וועט צוריקקומען |...|".

ב. ארענשטיין, יזב 812,2.

ד ו ר כ פ א ל ן - אוטוו. 1. ניט אײַנגעבן זיך,
אַרויסקומען (באַקומען זיך) שלעכט, אָן (גוטן,
געוווּנטשענעם) רעזולטאַט (וועגן אַ טוּונג, אַקציע,
פּלאַן אד"גל). % די קאָנפערענץ וועט מסתמא דורכפאַלן
צוליב די גרויסע חילוקי=דעות צווישן די צדדים.
די פאַרשטעלונג איז דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק.

1949 " נאָך דער ערשטער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע
|...| האָט אַ ביטערע אַנטוישונג אַרומגעכאַפּט גאַנץ 706
רוסלאַנד |...|". מוקדוני, 4, 133.

1971 " אַ פאַרזוך פון דער סאָוועטישער מאַכט אַנצושרעקן
די ייִדן |...| איז דורכגעפאַלן |...|". 1822/1
ש. בן=ישראל, פער 155,II/28.

2. (ספּעצ) אויפגעדעקט ווערן, אַנטפּלעקט ווערן (וועגן אַ
געהיימער, אומלעגאַלער אַקציע, אונטערנעמונג,
אָרגאַניזאַציע). ←

דורך דער פאליציי. % די געהיימע פארזאמלונג איז
דורכגעפאלן צוליב א מסירה.

3. ניכשל ווערן, ניט האבן קיין הצלחה, ניט באקומען
קיין (גוטן, געווונטשענעם) רעזולטאט. % דער
קאנדידאט איז דורכגעפאלן ביי די וואלן.
זיי וועלן דורכפאלן ביים עקזאמען, ווייל זיי האבן
זיך ניט צוגעגרייט.

1929 " קענסט א מאל דורפאלן, ניט נאר מיט דער ווייב |...|".
טייטש, 3, 40. 1821

1960 " מען איז געגאנגען אויף די עקזאמענעס און מען
איז דורכגעפאלן". סיימאן, 2, 356. 1817

1975 " |...| דאס איז, ווייזט אויס, איר גורל - דורכצופאלן אין
דער הייראט אבער צו געפינען א טרייסט אין ליבע".
באשעוויס, פער 155, II/28. 1823

**דורכפאר** – דער, =ן. 1. (בא) אקט אָדער רעזולטאַט פון דורכפאָרן, דאָס דורכפאָרן. % דער דורכפאַר האט געדויערט 2 שעה. דער דורכפאַר איבערן בריק איז פאַרבאָטן.

2. אָרט אָדער אײַנריכטונג צום דורכפאָרן. % אַ ברייטער/שמאָלער דורכפאַר. בגיט דורכפאר שטײט אַ וואָך.

916 דור-

(?נ?) דורכפאָרבאַר - אדי/אדוו. (דטשמ) וואָס מע קאָן/מע מעג דורכפאָרן. % דער וועג איז איצט ניט=דורכפּאָרבאָר צוליב די גרויסע רעגנס.

917 דור-

ד ו ר כ פ א ר ב ן - טרוו. פארבן אינגאנצן, פולשטענדיק, אויף דורך און דורך.

1929 " די בייץ=פעיקייט פון בארנהאלץ איז אזוי גרויס, אז עס לאזט דורכבייצן אויף דורך, ער ווערט דורכגעפארבט אויף פארשיידענע קאלירן און ווערט אין אזא צושטאנד אנגעווענדעט אויף אינקרוסטאציע". בערמאן, 2, 141.

דורכפאָרן - **אוטוו.** פאָרן דורך עפּעס, פאַרבײַ עפּעס.

% די רײַטערס **זײַנען דורכגעפאָרן** דורך דער בריק.

זיי וועלן מוזן **דורכפאָרן** דעם וואַלד בײַ נאַכט.

די באַן **פאָרט דורך** צוויי מאָל אַ טאָג.

1873 " איך בעט גאָט, לאָזן ווײַניקסטנס נישט **דורכפאָרן**

1849/1 קיין פרעמדע מענטשן און לאָזן זיי נישט לאַכן פון מיר".

מענדעלע, 1, קאַנק 131140.

... " אַ משכיל וועט דורכפאָרן פון ערגעץ, וועט זאָגן:

1841 |...| איר זאָלט זען, ווי מען עסט בײַ די אומות

העולם!". פּרץ, 80,15.

1938 " |...| דער קייזער האָט זיך אויפגעזעצט אויף

1841/1 דער קאַטש מיטן בירגערמייסטער און **דורכגעפאָרן**

מיט אים די שטאָט". גריך, 1.

|| דורכפארן זיך - אטוו. (איך טאָן פון געמיטלעכקייט) פאָרן א ביסל, ניט ווייט. % דער טאָג איז א שיינער, מאָמיר זיך דורכפאָרן איך וואלד.

1878 " איידער מיר וועלן זיך אָפּפאַרטיקן דאָ איך גלופּסק, וואָלט אָסור גאָר נישט קרום געווען צו פּרוּוון גלאָט אזוי דורכפאָרן זיך א ביסל אויפן טײַך". מענדעלע, 90,16. 1837

1907 " אז מען איז א בעלן זײַן ביי טביהן, נעמט מען |...| און מע פאָרט זיך דורך א מאָל צו מיר איך כוטאָם אריין". שלום=עליכם, 147,16. 1848

1939 " אויף דער עלטער זענען די פיס צוגעטעמפּט צו גיין. דאַרף מען כאָטש אויף דער עלטער זיך דורכפאָרן אויף א מאשין". מארקיש, פער 42, 96. 1842

דורכפאָרונג - די, בא. |סטוטש 194|. דזוו דורכפאָר, ב'1.

דורכפארער – דער, =ס/מצ דז. דער וואס פארט דורך.

1899 " |...| זעלטן קומט דארט אריין |איך שטעטל| א

1859 דורכפארער, וועלכער זוכט אויף אלטערטימלעכע זאכן".

שארקאנסקי, 2, 5.

|?|1914 " |...| ביים טיש מוזן זיך געפינען אלע מאל

1834 אורחים, פרעמדע, סוחרים אדער גלאט דורכפארער".

שלום=עליכם, 5ד,ז'

1929 " רופט זיך אפ דער בעש"ט צום שוסטער: ביסט

1856 אליין שולדיק, ווען דו וואלסט געהאט בטחון און נישט

געהוסט פאר די דורכפארער, וואלסטו אויך געהאלפן

געווארן". בערגמאן, 2, |?103|.

0 דורכפאררעכט – דאס, בא. דאס רעכט דורכצופארן

(למשל א גרענעץ) |מארק ווב 953|.

□ דורך פורן.

2. דורשטעכן, דורכשפּיזן.

1626 " פון " עש פורט אין דורך איין קופרנר בוגן כלומר

1847 דיא פייל פון בוגן גיט דורך אונ׳ דורך".

ס׳ המגיד, 1, איוב, כ - כג.

דורכפאָרשן - טרוו. פאָרשן/אויספאָרשן גרינטלעך

אלזייטיק, אלץ.

1924 "|...| דורכפאָרשנדיק האָט ער זיין טאַכטער אָנגעקוקט

1869 מיט די ברעמען |?|". ע. וואַרשאַווסקי, פער 100א, 62.

1935 "|...| דורכפאָרשן מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט

1869/1 און געוואָרנטקייט |...|". מ. ווייַנרייך, 3, 121.

1957 "|...| מען זאָל קאָנען דעם גאַנצן גרונט גענוי

1867 דורכפאָרשן". ברוסילאָוו, 2, 81.

|| דורכפאָרשונג - די, =ען, פּפּ דורכפאָרשטונג.

1. אַקט אָדער רעזולטאַט פון דורכפאָרשן.

1947 " זי, די ווייסנשאַפט, האָט אויך פּרעזענטירט די

1864 נייע אָפּשאַצונגען, וואָס דרינגען אַרויס פון דער

דאָזיקער דורכפאָרשונג". מ. ווייַנרייך, 5, 139.

... "דאס איז געדרונגען פון די נייסטע דורכפארשונגען
1863 אין דעם קאנט". ע. לעף, פער 94, נ׳ III, ז׳ 7 - 8.

2. (עלט) אריינדרינג, דערקלערונג.

1936 " |...| דען עס איז ניטא קיין דורכפארשטונג
1865 ~~צו~~ זיין גרויסקייט". איבז אנ, מחזור 5, 90 (שיר היחוד). 13

דורכפֿילן - אוטוו. ווערן/זײַן פֿויל, צעפֿוילט (?נ?)

אויף דורך און דורך.

רעד: (סטוטש 425,194 גיט אַן אַזאַ ווערב איך אינפֿיניטיוו, אָבער כ'האָב קיין מאָל ניט געהערט און ניט געזען ניצן אַזאַ ווערב איך אַקטיוו. איך פֿאַסיוו איז: ווערן/זײַן דורכגעפֿוילט (זען).

דורכפּיבערן – 1. פּיבערן אַ געוויסע צייט.

% דער חולה האָט דורכגעפּיבערט די גאַנצע נאַכט, איצט איז די היץ אַראָפּגעפאַלן.

2. (פיג) טרייסלען זיך, וואַרפן זיך, זיין אומרויִק ווי ~~ס'וויבערט זיין וואַסער בלוי, |...|~~ אין פּיבער.

1962 " דער ים איז דורכגעפּיבערט און ס'וויבערירט זיין וואַסערבלוי |...|". גראַדע, 5, 86. 1876

3. (פיג) הייס, התלהבותדיק איבערלעבן אַ געוויס געפיל, אידעע.

1951 " ער |מ.י.לעבענזאָן| האָט זיך אַריינגעטאָן אין זייער גייסט און סביבה, דורכגעפּיבערט זייער וואָרט 1875
און בילד, איבערגעלעבט די דערהויבענע מאָמענטן פון זייער שאַפונג". מ.יאַפע, פער 791,106.

926 דור-

דורכפידלען - טרוו. (שש, ווילעריש)

דורכשניידן.

1920 " אויף ווילעריש |לשון| הייסט שניידן -'פידלען'.

1877 'ער האט אים אדורכגעפידלט דעם האלדז', ווייל מען פידלט מיטן מעסער, ווי מיטן סמיק אויפן פידל".

עלזעט, 2ג, 35.

דורכפייכטן - טרוו. פייכט מאכן אויף דורך און דורך, פולשטענדיק.

1967 " |...| אויך די וועגן און סטעזשקעס אין טוי, 1882
וועלכער מאכט ניט נאר נאס די שיך און פיס |...|,
נאר |...| טוט דעם גאנצן קערפער דורך די קליידער
אדורכפייכטן". נסתר, פער 131, נ׳ 2, ז׳ 102.

דורכפֿײַלן — **טרוו.** אָפּגלעטן מיט אַ פֿײַל אַן עפֿענונג.

% דאָס לעכל פֿון שלאָס דאַרף מען **דורכפֿײַלן**, וועט דער שליסל אַרײַנגײן.

דורכפּייפּן – 1. טרוו. (אויס)פּייפּן אַ ניגון איך גאַנצן, ביזן סוף. % ער האָט דורכגעפּייפּט עטלעכע מעלאָדיעס.

2. אוטוו. דורכגיין/דורכפליִען מיט אַ פּיַיף. % מ'האָט געהערט אַ שאָס און אַ קויל האָט דורכגעפּייפּט גאָר נאָענט.

|| דורכפּייפּן זיך – קזוו. פּייפּן איינער צום אַנדערן, געבן סיגנאַלן דורך פּייפּן.

1931 "הילכיק האָבן זיי | די זאַוואָדן | זיך דורכגעפּייפּט מיט זייערע פּייפּלעך". פּער 164, 45. 1884

ד ו ר כ פ י ל ט ע ר ן - טרוו.דורכלאָזן דורך אַ פילטער.

% דורכפילטערן דאָס וואַסער.

ד ו ר כ פֿ י ל ט ר י ר ן – טרוו. דזוו דורכפֿילטערן.

932 דור־

דורכפילן - טרוו. 1. אריינדרינגען מיטן געפיל אין דעם מהות/זינען פון עפעס, אויפנעמען מיטן געפיל. % אויב מע וויל איבערגעבן ווי געהעריק דעם תוך פון דעם ליד, דארף מען עס אליין גוט דורכפילן.

2. איבערלעבן א געפיל, א שפירונג. % ער פארשטייט מיין געפיל, ער האט עס א מאל אליין דורכגעפילט.

3. איבערלעבן א סך/פארשיידענע געפילן במשך פון א געוויסער צייט. % אלץ האט ער דורכגעפילט אין איין רגע - שרעק, כעס, איבל.

1948 " ווער ווייסט און ווער וואלט וועגן פארשטאנען, // וואס דורכגעפילט האט מחנה אין דער צייט?". 1888

סעגאלאוויטש, 12, 47.

ד ו ר כ פ י צ ק ע ן |ווייכער 'צ'| - טרוו. (שש)

(אַפּ)שמײַסן. % דער מלמד וועט דעם קונדס דורכפּיצקען,

וועט ער שוין וויסן דרך=ארץ.

ד ו ר פ י ר – דער, =ן. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכפֿירן.

**דורכפירבאר** – אַדי/אַדוו. (דטשמ) וואָס מע קען, עס לאָזט זיך דורכפירן.

1931-1926 | " זי האָט |...| געפילט, אַז דאָס, וואָס זעט אויס ווילד און נישט דורכפירבאר, איז זייער אָפּט דער איינציקסטער און זיכערסטער וועג". אַפּאַטאָשו, 136,14.

1954 " די אינסטרוקציעס, וואָס די יידישע פירער פון געטאָ האָבן מיר געגעבן, האָב איך איבערגעגעבן די 1896
פאַרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָבן מיר געענטפערט, אַז דאָס איז נישט דורכפירבאר צוליב פּאָליטישע און טאַקטישע טעמים". א. זיגלבוים, יזב 299,10.

|| **דורכפירבאַרקייט** – די, באַ. איינגנשאַפט אָדער מצב צו זיין דורכפירבאַר.

1912 " יעדער איינער האָט געגלייבט נאָר אין דער מעגלעכקייט פון זיין אידעאַל און האָט פאַנאַטיש אָפּגעלייקנט 1900
די דורכפירבאַרקייט פון דעם אַנדערנס שטרעבונגען". זשיטלאָווסקי, 4, 106.

936 דור־

1912 " |...| יעדער איינער האט געגלייבט נאר אין דער

מעגלעכקייט פון זיין אידעאל און האט פאנאטיש אפגעלייקנט 1900

די <u>דורכפירבארקייט</u> פון דעם אנדערנס שטרעבונגען".

<u>זשיטלאווסקי, 4, 106</u>.

ד ו ר כ פ י ר ו נ ג - די, =ען. אקט אָדער רעזולטאַט פון דורכפירן.

1904 1926 " דורכפירונג פון וואַרעמקייט". יאכינסאן,2,158.

1951 " |...| אגב, וואָלט די דורכפירונג פון דעם

1908 זונטיק=רו=געזעץ פיל געשאַדט דעם פויער, וואָס האָט בלויז זונטיק געהאַט צייט אײַנצוקויפן אין שטאָט".

פער 151,106.

1963 " דער שטאָף איז א צו שווערער און א צו פיינלעכער,

1906 און די קינסטלערישע דורכפירונג עהערווייז רוילעך נאָך". לייוויק, 14, 289.

דורכפירלעך - אדי/אדוו. וואס מע קאן עס, סע לאזט זיך, ס'איז מיגלעך דורכפירן. % די אקציע איז א דורכפירלעכע, מע וועט זי גרינג קענען מאכן.

דאס נייע שטייער=געזעץ איז ניט=דורכפירלעך, ס'איז צו קאמפליצירט.

|| דורכפירלעכקייט - די, בא. 1. די אייגנשאפט פון זיין דורכפירלעך. |סטוטש 320,194,104|.

2. (פיזיק) די אייגנשאפט/פעיקייט דורכצופירן (עלעקטרע, וואַרעמקייט א"ע)|די נייע שול, ווילנע 1920, טערמינאלאגיע פיזיק|.

..................................................

רעד: אויב ס'איז דא א פלאנטער אין באטייט ביים אנווענדן דעם סופיקס=לעך ביי אדיעקטיוון בכלל, איז מילא. אבער אין וויסנשאפטלעכער טערמינאלאגיע טאר ניט זיין קיין פלאנטער, אין דעם פאל איז דער טערמין דורכפירלעכקייט פון עלעקטרע" אדער עלעקטרישע דורכפירלעכקייט" ניט אויפן ארט: די פיזיק באטראכט ניט די פראגע צי עלעקטרע קאן מען ~~דורכפירן~~ צי איז מיגלעך זי דורכצופירן (אדער וואַרעמקייט, קלאנג), נאר ~~עס ווערט דורך~~ דורכפירן, 3,

(עס רעדט)

זיך וועגן מאַטעריאַלן (שטאָפן), וואָס קאָנען יאָ אָדער ניט, בעסער אָדער ערגער דורכפירן עלעקטרע, (וואַרעמקייט, קלאַנג). סטוטש 218 פסלט טאַקע מיט א פלאַקן דעם טערמין פאַר דעם פאַל, אָבער ער גיט אָן דורכפירעוודיק(ייט), וואָס טויג אויך ניט. א גוט יידיש=אויער ווייסט, אַז דער סופיקס =עוודיק האָט א פאַסיוו=באַטייט: "בייגעוודיק" מיינט "עס קאָן זיך בייגן, עס לאָזט זיך בייגן", און ניט - עס קאָן בייגן; (~~בבבב~~ (בייגעוודיק דראָט = דראָט וואָס לאָזט זיך בייגן).

א רירעוודיקער מענטש, איז ניט דער וואָס רירט עמעצן/עפּעס, נאָר וואָס קאָן זיך רירן. דער בעסטער אויסוועג איז אין דעם פאַל (פיזיקאַלישער טערמין) וואָלט געווען אָנצונעמען, פונקט ווי אין דער מערהייט פאַלן, דעם אינטערנאַציאָנאַליזם קאָנדוקטיוו(קייט).

זאָגט טאַקע וועבסטער New World Dictionary:

"Conductivity - the property ~~of~~ or power of conducting or transmitting heat, electricity etc.

און ער אונטערשיידט עס פון conductibility.

דאָס זעלבע גיט אָן דער

American College Dictionary.

דורכפירן - טרוו. 1. פירן אויף/מיט טראנספארט= מיטלען דורך אדער פארביי עפעס. % דורך די בערג קען מען די סחורה דורכפירן נאר אויף אייזלען.

די שיף האט מען דורכגעפירט אין פארט אויפן בוקסיר.

1926 " טייל מאל, אז מ'האט דורכגעפירט א גרעסערן שמוגל מיט א פור |...| פלעגט זי שוין וויסן 'זייַן שעה' 1923
און מע פלעגט דורכפירן וואס מ'האט געוואלט".
בערגמאן, 1, 46.

2. העלפן אדער נייטן דורכצוגיין/דורכצופארן דורך עפעס אדער פארביי עפעס, ס'רוב באקומענדיק שוועריקייטן.

% דאס יינגל פלעגט אלע מאל דורכפירן דעם בלינדן דורך דער גאס. דער פויער פירט דורך די וואנדערער דורך די בערג. דער וועגווייזער האט דורכגעפירט די פארטיזאנער בשלום דורך די זומפן.

941 דור-

1921 " באשווערט מיט בלוט די פליגל איערע,// און
1936/1 דורכפירן וועל איך איין גיין אליין!". מארקיש,1,2.

... " אלע מענטשן ווערן,ווי שאף, דורכגעפירט אונטערן
720 רוט פאר דיר". איבן אנ, מחזור 6, 168.

1959 " אפשר |...| האט דער 'מסבב הסיבות' בכוונה זיי
1966 דורכגעפירט דורך אזוי פיל גילגולים און שווערע נסיונות".
פ. רודאי, פער 68,V!!!/2.

3. (ספעצ..., פיזיק) דורכלאזן דורך זיך(ווארעמקייט, עלעקטרע). % האלץ פירט דורך שלעכט די ווארעמקייט. קופערנע דראטן וועלן צום בעסטן דורכפירן עלעקטרע.

4. מאכן מיט עפעס (מיט דער האנט אד"גל) א גליטשנדיקע באוועגונג אויף/איבער עפעס. %זי פירט דורך מיט דער האנט איבערן פארשוויצטן פנים. ער האט דורכגעפירט מיט דער צונג איבער דעם ראנד פון קאנווערט און אים פארקלעפט.

... " דעם רבינס דרך איז געווען |...| א ייִד, וואס

1922 ער האט געהאט א מיחוש אויף וועלכן אבער, האט ער דורכגעפירט זייַן הייליקע האנט אויף דעם ארט פון דעם מיחוש, איז דער מענטש געהיילט געווארן".

אנ. ס' דובער שלום, ז' 29.

1945 " און איצטער - מיטן פינגער האסט אדורכגעפירט:

1955 דער פינגער גרוי - און איבער דעם פאפיר געווארן איז א וועג". האלקין, 3, 61.

5. אנצייכענען. % דורכפירן א גראדע ליניע. דורכפירן א גרענעץ.

6. (ספעצ. בוכהאלטעריע) אריינשרייבן, רעגיסטרירן.

% אלע חשבונות און טשעקן זייַנען דורכגעפירט דורך דעם קאסעבוך.

7. דורכלייגן, דורכציען, אויפבויען, אויפשטעלן,
% מע דארף דורכפירן א נייע טעלעפאן=ליניע. מ'האט
דורכגעפירט אן אונטערערדישן גאנג אונטערן מויער.

1891 " מען דארף דורכפירן מיט דעם פלוג א שטריך איבערן
פעלד, אזוי ווי א ראוו, אז דאס רעגן=וואסער זאל 1917
אפלויפן". ווועבער, 1, 54.

1949 " מע וועט אים, עוזרן, א שלל מיט געלט באצאלן
פאר לאזן דורכפירן די באן איבער זיין גרונט".
י. י. זינגער, 9, 174.

8. רעאליזירן, (אויפ)טאן, מאכן, צו שטאנד ברענגען,
אויספירן. % דורכפירן א פארשטעלונג. די פויערים
האבן דורכגעפירט דעם שניט ביי ציי טנס. די זאמלונג
איז דורכגעפירט געווארן מיט הצלחה.

דור-

944

1912 " |...| האָט אָבער דער מאָדערנער מאַרקסיזם
דורכגעפֿירט אַט די אַלע תּנאים? - קיין ערנסטער און 1954
ערלעכער מאַרקסיסט וועט ניט לייקענען, אַז ניין".
זשיטלאָווסקי, 3, 175.

1918 " זאָלסט קיין מאָל ניט פֿאָדערן פֿון דייַן מאַן א
זאַך, וואָס עס איז פֿאַר אים צו שווער עס דורכצופֿירן". 1926
מאַליץ, 1, 58.

1923 " |...| דאָס מאָל האָט טויבעלע דורכגעפֿירט אַלע
משא=ומתּן פֿונעם יאַריד". האַראָוויץ,1,145. 1939

1959 " אין שטאָט האָט אַ גרופּע פֿון דרייַ אַנאַרכיסטן=
אַקטיוויסטן דורכגעפֿירט אַ טעראָריסטישן אָנפֿאַל אויפֿן
**רעד:** דאָס טײַטשט ליפֿשיץ 1 פֿון прогрызть, אָבער אין ליפֿשיץ 2 (ייִדיש-רוסיש) איז דווקא דאָ "גריזען"!

ד ו ר כ ר יי ב ן - טרוו, פאַר <u>דורכגעריבן</u>.

1. רייבן אַ סך, שטאַרק, אויף רייבנדיק דורכלעכערן דעם מאַטעריאַל. % <u>דורכרייבן</u> אַ לאָך אין אַ בגד.

1936 " פאַר די מוזיקאַנטן |...| איך געשוווּמען אַ טענצער אין אַ <u>דורכגעריבענעם</u> כאַלאַט |...|". <u>איבז ה. קאַמענעצקי, 1</u>. 763 ~~3316~~

1938 " גלאַט געווען אַזוי אַ וועג, <u>דורכגעריבן</u> פון גויִשקע פורן". <u>שניאור, 3, 67</u>. 3316

2. <u>דזוו</u> צערייבן (צעדריבלען אויף קליינע שטיקלעך).

1909 " די דריי מינים צוזאַמען דורכמישן און גאַנץ גוט <u>דורכרייבן</u> און פון דעם אויף דעם לישאַי אָנשמירן". <u>שפּערלינג, 2, ז׳ 114</u>. 3312

3. רײַבנדיק רײַן מאַכן, אָפּטריקענען.

1883 " האָט |...| זיך אַ ביסל מיט דעם אַרבל פֿון דער

3317 העמד |...| זײַנע אויגן דורכגעריבן". רובינשטיין, 1, 14.

|| דורכרײַבן זיך - פֿון אַ סך רײַבן דורכגעלעכערט ווערן.

% די אַרבל זענען בײַ די עלנבויגנס שוין דורכגעריבן.

ב) דורכרײַבן די בײנער - אָנשלאָגן, מקיים פּסק זײַן;
אויך - אָנזידלען.

1883 " מען דאַרף אים אָנלערנען גוט,// מען דאַרף אים

3311 די בײנער אַזוי דורכרײַבן,// ער זאָל געדענקען וואָס
צו שרײַבן". אָסטראָווסקי, 1, 32.

דורכרײַבן זיך אויף אַ שמאַטע - (שפּאַטיש) פּלומרשט
אויסמענטשלען זיך, ווערן אַ לײַט.

דורכריידן – 1.טרוו, פּפֿ דורכרעדן, פֿאַר דורכגערעדט.

1. ריידנדיק באַטראַכטן גוט אַן עניין. % וועגן דער בקשה
וועל איך דורכרעדן מיטן דירעקטאָר.

2. ריידן אַ געוויסע צייט. % זיי קאָנען אַזוי אָפּזיצן
און דורכרעדן שעהן גאַנצע.

1909 " וואָס זיי בײדע האָבן יענע נאַכט אָדורכגערעדט,
ווייס מען עד היום נישט". וויעוויאַרקע, 9.1.

|| דורכריידן זיך – קצוו - , פּפֿ דורכרעדן זיך.

1. רעדן/שמועסן איינער מיטן אַנדערן, פֿאַרשטענדיקן זיך
דורך רייד. % מיר וועלן זיך דורכריידן וועגן דעם
עניין, דערנאָך וועלן מיר באַשליסן.

3385

1895 " יעצט איז טאַקע די בעסטע צײַט זיך דורכצורעדן,
בײַ טאָג האָב איך דאָך קיין צײַט ניט", 3392
אנ, אמעריקאַנישע גליקן, ז' 17.

1929 " וועגן דעם וועט מען זיך דאַרפֿן דורכריידן מיט
די חברים". טייטש, 3, 170. 3387

1963 " |...| געבעטן מיט אים זיך אַדורכצוריידן דעם
נאָכמיטאָג פֿון מיט ראַדאַשעס אומקער". א. גילנער, פער,69, 22/XI. 3320

2. (פיג) דז ניט וועגן מענטשן.

1930 " און אמעריקע איז געלעגן און געהערט, געהערט
ביידע שטימען, וואָס האָבן זיך דורכגערעדט איבער די 3390
פרעפּיעס". איינהאָרן, 7, 216.

1956 " זיי האָבן זיך געסדרט זאַכלען, שפּאַרעוודיק און
גיך, // זיך דורכגערעדט געשיקט מיט אָוטאָמאַטישן 3390/1
געקלימפּער". מאַרקיש, 10, 238.

ד ו ר כ ר יי ז ן - טרוו/אוטוו. 1. רייזן (מאַכן נסיעות)
אַ סך, דורך אַ סך ערטער. % ער האָט דורכגערייזט
די גאַנצע וועלט.

1868 " |...| איך אָבער האָב איר |?| זעלבסט דורכגערייזט
3323 די גאַנצע ברייט |...|". דיק, 38.

2. (עלט) דורכפֿאָרן.

1895 " די קירישע (גאַליציע) גרענעץ איז פֿאַרשלאָסן
3322 פֿאַר אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין אויסלענדישע פּאַשפּאָרטן
דורכצורייזן". ב. בעקערמאַן, 2, 34.

|| דורכרייזנדער - דער/די, מצ דורכרייזנדע. ~~גער אָדי,~~ (עלט)
דורכפֿאָרער, פֿאַרבייפֿאָרער.

1805 " |...| פר גלייכין איין גאַשט הויז וואָס דאַרינן די
3328 דורך רייזענדי איהרי הארבריג האבן |...|". איבן פֿאָוויר, דף יג.

1884 "|...| די פֿאַרנעמסטע דאַמען, פֿון יידן און פֿון
3328/1 דורכרייזנדע אויסלענדער קריסטן |...| האָבן אין דעם
זעלביקן זאַל געשפּייזט |...|". דיק, 93, 46.

דורכרייזנדיקער – דער, מצ דורכרייזנדיקע (געב' אדג') אויך גערן.
דזוו דפֿוו.

1951 "איך בין געווען אין ליטע ווי א דורכרייזנדיקער...
3326 און דורכרייזנדיקע ווארצלען זיך ניט איין".
א. מוקדוני, פער 106, 1098.

דורכרייזע – די, =ס. (עלט) דורכפֿאָר |סטוטש 194|.

דורכרייזער – דער, =מצ דז. (עלט) דזוו ~~דפֿוו~~. דורכרייזנדיקער .

1838 " |...| ער זעהט איין אורח דאש היישט איין דורך רייזר
נעמט ער אים אין זיין הויז און גיבט אים עשן און 3330
טרינקן". פאוויר, 2, דף כ.

ם דורך רייזן.

.2 ←-----

1743 " דא ער איז דורך גרייזט דיא שטאט טבריא דא
האט ער צארטין גפונדן איין יהודי דער גהיישן וואר 3321
בנימן". שארית ישראל, דף ל.

1076

דורכרייטן - טרוו, פֿאַר האָט/איז דורכגעריטן.

1. דורך עפּעס רייטן. % מע דאַרף דורכרייטן דורך דעם בריק.

1926 " |...| ער האָט רחלען צוגעזאָגט דורכצורייטן דעם טראַקט לעבן די גערטנער. אַלז זי זען, ווי איר זאַנוול זעט אויס אויפֿן פֿערד". אָפּאַטאָשו, 5, 34. 3335

194... " עס וואָגלט גאָלדעס שמייכל ווי אַ מאָל, ווען זי האָט דורכגעריטן ווי אַ שייטער// דורך באַרג און טאָל". 3334
סוצקעווער, 3, 350.

2. רייטנדיק דורכפֿאָרן אַ געוויסן מהלך, לענגוויס/פֿאַרביי עפּעס. % די קאַוואַלעריע האָט דורכגעריטן 50 קמ אָן אָפּשטעל.

1927 " עס איז געקומען האלבע נאכט, איז אדורכגעריטן
איך וואלד א גרויסע מחנה רייטער און פיל קארעטעס". 3331
גאלדבוים, 2, 27.

1940 " ס'האט |...| זיך געזעצט א שטראלעכל// אויף
יאגנדיקן פערד,// און אזוי א דורכגעריטן // פארביי 3331/1
גאניק פון געזערד". קאמענעצקי, 1, 93.

3. רייטן א געווויסע צייט. % דער שליח איז דורכגעריטן
די גאנצע נאכט, ביז ער האט געפונען א קרעטשמע.

4. איינגעניטן א פערד צו טראגן אויף זיך א רייטער.
% דאס פערדל איז נאך א יונגס, מע דארף עס ערשט דורכרייטן.

|| דורכרייטן זיך - אוטוו. פארן א ביסל רייטנדיק.

ד ו ר כ ר יי כ ע ר ן - טרוו. 1. דורכזאַפּן מיט רויך אין גאַנצן, פֿולשטענדיק. % דורכרייכערן דאָס פֿלייש.

2. דורך רייכערן דעזינפֿעקטירן ( א שטייגער פֿון אינסעקטן); פֿומיגירן. % דער עראָפּלאַן רייכערט דורך די פֿעלדער.

|| דורכרייכערונג - די, =ען. |סטוטש 422| אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכרייכערן. % די דורכרייכערונג פֿון פֿעלד האָט געקאָסט אַ סך.

ד ו ר כ ר יי נ י ק ן – טרוו. ריין מאַכן גוט, פּולשטענדיק, אין גאַנצן. % מע דאַרף דורכרייניקן אַלע בגדים, פֿון שטויב. דער קוימען=קערער האָט דורכגערייניקט דעם אויוון.

1898 " דאָ האָב איך דיר געבראַכט דעם באַלן מיט אַלטער סחורה, |...| דאָס מוזסטו גאַנץ גוט דורכרייניקן 3345
און איבערלייבן יעדן סאָרט באַזונדער". אויזערקיס, 1א, 104.

2. (ספּעצ) ריין מאַכן ~~אי~~ פּולשטענדיק דעם מאָגן.
% דער דאָקטאָר האָט פֿאַרשריבן אַ טרינקעכץ דורכצורייניקן דעם מאָגן.

3. (פֿיג) פֿרײַ מאַכן פֿון שטערונגען, מניעות; אָפּרייניקן.
% דורכרייניקן דעם גאָרטן פֿון די ווילדגראָזן.
דורכרייניקן די סטעזשקע פֿון שניי.

1080

1965 " די זעלנער |...| האָבן פּרובירט <u>דורכרייניקן</u>

א וועג אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען". <u>ג. כהן</u>, 3341

<u>פער 69, !!!V / 15.</u>

4. (<u>פיג</u>) עלימינירן זײַטיקע, אומנייטיקע עלעמענטן,

צוגאָבן.

1917 " אזעלכע קריטיש <u>דורכגערייניקטע</u> רעלאַטיווע נביאות

זענען ניט נאָר מעגלעך, נאָר מען קאָן זיי זיך גאָר ניט 3343

פאַרשטעלן אָן עפּנטלעכע טעטיקייט". <u>זשיטלאָווסקי, 7,61</u>.

|| <u>דורכרייניקונג</u> - <u>די, =ען.</u> אַקט אדער רעזולטאַט פון

דורכרייניקן, אַלע <u>ב"ב</u>.

1908 " ווען אַפילו דער קראַנקער קלאָגט זיך נישט אויף

עצירות, קאָן א דורכרייניקונג לחלוטין נישט שאַטן". 3340

<u>איבאַנ, דער אוצר פון געזונד און לעבען, ז' 25.</u>

1081 דור–

ד ו ר כ ר יַי ס – דער, =ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכרײַסן, ב׳ 1;ריס. % מע דאַרף פֿאַרנייען דעם דורכרײַס אין בגד.

2. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכרײַסן, ב׳ 2. % דער דורכרײַס אין דער דאַמבע איז געשען בײַ נאַכט. אין דער פֿרי האָט מען פֿאַרשטאָפּט דעם דורכרײַס.

3. אַקט אדער רעזולטאַט פֿון דורכרײַסן, ב׳ 3. % דער דורכרײַס פֿון פֿראָנט האט געקאָסט אַ סך קרבנות. אין דעם דורכרײַס זענען אַרײַן טאַנקען און פֿוסגייער.

4. (סאָוו) דאָס ניט אויספֿירן דעם פּלאַן פֿון פּראָדוקציע, דאָס אָפּשטיין אין דער אַרבעט. % די פֿאַבריק האָט אַ היפּשן דורכרײַס, דער פּלאַן איז ניט אויסגעפֿירט צו דער צײַט.

1932 " צוזאמען מיטן אינזשעניער וועלן מיר ליקווידירן
3348 יעדן <u>דורכרייס</u> אויפן זאוואד". <u>א. קאהאן, 2, 137</u>.

1934 " |...| די וויכטיקסטע |...| סיבה פונעם צייטווייליקן
3346 <u>דורכרייס</u> אויפן דארפישן פראנט". <u>איבן קאנטאר,1,351</u>.

5. עפענונג אין רעזולטאט פון דורכרייסן (זיך).

... " ביי א בלויען <u>דורכרייס</u>, גלייך ווי ביי א
3349 פענצטער". <u>ליעסין</u>.

........................................................
<u>רעד:</u> ניט אנגעגעבן פון וועלכן ליד ס'איז די ציטאט.
........................................................

1937 " פונעם <u>דורכרייס</u> אינעם וואלקן |...| זיינען ווי א
ברייטער פעכער געפאלן אראפ זונענשטראלן |...|".
<u>איבן א. סטרעליץ,1</u>.

1083 דור־

6. (פּיג) בלויז, פּעלער, חיסרון.

1966 " איך מיין, אַ קעגנער מײַנער, גוט וועט ער וואַלט

זוכן,// א דורכרײַס איך געדאַנק געפֿונען וואָלט ער 3350

פּאַרט". האלקין, 4, 112.

ד ו ר כ ר ײַ ס י ק - אַדי/אַדוו. |סטוטש 194|.

װאָס רײַסט דורך. % דער שטראָם איז אַ האַסטיקער,

אַ דורכרײַסיקער.

דורכרײַסן – טרוו, פאַר דורכגערײסן.

1. רײַסנדיק פונאַנדערנעמען, צעשײלן, צערײַסן, אײַנרײַסן.
% דער אַרבל איז דורגעריסן בײַם עלנבויגן. מע דאַרף
דורכרײַסן דאָס פּאַפּיר פּונקט אין מיטן;צערײַסן.

2. דורך/מיט אַ שטאַרקן דרוק, דראַנג דורכגײן דורך עפּעס,
מאַכן אַן עפענונג אין עפּעס, באַזײַטיקן אַ מניעה,אַ צוים.
% די צעבושעוועטע וואַסערן האָבן דורכגעריסן די דאַמבע.
1914 " |...| האָט די פאַרזיכטיק אַראָפּגעפירט איבער דעם
שמאָלן אַראָפּגאַנג, וואָס איז געווען אין אײניקע ערטער
דורכגעריסן פון דעם לעצטן געוויטער". מ. ריבקין,1,247.
1920 " טײַכן פאַרשווינדן פון אײן אָרט און רײַסן דורך
נײַע וועגן אין אַ צווײטן אָרט". פײַנסטאָון,1,11. 3364

1086 דור-

1960 " די קי פֿון קאַראַל רייסן דורך דעם דראַט |...|".
3356 מ. ראַוויטש, 4א.

3. (ספּעצ, מיליט) דורכגיין, גיין פֿאָרויס, ביַיקומענדיק מיט כוח דעם שונאס ווידערשטאַנד. % דורכרייַסן דעם פֿראָנט. די טאַנקען האָבן דורכגעריסן די פֿאַרטיידיקונג=ליניע פֿון שונא.

4. דורכרייניקן אַ גאָרטן, דורכיעטן, דורכפּאַלען.

1961 " מע האָט געדאַרפֿט דורכרייַסן די טרוסקאַווקעס, וואָס
3353 האָבן זיך ווילד צעוואַקסן". דאַבין, פֿער 131, ב' 2, ז' 9.

5. (פֿיג) דורכדרינגענדיק צעשטעכן, צו נישט מאַכן, אויסענדיקן.

1937 " |...| וואָס אַ מאָל שפּעטער אויפֿן טאָג רייַסן דורך
3353/1 פֿרישע מענטשן דעם נעפּלדיקן וואַלקן". י. סמאָליאַרש, 1, 405.

1087 דור-

1956 " דורכגעריסן האט זייך שטים די שטילקייט |...|".
מארקיש, 10, 301. 3355

|| דורכרייסן זיך - אוטוו. 1. רעפל צו דורכרייסן, ב' 1.

% דער זאק האט זיך דורכגעריסן, און דער צוקער האט זיך צעשיט.

2. דורכשטופן זיך, דורכגיין, מאכן זיך א וועג מיט כוח,
מיט אימפעט, בייקומענדיק שוועריקייטן, פארצוימונג אד"ג.
% דורכרייסן זיך דורך דעם געדיכטן עולם.

1927 " אט אזוי זיך דורכגעריסן, // דורכגעריסן,
דורכגעביסן// מיטן קאפ, ווי דורך א וואנט, // איבער 764
שטעג און וועג און לאנד". מ.ל.האלפערן, 2, 35.

1948 " |...| קיין אנדער וועג זיך דורכצורייסן,
ווייזט אויס, איז ניט פאראן!". מארקיש, 9, 60. 3357

1972 " לאה האָט זיך דורכגעריסן צו דער שיסעריין און
3373 זי גענומען שלאָגן". באַשעוויס, פער 155, VIII/18.

3. דזוו ב׳ 2 נאָך וועגן שיַין, קלאַנג, ריח.

1947 " עס רייַסן זיך דורך העלע שטראַלן אין מיזרח. דער
3377 טאָג וואַכט אויף". מ. קושניר, יזב 8, 220.

1965 " פון קיך האָבן זיך דורכגעריסן ריחות פֿון פלייש,
3366 קאַרטאָפל, ציבעלע, קנאָבל". באַשעוויס, פער 155, XII/27.

4. קומען/אָנקומען בייַקומענדיק שוועריקייטן, מניעות.

% אַ טייל פליטים האָבן זיך דורכגעריסן קיין אַמעריקע.

1956 " די אויגן קוקט זי אויס זיך טאָג און נאַכט,//
3376 אַן אייַנגעטונקטע פֿעגן זיך דורכרייַסן וועט אפשר?".
מאַרקיש, 10, 251.

1088 דור-

1972 " זיי וועלן זיך דערוואַרטן זייער אמתן תחית=המתים,

וועט זיי וועלן סוף=כל=סוף זיך דורכרייסן קיין ישראל". 3367

א. אלפערין, פער 14.IX/22.

ם דורך רייסן.

.2 ←-----

1713 " דש גיבעט פון משה האט דען הימל דורך גריסן".

3361 מחזור, 1, דף קה.

1743 " דר האך האט דש וואשר דורך גריסן אויף דיא

3362 נייאי מארק אונטר איין הויז". שארית ישראל, דף קלה.

ד ו ר כ ר י נ ע ן - אױסטרן, פאר (איז) דורכגערונען.

1. רינען דורך עפּעס. % דאָס וואַסער איז דורכגערונען דורך דעם קאַנאַל. דורכן צעבראָכענעם דאַך רינט דורך דער רעגן.

2. רינען, פליסן אויף אַ געווויסן מהלך, אויף אַ געווויסן שטח. % דאָס טייַכל איז דורכגערונען דעם גאַנצן טאָל.

3. פאַר האָט דורכגערונען. (שש) לאָזן רינען, דורכלאָזן וואַסער אָדער אַן אַנדער פליסיקייט. % פריִער האָט דער דאַך דורכגערונען און ס'האָט אַרייַנגערעגנט. די פּאָס רינט דורך, ס'איז דאָ אַ קליין לעכל.

ם דורך רינען.

.1 <------

1717 " מן מוז זיא דען (ארון) דירט צו מאכן מיט פעך דז קיין בלוט קן דורך רינן". ס' החיים,!!, דף לח.

(אומפּ)

# ד ו ר כ ר ע ג ע נ ע ן - 1. אומרעגענען אַ ביסל.

% ס'האָט דורכגערעגנט און ס'איז שוין ווידער אַ קלויטערער הימל.

ס'רול אין פּאָסול.

2. טרוו. דורכזאַפּן מיט רעגן, געבן אַ סך רעגן.

% די פֿעלדער זענען דורכגערעגנט.

1955 " |...| און דורך דער טיר וועט אַנטראָגן אַ זיסער טעם//
765 פֿון ערד אַדורכגערעגנטער". ליוויק, 11, 80.

1964 " |...| וועט דו וואַלסט אויף די פֿעלדער דורכגערעגנט,
3382 וואַלסטו פֿון הונגער דאָך פֿאַרהיט אַ גאַנצע געגנט".
נ. יוד, פּער 155, 19/!.

3. אומוו. (שש) דורכלאָזן רעגן. דער אַלטער דאַך רעגנט דורך, די שינדלען זענען צעבראָכן.

1091

ד ו ר כ ר ע ד ן - -----> דורכריידן.

1092 דור־

ד ו ר כ ר ע ד ע ר ן - אוטוו. (שש) דורכפאַרן אויף/מיט רעדער.

... " דורך מילשטיינער פֿון די יאַרטויזנטער אדורכגערעדערט |...|". בראַדערזאָן, 8, 114. 3393

דור-

1093

ד ו ר כ ר ע ו י ד י ר ן - טרוו. דורכפירן אַ רעוויזיע,
רעווידירן גרינטלעך. % דורכרעווידירן אַלע חשבונות.

1972 " אײדער מיר וועלן זיך אַפשטעלן אויפן צד-השווה,
דערלויבן מיר זיך דורכצורעווידירן צוויי טענות פון 3399
דער קריטיק וועגן ראַמאַן". ד. סדן, פער 38, נ׳76, ז׳92.

1094 דור-

ד ו ר כ ר ע כ ע נ ע ן - טרוו. 1. דזוו אויסרעכענען, ב׳1.

דורכרעכענען אלע צאלן, צי סע שטימט.

2. באטראכטן אן עניין גוט, פון פארשיידענע אספעקטן.

1888 "עס קען זיין, דאס דער פראסטער |...| רפאל האט

גאנץ טיכטיק דורכגערעכנט די זאך און האט, מעגלעך, 3396

געהאט רעכט". לעוויץ, 1, 22.

ד ו ר כ ש אַ ט ע נ ע ן - אוטוו. (שנש) דורכגיין/דורלויפֿן
ווי אַ שאָטן.

3399 1941 " אויפֿן וועג שאָטנט דורך אַ האָז". ש. שטערן, 44,1.

3400 1956 " מצרים דורכגעשאָטנט האָט פֿאַר זיי // און דורכגעלויכטן
האָט פֿאַר זיי די שייַן פֿון קרעמל |...|". מארקיש, 478,11.

ד ו ר כ ש אָ ס - דער, =ן. (נש, מארק וווב 976)

שאָס וואָס גייט דורך אַ קערפּער דורך און דורך, דרינגט

דורך אין גאַנצן ביז אַרויסגייין אויף דער צווייטער זײַט.

% די ווונד פֿון סאָלדאַט איז פֿון אַ דורכשאָס אין דער ברוסט.

ד ו ר כ ש אַ ק ל ע ן - טרוו|מאַרק ווב 981|.

דזוו דורכטרייסלען.

דורכשארן – טרוו. 1. שארנדיק איבעררוקן, באוועגן דורך עפעס. % מע דארף דורכשארן דאס מיסט דורך דער שוועל.

2. (פיג) דורכזוכן, דורכנישטערן. % די פאליציי האט דורכגעשארט דאס הויז, זוכנדיק סמען.

|| דורכשארן זיך – 1. רעפל צו דורכשארן, ב' 1.

2. (פיג) דורכגיין שטילערהייט.

1967 " דודל קרוי גייט אריין אין שטוב און שארט זיך דורך צווישן די הויכע ליכט". גראדע, פער 69, 15/XII.

1099 דור־

ד ו ר כ ש א ר פ ן - טרוו. דזוו אויסשארפן.

% דורכשארפן די זעג.

ד ו ר כ ש ו ו אַ ר צ ן - טרוו. דורכטראָגן/דורכפירן

עפּעס/עמעצן אומלעגאַל. % דורכשוואַרצן סחורה.

אַ פּויער האָט אים דורכגעשוואַרצט דורך דער גרענעץ ביי נאַכט.

1953 " איך פינצטערע נעכט פלעגן איבערן גרענעץ

דורכגעשוואַרצט ווערן חלוצים פון רוסלאַנד קיין פּוילן". 3411

מוקאַסיי, יזב 3, 120.

|| דורכשוואַרצן זיך - אומטוו. 1. דזוו דורכשוואַרצן

אַ גרענעץ (זען פּראַצעסואַלאַגיט).

1966 " איך האָב זיך דורכגעשוואַרצט צו פוס איבער זייטנוועגן

ביז קיין בראַטיסלאַוו אָן אַ מיכשול". זיכערמאַן, 1, 161. 3412

2. (פיג, שנש) דורכגיין שטילערהייט, אומבאַמערקט,

דורכגנבענען זיך.

1101. ה־

1966 " |...| ס'האט א געדאנק אים |אדמען| דורכגעשווארצט זיך

3413 ווי א שאטן". האלקין, 4, 269.

ד דורכשווארצן א גרענעץ - דורכגיין/דורכפארן א גרענעץ אומלעגאל.

1968 " אים איז געלונגען דורכצושווארצן די גרענעץ

3411/1 קיין רוסלאנד |...|". ד. שיף, יזב 2, 934.

1102 דור-

ד ו ר כ ש ו ו יי ג ן – טרוו, פאר דורכגעשוויגן. 1.

"הזוו פארשווייגן". דורכשווייגן א באליידיקונג" |קטוו|. 3414

2. אוטוו. שווייגן א געוויסע צייט. % ער קאן אזוי

דורכשווייגן שעהן, ניט ארויסלאזן קיין ווארט פון מויל.

3. טרוו, (שנש) איבעררייסן דאס שווייגן.

...194 " |...| און ווונדער איז געשען: א גאלדן פונקל//

האט דורכגעשוויגן מיין געליימטע צונג,// און גאר 3415

די וועלט אין אשיקן געטונקל // איז אויפגעגאנגען

בראשיתדיק און יונג". סוצקעווער, 2, 177.

|| דורכשווייגן זיך – אוטוו. שווייגן א געוויסע צייט,

א ביסל.

1103 דור־

1931 " |...| אז די מומע |...| זעצט זיך א מאָל אזוי

3416 אַוועק דורכשווייגן זיך אויף עטלעכע שעה, איז עס א

געזאַנג, אַ פֿידלשפּיל". מ. קולבאק, 8, 35.

1104 דור-

(?נ?) ד ו ר כ ש ו י מ ב א ר - אדי/אדוו. |מארק ווב 969|

(דטשמ) וואס מע קאן דורך דעם/אים דורכשווימען.

1105 דור-

ד ו ר כ ש ו י מ ע ן - אוטוו, פאר דורכגעשווומען.

1. שווימען דורך עפּעס. % דורכשווימען דעם טײַך ביזן צווייטן ברעג. דער ספּאָרטלער איז דורכגעשווומען דעם קאַנאַל לאַ=מאַנש.

2. שווימען אַ געוויסן מהלך, לענגויס אָדער פֿאַרבײַ עפּעס. % ער קאָן דורכשווימען 100 מעטער אין 10 סעקונדן. די שיף איז דורכגעשווומען פֿאַרבײַ דעם אינדזל.

3. שווימען אַ געוויסע צײַט אָן אָפּשטעל. % דער מאַטראָס פֿון דער פֿאַרזונקענער שיף איז דורכגעשווומען צוויי טעג, ביז מע האָט אים געראַטעוועט.

4. (פּיג) דורכגיין (דורכפֿליִען, איבערדוקן זיך) גרינג, פֿליסיק, שטיל. % וואלקנס זייִנען דורכגעשוווּמען דורכן הימל.

1909 " מענטשן זענען פֿאר די אויגן,// ווי די שאטנס, דורכגעשוווּמען". סעגאלאוויטש, 1, 13. 3419

1936 " כ׳האָל מיט הענט – מיט פֿלאטערנדיקע מאסטן – // דורכשווימען דורך סאמע הארץ פֿון אל". סוצקעווער,44,3. 3418

5. (פּיג) דורכלערנען.

1951 " דער עניך דורכצושווימען דעם גרויסן ים=התלמוד מיט לאָגיק האָט זיך ניט ׳געלייגט אויפֿן שׂכל׳ בײַ א סך עלטערע רבנים, אויפֿגעצויגענע אויף פּילפּול". 3418/1

מ. איווענסקי, פּער, 106, 693 |?643|.

ד ו ר כ ש ו י נ ד ל ע ן I – 1. טרוו. דורכפירן אַן אקט מיט שווינדל, אָפּנאַרערײַ. % דער אַפּעריסט האָט שוין דורכגעשווינדלט עטלעכע טונקעלע עסקים.

2. שווינדלען א געוויסע צײַט. % ער האָט אַזוי דורכגעשווינדלט עטלעכע יאָר, ביז מע האָט אים אײַנגעזעצט.

|| דורכשווינדלען זיך – אוטוו. דורכדרייען זיך, דורכגיין מיט שווינדל.

1890 " דערווײַלע האָבן מיר זיך דערמיט דורכגעשווינדלט און געבליבן לעבן עד היום הזה". דובנער מגיד, 1, דף כד.

3430

1108 דור-

ד ו ר כ ש ו ו י נ ד ל ע ן !! - אוטוו. 1. דורכגיין, דורכלויפן.

1956 " די מאמע שווינדלט ערגעץ דורך מיט טריט מיט

3425 גיכע |...|". מארקיש, 10, 268.

1961 " ווי קאן מען עס אזוי הפקרדיק דורכשווינדלען

3422 פארביי אזעלכע פעלדער ווייץ און קוקורוזע |...|".

ש. גארדאן, פער 131, נ' 3, ז' 9.

2. באווייזן זיך און גיך פארשווינדן. % א געדאנק

שווינדלט דורך אין זיין קאפ.

1961 " עפעס שפאטיש פארבארגנס האט דורכגעשווינדלט

3423 אין אפיעס |...| גרינלעך בלויע אויגן". י. פאליקמאן,

פער 131, נ' 3, ז' 30.

1109 דור־

1967 "אַ שטילער שמייכל שווינדלט אַדורך אויף אירע

צוגעמאַכטע, פּוכיק אויסגעבעטע ליפּן". נ. זאַבאַרע, 3424

פער 131, נ' 9, ז' 18.

דורכשוויצן - טרוו. 1. גורם זײַן צו שוויצן.
% די פּילן האָבן דעם חולה דורכגעשוויצט, און די היץ
איז אַראָפּגעפֿאַלן. מען איז אַזוי דורכגעשוויצט, אַז דאָס
העמד איז נאַס.

1951 " מען האָט צוגעדעקט דאָס געפּלאַכטענע קײשל מיט די
בולבעס מיט אַ טיכל אַזוי, אַז מען זאָל די בולבעס לאָזן 3431
'דורכשוויצן' און די שאָלעכץ זאָל אונטער דער ווירקונג פֿון
דאַמף אָפּשטײַן און זיך לאָזן אַראָפּנעמען". ה. אבראמאוויטש,
פּער 106, 420.

2. אוטוו. שוויצן אַ געוויסע צײַט. % דער קראַנקער האָט
דורכגעשוויצט די גאַנצע נאַכט.

|| דורכשוויצן זיך - אוטוו. שוויצן אַ סך, אויף דורך און דורך

1111 דור-

1968 "|...| מען טונקט אונטער דעם קאָפּ צווישן אַן עדה

3435 ייִדן און מען שוויצט זיך דורך ביַים דאַוונען, איז

גלײַך ווי מען וואָלט זיך געטובלט אין א מיקווה".

מ.אונגער, פער 2/VI,69.

דורכשוועבן – אויטו. 1. שוועבנדיק דורכפליִען.

% פייגעלעך שוועבן דורך אין דער לופטן.

2. (פיג) דורכגיין (דורכפליִען) אַזוי ווי שוועבנדיק.

% אַ וואָלקנדל שוועבט דורך.

1909 " דערנאָך איז דאָס קול געוואָרן שטילער, שטילער,

3436 ענלעך צו אַ לייכט ווינטל, וואָס שוועבט אַדורך די

ביימער". וויעוויארקע, 12,1.

1948 " ס'האָט, ווי אַ נעפּל דורכגעשוועבט ביי אים אין

3438 קאָפּ דאָס בינטל אָפּגעקלאָפּטע, אָפּגערעשטע יאָרן".

מארקיש, 9, 42.

1960 " אַט די אַלע מיאוסע נפשות שוועבן דורך פאַר אונדזערע

3442 אויגן, ווי צעקרימטע שאָטנס". ניגער, 10, 232.

ם **דורך שוועבן.**

.2 ----->

1661 " |...| ער גיבאט טיטוס אונ' זי באנדן אין אין
אייזרני קעטן די דא שוועך ווארן ,ער, אונ' זיא 3444
שוועבטן מיט אים דורך אל זיין שאר אונ' זיא טריבן איר
גישפעט מיט אים". יוסיפון, 2, דף שנד.

1114 דור-

ד ו ר כ ש ו ע נ ק ע ן – טרוו. 1. דזוו אויסשווענקען.

% דורכשווענקען דאָס געוועש.

2. (ספּעצ) דורכרייניקן, דעזינפּעקטירן דורך שווענקען.

% דורכשווענקען דאָס מויל.

1931 " ביז איך ווידער אַרויסגעקראָכן צום וואַסער,

3447 דורכגעשווענקט די ווונדן". קושניראָוו, פער 164, ז' 68.

ℒ דורכשווענקען דעם האַלדז/דעם גאָרגל – נעמען אַ טרונק בראַ

בראַנפֿן/וויין, אויסטרינקען.

דורכשווענקען דעם מוח – אינדאָקטרינירן, אַרויפֿצווינגען

אַ באַשטימטן געדאַנקען=גאַנג.

1115 דור-

" ס'האט זיך אפגעטאן פון דער וועלט דער כוח פון 1966

3446 השפעה. היינט צו טאג, אז מען וויל אויף עמעצן משפיע

זיין, דארף מען אים מאכן א שטיפת=מוח, מען דארף אים

דורכשווענקען דעם מוח". י. האפער, פער 169, מאי-יוני.

ד ו ר כ ש ו י ד ע ר ן - אומפּ (צו א סוב איך דאטיוו).
דורכנעמען, דורכדרינגען מיט שוידער, ציטערניש).

|1931-1926 | " בראַנפּן און טוכלע אייער האָט אים א
3453 שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײַן. עס האָט אים דורכגעשוידערט
|...|". אפּאַטאָשו, 6, 90.

1962 " דער ים איז דורכגעשוידערט, ווי דער קערפּער פון
3452 א פרוי, וואָס צוקט און ציטערט". גראַדע, 5, 86.

1117 -דור

(?נ?) ד ו ר כ ש ו נ ד ע ו ו ע ן - אוטוו. (שנש) דורכלעבן ווי
אין א שונדראמען.

1956 " כ'האב שוין באלד דורכגעשונדעוועט מיין לעבן |...|".
3451 גלאטשטיין, 1, 278.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, און בכלל –
ס'איז דאך אן עפעמעריזם פאר=עקסעלאנס...

1118 דור־

ד ו ר כ ש ו ס = ל י נ י ע - די, =ס.|סטוטש 378|.

(דרוקערײַ) מעטאַלענע ליניע צווישן די שורות פֿון זאַץ.

1115 דור-

ד ו ר כ ש ו ר ע ו ו ע ן - אוטוו. דורכגיין, דורכטראָגן זיך מיט אַ רויש ווי פֿון שורעוועוען (שאַרן מיט עפּעס).

1956 "אַ קרעכץ האָט פֿון זיין צוריר צו די ביימער זיך געהערט,// די בלעטער דורכגעשוואָרעוועט האָבן מיט טויבן פּאַכע". מאַרקיש, 10, 242.

p: szurować

1120 דור-

דורכשושקען זיך - קזוו. דורכרעדן זיך
שושקענדיק, (שעפּטשענדיק). % די ווײַבער פּלעגן זיך
אַלע ווײַלע דורכשושקען.

1970 " |...| האָט ער זיי |די קינדער| באַטראַכטן מיט
פֿאַרשלאָפֿענע אויגן און זיך מיט זיי אַדורכגעשושקעט
וועגן עפּעס". פּער 9, פּסח=נומער, ז' 53.

ד ו ר כ ש ט אָ ך – דער, מצ דורכשטעך. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשטעכן |סטוטש 194|. (?נ?)

% די וווּנד איז פֿון אַ טיפֿן דורכשטאָך מיט אַ טשוואָק.

| |
|---|
| רעד: מײַן פֿרעגצייכן איז: אויב געבן, דאַרף מען געבן נאָך (דורכזעג, דורכהאַק, דורכגלאַנץ... און ס'האָט קיין שיעור ניט), בפֿרט אַז קיין ליטעראַרישער מקור וועגן באַניץ איז ניטאָ. |

1122 דור-

ד ו ר כ ש ט א מ פ ן – דזוו דורכשטעמפלען.

1123 דור-

(?נ?) ד ו ר כ ש ט אַ פּ ן - טרוו. (אַנ) שטאָפּן פּול, אין גאַנצן,

3462 אַ סך. % דורכשטאָפּן אַלע געגנדן.

רעד: ניט קיין ליטעראַרישער מקור וועגן באַניץ.

איך האָב ניט געהערט אַזאַ פֿאַרמע.

1124 דור-

ד ו ר כ ש ט א ר צ ן - אוטוו. (ארויס) שטארצן דורך עפעס. % דורך דער הויט שטארצט דורך א ביין.

1125 דור-

ד ו ר כ ש ט א ר ק ע וו ע ן - טרוו. (סטאליעריי, לאקל,סאניק)

" דורכדאלבעווען"|דורכבויערן| מיט א בויער ס'האלץ"

|קטוו|. 3464

ד ו ר כ ש ט ו ד י ר ן - טרוו. גרינטלעך דורכלייענען,

דורכלערנען, דורכארבעטן. % דורכשטודירן אן ענין,

א פראבלעם. האט דאס ווערק דורכ(גע)שטודירט גרינטלעך.

1951 " פון דעם תהילים |...| האט מאפו זיך אויסגעלערנט

דעם לאטיינישן אלף=בית און מיט אן איזערנער התמדה 3466

|...| האט ער דורכגעשטודירט די איבערזעצונג".

א. קאצענעלנבאגען, פער 366,106.

1956 " געקוקט אויף אים די דורכגעשטודירטע מאמע האט,//

אידער שטריק ווי אויף דער האנט געווען איז קלאר אים". 3467

מארקיש, 10, 174.

1127 דור־

ד ו ר כ ש ט ו י ב ן - טרוו. 1. דזוו אויסשטויבן, ב׳ 2.

2. (ס׳רוב אין פּאסיוו) דורכדרינגען מיט שטויב.

% זיי זייַנען געקומען פֿון וועג דורכגעשטויבטע.

...194 " בלעטער דורכגעשטויבטע, גראָע // נעמען אויפֿלעבן 774

אין האַנט |...|". סוצקעווער, 3, 433.

ד ו ר כ ש ט ו י ס ן - טרוו. 1. שטויסן דורך עפּעס; דורכשטופּן. % קיין שטאָפּער איז ניט געווען, האָט מען געמוזט דורכשטויסן דעם קאָרעק אין דער פלאַש אַרײַן.

2. שטויסנדיק צעקלאַפּן, צעדריבלען. % דורכשטויסן דעם צימערינג אין שטייסל. מע פלעגט א מאָל דורכשטויסן די מצה אין א סטופּע צו מאַכן מצה=מעל.

|| דורכשטויסן זיך - רעפל צו דורכשטויסן, ב׳ 1.

ד ו ר כ ש ט ו פּ ן - טרוו. שטופּנדיק איבעררוקן, באַוועגן עפּעס/עמעצן דורך עפּעס. % דורכשטופּן דאָס וועגעלע דורך דער שמאָלער טיר, ער האָט קוים דורכגעשטופּט דעם קאָפּ דורך די קראַטעס.

1972 " די גראָבע רייצעלע האָט דורכגעשטופּט אירע דריי הונדערט פונט פעטס דורך א באַנדע יונגעץ". באַשעוויס, פער 155, VIII/12.

3478

2. (פיג) דורכפירן, רעאַליזירן אַן ענין מיט מי, אָנשטרענג. % ער האָט געמוזט אַראָפּלאָזן די פּרייזן, אַבי דורכשטופּן די פאַרלעגענע סחורה. מע האָט ענדלעך דורכגעשטופּט דאָס נייע געזעץ אין פּאַרלאַמענט.

1130 דור-

1973 " ערשט קומענדיק קיין מאסקווע האט ער זיך

איבערצייגט, ווי וויכטיק ס'איז דאן געווען פאר די רוסן 3477

דורכצושטופן דעם האנדלס=אפמאך |...|". נ. גאדין, פער 14,V/25

3. (פיג) דורכלעבן, דורכמאכן א געוויסע צייט אין

שוועריקייטן, דחקות, % מע דארף דורכשטופן עטלעכע חדשים,

ביז מע וועט קריגן ארבעט.

1926 " |...| און גאט איז א גוטער, העלפט זיי אונטער

|...| דורכשטופן דאס ביסל יארן אין דלות". בערגמאן, 79,1. 3476

1972 " |...| ער ווייסט, אז דער משפט מיט זיינע ברידער

אין אשמאלנער קרייזגעריכט איז א פארשלעפעניש און מע 3474

דארף צו דעם א פארמעגן, בעת ער האט שוין נישט א טאג

דורכצושטופן". גראדע, פער 155,IV/9.

1130

|| דורכשטופּן זיך – 1. רעפל צו דורכשטופּן, ב׳ 1.

% דורכשטופּן זיך צווישן עולם צום אַרויסגאַנג.

1938 " נאָכן דאַווענען וואַרט ער אָפּ געדולדיק |...| ביז ער וועט זיך דורכשטופּן מיט זײַן באַלעגאָלישן ׳גוט-שבת׳ צום מורה=הוראה". שניאור, 3. 3482/1

1972 " |...| פּלעגן די קינדער זיך אַדורכשטופּן אויף דער אַרישער זײַט און פֿון דאָרט געבראַכט שפּײַז, וואָס זיי האָבן געקויפֿט אָדער אויסגעבעטלט ביי גוטהאַרציקע מענטשן". ש.ל. שניידערמאַן, פּער 155, ז!ז!/7. 3473

2.(פֿיג) דזוו דורכשטופּן, ב׳ 2. % דער ישיבֿה=בחור פּלעגט זיך |...| דורכשטופּן מיט א דאַר שטיקל ברויט א טאָג.

1893 " |...| ווי אזוי איעדער שטופט זיך דורך די

3486 געפלאגטע וועלט, ביז ער פארדינט זיך דעם נאמען מת|...|".

ארנשטיין, 2, 60.

... " |...| א קאפ אויף דורכשטופן זיך אין דער וועלט,

3485 אנשפארן אין אלע לעכער, האט נאר טאקע א ייד".

מענדעלע, דערצ׳אסיפות, ז׳ 8.

1972 " |...| איז א וווּנדער, ווי דער פרוש שטופט זיך דורך

3489 מיט די פאר זלאטעס, וואס ער קריגט |...|".

גראדע, פער 155, VIII/13.

דורכשטופּן די פּרנסה – האָבן קאָרג פּרנסה, קוים אויסקומען. ㄱ

" געהאַט האָט ער א קאַשע=מילכל און דערפון האָט ער 1972

דורכגעשטופּט די פּרנסה". באשעוויס, פּער 155,IX/29. 3479

1134 דור־

ד ו ר כ ש ט ו ר ע מ ע ן - אוטוו. (שנש) דורכגיין,

דורכטראגן זיך ווי א שטורעם.

1930 " |...| איבער אן איינזן געפלאַכטענער|...|

3490/1 היכער באיק צווישן צוויי טונעלן שטורעמט דורך

א ריזיקער עקספרעס=לאקאמאטיוו". איינהארן, 128,7.

1960 " דער ראמאן |...| איז אויפגעבויט מיט א פינקטלעכער

3490 אויסרעכענונג, אז אין אים זאלן דורכשטורעמען

אלע גרויסע שטורעמס". גלאטשטיין, 2, 415.

1135 -דור

ד ו ר כ ש ט יי ן - אוטוו, פאר דורכגעשטאנען.

1. שטיין א געוויסע (א לענגערע) צייט.

% דורכשטיין שעהן אויף דער וואך.

2. " דורכקומען, ביישטיין (א פרווו, א נסיון)" |קטוו|. 3492

1136 דור-

(?נ?) ד ו ר כ ש ט י ך - דער, =ן. (דטשמ) דורכשטאך.

1909 " |...| רעד איך איר איין, בשעת איך פיר ארייַן די

3495 ,,אנדע אין דער געבער=מוטער צו מאכן דעם דורכשטיך,

אז דאס איז נאר א געוויינלעכע אונטערזוכונג".

אנ, די ווידוי פון אן אקושערקע, ז' 70.

1137 דור-

ד ו ר כ ש ט י פ ן – <u>אוטוו</u>. שטיפן א געוויסע צייט.

% די קינדער פלעגן <u>דורכשטיפן</u> א גאנצן טאג אין פארק.

ד ו ר כ ש ט ע כ ן - טרוו, פאר דורכגעשטאכן. מיט
א שפּיציקער, שארפער זאך דורכדרינגען דורך עפּעס,
דורכלעכערן. % דורכשטעכן די הויט מיט א נאדל.
דורכשטעכן מיט א שפּיז. דער טשוואק האט דורכגעשטאכן
די זויל.

1898 " אט די לענג, וויפל עס דארף האלטן א שפּיזל,
מיט וועלכן מען זאל קענען דורכשטעכן אויף דורך און 3505
דורך |...| א קיילעכדיקע זאך, |...| רופט זיך
דער דורכמעסער". ליטוואק, 1, 68.

1908 " |...| דורכשטעכן די אויערן ביי קליינע מיידלעך,
כדי זיי זאלן קאנען טראגן אוירינגלעך, איז אפּט 3500
שעדלעך פאר׳ן אויער". גאטליעב, 2, 66.

1139 דור-

1944 " אַ בלייַפּעץ א גראַע// שטעכט דורך דאס פּאַפּיר". סיגאל, 2, 64. 3500/1

|| דורכשטעכער - דער, =ס. 1. דער וואָס שטעכט דורך.

2. (ספּעצ) מכשיר צו מאכן לעכלעך אין פּאַפּיר |מארק ווב 957|

◻ דורכשטעכן מיט די אויגן (ווער: מיטן קוק, מיטן בליק - באקוקן שארף, מיט כעס, מיט שינאה.

1883 " |...| ער וועט אייַך די ביינער ברעכן,//
מיטן קוק וועט ער אייַך דורכשטעכן". אסטראַווסקי, 1, 61. 3508

1901 " |...| עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס דער שדכן
האָט דודלען אזוי דורכגעשטאכן מיט זיינע פּלוטאָווסקע
אויגן". יה"ל, 2, 123. 3506

ם

1. דורך שטעכן.

1544 " |...| אויף ווארף יהונתן זיין שווערט זיין

3509 ברודער ער דא ראך.// מענכן שטארקן היידן ער דורך שטאך".

שמואל=בוך, סטראפע 818.

1610 " אונ׳ ער דורך שטאך, יא בייד דען מן ישראל אונ׳

3503 דיא פרויא |...|". טייטש=חומש, במדבר, כה - ח.

1713 " |...| זוא שטעכט ער |דער האר| אים |דעם עבד|

3504 דורך דאש אור |...|". מחזור, 1, דף רלד.

2. דורכשטעקן.

1713 " מן זאל ניט נאקיט אויף שטין אויש זיין בעט,

3507 נייארט זאל ערשט נעמן זיין העמד אונ׳ זאל זיין קאפ אונ׳

ארם דורך שטעכן ווייל ער נאך ליגט". מחזור, 1, דף 2.

רעד: ס׳קען זײַן, ס׳איז אַ טעות הדפֿוס און ס׳דאַרף
טאַקע זײַן דורכשטעקן, דער אויסשרײַבער האָט
אָבער בפֿירוש געגעבן אַ "כ" מיט אַ פּאַסיקל פון
אויבן, הייסט עס אַז ס׳איז ניט זײַן טעות.

1142 דור־

דורכשטעפּן - טרוו. דורכנייען אַ נאָט מיט אַ שטעפּמאַשין אין גאַנצן, אין דער גאַנצער לענג/ברייט.

% דורכשטעפּן די וואַטענע קאָלדרע. דער זוים איז דורכגעשטעפּט מיט געדיכטע שטעך.

1143 דור־

ד ו ר כ ש ט ע ק ן – טרוו. דורכרוקן, דורכטאָן, דורך עפּעס (דורך אַן עפּענונג). % דורכשטעקן די האַנט דורכן אַרבל. ער שטעקט דורך דעם קאָפּ דורכן פֿענצטערל.

1919 " די מכנסים זענען געווען געשטריקט קייַלעכדיק, ווי אַ זעקל, |...| פֿון אונטן צוויי לעכער די פֿיס דורכצושטעקן". זאַלער, 2, 36. 3514

1144 דור-

ד ו ר כ ש ט ר אַ ז – דער, =ן. |נש, אױװרן| אַ װעג/

אַ גאַס, װאָס גײט דורך דורך אַ געװיסן שטח אין גאַנצן

(למשל, דורך דער גאַנצער שטאָט~~#~~אַד"גל)

רעד: ניט זיכער אין אױסטײטש. אין ענגלישע

װערטערביכער ניט געפֿונען דאָס װאָרט thruway

פֿון װעלכן אױװרן טײַטשט עס.

ד ו ר כ ש ט ר א ל ן - טרוו. דורכדרינגען מיט
שטראַלן; דורכלײַכטן.

1910 " שוועבן, שווימען אין די בלאָע//דורכגעשטראַלטע
776 הימל־וועלן |...|". פּרוג, 2, 123.

1957 " פֿון צײַט צו צײַט ווערן די אויגן דורכגעשטראַלט
3525 פֿון אַן אינעוויייניקסטער ליכטיקייט". ה.צייטלין, 1, 185.

1952 " ווי אומעטיק קאַלט// עס האָט די לבֿנה דעם נעפּל
3523 דורכגעשטראַלט". אײַנהאָרן, 9, 141.

1146 דור־

ד ו ר כ ש ט ר אָ ם  –  דער, =ען. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשטראָמען.

1147 דור-

דורכשטראַמען - אויטוו. 1. שטראַמען דורך עפּעס.

% דאָס ריטשקעלע האָט דורכגעשטראָמט דורך דעם טאָל.

2. (פֿיג) דורכגייען ווי אַ שטראָם (וועגן געפֿילן, שפּירונגען).

% אַ היץ האָט דורכגעשטראָמט דורך זײַן גאַנצן גוף.

1929 " די בענקשאַפֿט נאָך דעם אומבאַקאַנטן האָט אים אַזוי

זיס דורכגעשטראָמט, |...| דורכגעוואָרעמט זײַן נשמה". 3528

איבן פֿרומקין, 1, 27.

1148 דור־

דורכשטרייכן – טרוו, פאר דורכגעשטראכן.

1. דורכפירן א שטריך/שטריכן איבער א געשריבענער/ געדרוקטער זאך. % דורכשטרייכן דעם גריייזיק געשריבענעם טעקסט. ער האט דורכגעשטראכן דעם אומגילטיקן טשעק.

2. (פיג) אנולירן, צו נישט מאכן. % די מלחמה האט דורכגעשטראכן זיינע האפענונגען צו קענען זיך לערנען,

1864 " |...| איר אבער האט דורך דער מסירה |...| דורכגעשטראכן די גאנצע רעכענונג |...|". 3530

פער 177, נ' 20, ז' 316.

1926 " די פעטערס וועלן זיך קראצן ביי די פאדעשוועס, ווייל איך האב זייער פלאן אזוי מיאוס דורכגעשטראכן 3533

|טעקסט, דורכגעשטריכן|". סערעני, 37,1.

1149 דור־

1972 " דער פלוצעמדיקער טויט פון ארטור שיקס האט

דורכגעשטראכן די דאזיקע פלענער". ש. ל. שניידערמאן, 3531

פער 155, 5/III.

1150 -דור

ד ו ר כ ש ט ר ײַ פֿ ן - טרוו (ס'רוב אין פּאסיוו)

1. דורכציִען, דורכפֿירן א שטרײַף/שטרײַפֿן (א פּאַס/פּאַסן).

1935 " |...| דורכגעשטרײַפֿט מיט בליציקע קרישטאָלן//

3535 צאַפּלט דער אירטיש אין האַלבער וואָר". סוצקעווער, 9,3.

1971 " אין פֿאַרנאַכט איז ער אַרויס פֿון הויף אין א

777 טונקל גראָען אַנצוג דורכגעשטרײַפֿט מיט א ווײַס

שנירעלע". גראַדע, פּער 10/XII,69.

2. (פֿיג, דטשמ?) דורכגײן, דורכוואַנדערן.

1952 " די גרויסע כוואַליע רעעמיגראַנטן פֿון ראַטן=

3537 פֿאַרבאַנד האָט נאָר דורכגעשטרײַפֿט פּוילן און נאָך א קורצן

אָפּרו געגאַנגען ווײַטער". ו. בלומענטאַל, יזב 12, 598.

1151 דור־

ד ו ר כ ש ט ר ע ק ן - טרוו. (אויס)שטרעקן דורך עפּעס.

% דורכשטרעקן די האַנט דורך דעם פֿענצטער.

ד ו ר כ ש י ט ן  – טרוו. 1. פאר דורכגעשאטן/דורכגעשיט.
שיטנדיק דורכמישן מיט עפעס. % דורכשיטן די אוגערקעס
מיט זאלץ און קראפ.

1919 " אויבן שווימען שטיקלעך וואלקנס,// דורכגעשאטענע
מיט שטערן". סעגאלאוויטש, 3, 63. 3539

2. שיטן דורך עפעס. % דורכשיטן דאס מעל דורך א זיפ.

|| דורכשיטן זיך – ווערן דורכגעשאטן.
% א סך קארטאפל האבן זיך דורכגעשאטן דורך דעם
לעבערדיקן זאק.

1153 דור־

דורכשייטערן - טרוו. (שנש) דורכברענען ווי

אין א שייטער.

1945 " ס'האט דעם מענטשנס בייזקייט ס'לייב דיינס

דורכגעשייטערט". א. אויערבאך, 3. 3542

ד ו ר כ ש יי ן - דער, =ען. |סטוטש 289,194|.

אקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשײַנען.

1928 " א מאַמע אין טשיקאַגאָ, א מאַמע אַרום טאָרון האָבן

3543 טיף, ווי א האָפֿענונג, געקאַנט פֿאַרגעדענקען א דורכשײַן".

קושניראָוו, 3, 11.

..................................................

| רעד: דער זין פֿון "דורכשיין" אין דער ציטאַטע איז מיר ניט קלאָר. |

..................................................

1155 דור-

ד ו ר כ ש ײַ נ ע ו ו ד י ק - אַדי/אַדוו. 1. וואָס לאָזט

דורך שײַן; דורכזיכטיק |סטוטש 291|.

2. וואָס קאָן דורכשײַנען.

............................................

רעד: דער צווייטער טײַטש איז נענטער צום ייִדישן

באַניץ, אַנאַלאָגיש צו: בייגעוודיק=קאָן זיך בייגן;

רירעוודיק=קאָן זיך רירן.

............................................

1156 דור־

דורכשייַנען – אומוו. 1. שייַנען דורך עפּעס.

% די לבנה האָט דורכגעשייַנט דורך די שיטערע וואָלקנס.

דורך דעם נעפּל שייַנען דורך פּייערלעך פֿון די פֿענצטער.

1868 " ...| די זון האָט דורך אים |דעם וואָלקן|

3548 דורכגעשייַנט ווי אַ הייס אָנגעברענטער קוגל|=קייַלעך|".

דיק, 38.

1972 " בלויז דורך צי פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער פֿון דעם

3550 פּאַפּיראָסניקעס אונטערשטער דירה האָט דורכגעשייַנט

א געלבלעך ליכט". גראַדע, פֿער 5/XI,155.

2. (פֿיג) אַרויסווייַזן זיך, קלאָר, בולט.

1929 " פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור שייַנט אַדורך

3549 דער ווונטש צו מאַכן קלענער די וואַנט, וואָס שטייט

צווישן די געלערנטע און דעם פֿאָלק". בעל=מחשבות, 19,1.

ם **דורך שיינן.**

.1 <-----

1743 " |...| אונ׳ זאלן פיר האנג מאכן פר דיא פענשטרס

דש דיא ליכטר ניט זאל דער **דורכ שיינן**". שמואל, שערית 3552

ר׳ קהן.

ד ו ר כ ש יַ י ע ר ן - טרוו. דורכרייניקן דורך שײַערן.

% מע דאַרף דורכשײַערן די כלים אויף פּסח.

|| דורכשײַערן זיך - אוטוו. דורכקריכן, דורכשאַרן זיך.

1917 " שײַער זיך אַדורך דורך דראָט=פֿאַרצוימונגען".

ליווויק, 9, 208. 3554

........................................................

רעד: איך האָב אַזאַ טײַטש ניט געהערט. כ'גיב עס

לויטן קאָנטעקסט. און אפשר איז דאָס א טעות הדפוס

(אָדער פֿון אויסשרײַבער) און ס'דאַרף טאַקע זײַן

"דורכשאַרן זיך".

........................................................

ד ו ר כ ש י מ ל ע ן - טרוו (ס׳רוב איך פאסיוו).

גורם זיין דאס שימלען אויף דורך און דורך, אין גאנצן, פולשטענדיק.

1947 "שויטע וועלדער, ווי א מחנה בלינדע, טאפן אינעם אוויר,// פארוואקסן מיט לישאיעס, דורכגעשימלט, שווארץ פון זשאווער". גראדע, 3, 138. 3556

ד ו ר כ ש י מ ע ר ן – **אוטוו.** גיך דורכגייך מיט א שימער (מיט א ביטעוודיקער שייַן).

1912 " |...| שויך האָבן געגומען **דורכשימערן** דורך זיי די איינצלנע געשטאַלטן פֿון דער ערד". 3558

זשיטלאָווסקי, 1, 73.

1936 " זיי זייַנען שטענדיק דורכגעפֿאָרן אַזוי גיך, אַז קוים וואָס מע האָט געקענט כאַפּן אַ קוק אין זייערע פֿענצטער. עס פֿלעגן בלויז **דורכשימערן** דעם פּריצס לאַנגע וואָנצעס און דער פּריצטעס גלאַנציקע אויגן".

איבז ד. מארשאַק, 1, 193.

1161 דור־

דורכשיסן – טרוו (ס׳רוב אין פאסיוו).

שיסנדיק דורכקלאַפּן, דורכלעכערן אויף דורך און דורך. % די קויל האָט דורכגעשאָסן די האַנט.

1905 " דאָס מיליטער האָט אָנגעהויבן שיסן |דעם 9טן יאַנואַר|. |...| אַלע האָבן זיך געלייגט, אויסער די וואָס האָבן געטראָגן די הייליקע בילדער. זיי זיינען געשטאַנען ביז וואַנען זיי זיינען געפאַלן דערשאָסענע. מען האָט אויך דורכגעשאָסן די בילדער, די צלמים, די איקאָנעס". אנ, דער רויטער זונטאָג. 3561

1956 " |...| און נעמי גיט זיך, א דורכגעשאָסענע, אַ צי,// די וואַלט פון דאַנען זי אַ רוף געגעבן: ״מאַמע!״". מארקיש, 10, 268. 767

|| דורכשיסן זיך - קזוו. 1. שיסן אַ ביסל איינער קעגן דעם אַנדערן. % מע האָט זיך אַזוי דורכגעשאָסן אַ קורצע ווײַלע פֿון בײדע זײַטן פֿון דער פֿראָנט=ליניע.

2. (פֿיג, איר) אויסטוישן זיך מיט שאַרפֿע ווערטער. % מע האָט זיך דורכגעשאָסן מיט שטעכווערטלעך.

1951 " |...| און אַזוי, זיך דורכשיסנדיק אַ גאַנצן אָוונט מיט די דאָזיקע פֿלירטקאַרטן, זײַנען יונגע מענטשן אָפּט נאָענטער געוואָרן איינער מיט די אַנדערע". 3563

ה. שטײַן, רעד 106, 1529.

1163 דור-

דורכשיפן זיך - אוטוו. 1. דורכפארן זיך אויף א שיפל. % בחורים און מיידלעך פלעגן זיך ד דורכשיפן איבערן טייך פון שטעטל.

2. דורכשווימען (וועגן א שיף).

18... |...| און אזוי האט זיך דאס שיפל דורכגעשיפט

3565 צווישן די שטיקער אייז". אנ, ס' שיבחי רמ"ל, ז' 10.

ד ו ר כ ש ל אַ ג - דער, =ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשלאָגן.

2. פֿפֿ דורכשלאַק. מכשיר דורכצושלאָגן אַן עפֿענונג אין מעטאַל. |ליפשיץ 1, סטוטש 205|.

3. דזוו דורכשלאַק.

ד ו ר כ ש ל אַ ג ן – 1. מיט אַ קלאַפּ/קלעפּ דורכברעכן, דורכלעכערן עפּעס, מאַכן אַן עפענונג, אַ דורכגאַנג; דורכקלאַפּן, דורכזעצן. % דורכשלאָגן אַ פענצטער אין דער וואַנט. דורכשלאָגן אַ לאָך אין אייז.

1887 " פֿאַרטרעטן אויף די ווענט האָט מען פֿאַרניכטעט, דורכגעשלאָגן מיט טשוועקעס". זאַבילזענסקי, 1, טייל IV, ז' 11. 3581

1931 " ער האָט ניט באַוויזן עס אַרויסריידן, ווי אַ צווייטע קויל האָט אים דורכגעשלאָגן דעם קאַרק." פּאַ 164, 64. 3589

2. מיט כוח דורכפֿירן, דורכזעצן עפּעס דורך אַ צווייטער זאַך. % מיט איין קלאַפּ האָט דער סטאָליער דורכגעשלאָגן דעם טשוואָק דורך דעם ברעט.

1864 " ווען איין (נקב) לאך אין איין פאס איז מיט איין

3608 שפונט פארמאכט און פון אויבן אפגעשניטן |...| איז אסור

די שפונט דורכשלאגן אום שבת". ברודא, 1,דף מט.

3. דורכמישן דורך קלאפן, שטויסן;אויסשלאגן. % דורכשלאגן. א

אויך פון אייער פארן קיכן.

1909 " זאל מען נעמען דאס ווייסל פון אן איי און

3579 גוט דורכשלאגן |...|". שפערלינג, 2,דף נ"ט.

4. (אין געמיטלעכן טאן) שלאגן, געבן קלעפ א ביסל.

1936 " די מאמע שלאגט דיר איבער? געפעלט דיר נישט?

3588 שטייט דיר ניט אן? נו, איז ניט איבערגעשלאגן! אבער

דורכשלאגן מעג א מאמע? אט אזוי א דורכשלאגן מיט די

הערנערלעך מעג איך?". שטיינבארג, 3, 57.

5. ארויסבאקומען; ארויסשלאגן.

1865 " דעם קינדס וויינענד|יק|ע שטימע האט דאך
3580 דורכגעשלאגן פון אירע אויגן טרערן". ג. ראוויטש, 15,1.

6. אויטאוו. ארויסקומען, דורכזאפן זיך. % דורך דעם
פענצטערל שלאגט דורך א ביסל שיין.

7. (פיג) באזייטיקן, ביייקומען א שטערונג, א מניעה,
מאכן זיך א וועג. % דורכשלאגן א וועג אין לעבן.

1884 " גיב, ברודער, אן עצה, ווי אזוי שלאגט מען דורך
3578 דעם אייזערנעם מויער, וואס זיי האבן מיט זייער נארישן
ארום זיך געמאכט". ש. בערנשטיין, 4,1.

1932 "|...| פארפלאנטערט זיך אין דער אקופירטער שטאט
3576 און אפילו דורכגעשלאגן א קליין שפעלטעלע דורך א
שטרענגער מיליטערישער צענזור". קושניראוו, פער 99,61.

||דורכשלאגן זיך - אוטוו. 1. דורכגיין בײַקומענדיק שטערונגען, מניעות; דורשטופּן זיך. % מיט שוועריקייטן זיך דורכשלאגן דורכן געדיכטן וואַלד.

1877 " עס וואַר |=ס'איז געווען| זיך ניט דורכצושלאגן אויף דעם גאַנצן וועג דורך די פּיל וועגן |...| מיט גערא‍ַניעטע, מיט אַמוניציע, קאַנאַנען |...|". 3588/1

דיק, 84א.

פון צייט 1171

1929 " האט איר ווען ס'איז באַמערקט בײַ זיך אויף די מלבושים אַנגעטשעפּעטע פּרוכטן, נאָך דעם ווי איר האט זיך דורכגעשלאגן צווישן געדיכט הויך גראַז?". 3594/1

בורטיאַנסקי, 1.

1957 " |...| זענען דורכגעגאַנגען צוויי יידן, וועלכע האבן זיך דורכגעשלאגן דורכן גרויסן עולם |...|". 3605

איבז אַנ, ליקוטי דיבורים, ז' 84.

1169 דור־

דורכלאזן

2. ארויסקומען, ~~דורכצופאקן~~ זיך, ארויסבאקומען זיך.
% דורך די פארמאכטע טירן האבן זיך דורכגעשלאגן
מענטשלעכע שטימען.

1870 " די ערשטע שטראלן פון דער זון האבן זיך דורכגעשלאגן
דורך די שפארונעס פון די לאדן". י. גאלדענפאדען, 3597
פער 177, נ' 31, ז' 230.

1914 " די זון האט זיך דורכגעשלאגן צווישן די טונקל
בלויע פארהאנגען פון פענצטער". מ. ריבקין, 1, 186. 3599

1930 " ביים עלטערן ברודער האבן שוין געגומען גרויע האר
זיך דורכשלאגן |...|". י. ראבין, 1, 70. 3599/1

1947 " דורכשלאגנדיק זיך צווישן די בעריאזע=ביימער
שיינט אריין די זון". דאבין, 1, 132. 3610

3. (פֿיג) דורכקומען, דורכלעבן, דורכגיין דורך צרות, שווערוקייטן. % זיי איז שווער <u>דורכצושלאָגן זיך</u> מיט אַזאַ קליינעם פֿאַרדינסט.

1898 "|...| אומגעקערט, דורך שוויַיגן קענען מיר <u>זיך</u> דאַ, אויף דער ערד, גאַנץ גוט <u>דורכלשלאָגן</u>". 3598
<u>אויזערקיס, 1א, 57.</u>

1923 "די קינדער זיַינען אין פֿאַבריק געגאַנגען, <u>האָט</u> מען <u>זיך</u> ווי ס'איז <u>דורכגעשלאָגן</u>". <u>הירשביין, 2, 121.</u> 3586

1935 "וואָס וועל איך דאָ טאָן? בליַיבן זיצן אין פֿאַליש פֿון טהרת=הקודש? אָבער ווי נעמט מען אויף <u>דורכשלאָגן זיך</u> די ערשטע ציַיט?". <u>א. קאַהאַן, 4, 98.</u> 3590

4. (פיג) דערגרייכן (צו)עפּעס, קומען צו אַ געוויסן מעמד,
פּאָזיציע. % דורכשלאָגן זיך צו אַ העכערן פּאָסטן.

190.. " זיי האָבן זיך מיט |...| אייגענע כוחות דורכגעשלאָגן
3584 |...| און גענומען איבערשטייגן |...| איינס דאָס
אַנדערע הן אין עשירות הן אין צדקה". שלום-עליכם,5,ג,117.

7 דורכשלאָגן זיך אַ וועג - 1. ~~דורכגיין מיט כוח אדער~~
~~מיט אָנשטרענג, בייקומען מניעות, שטערונגען.~~ 1168

|1926-1931| " האָט ער מיט דער בלויזער שווערד ~~איך~~ זיך גענומען
3606 דורכשלאָגן אַ וועג". אַפּאַטאַשו, 10, 149.

2 דערגרייכן אַ חשובן מעמד, קריגן הצלחה אין אַ געוויסן
פעלד פון אַרבעט, מאַכן אַ קאַריערע.

1172. -ד

1888 " מיין פליכט איז צו ארבעטן, דורכשלאגן פאר זיך

3582 א לעבנסוועג". לעוויץ, 1, 74.

דורכשלאגן זיך מיט דער פרנסה - האבן פרנסה, פארדינען.

1970 " אין אטוואצק האט מען געקענט זיך לייכטער דורכשלאגן

3607 מיט דער פרנסה |...|". באגדאן, יזב 7, 362.

דורכשלאגן א געשעפט - דורכפירן, אויספירן א געשעפט ביז

צו געראטענעם סוף.

1913 " |...| ניט שוין זשע איז דאס דערפאר, וואס ער האט

3592/1 דורכגעשלאגן אזא געשעפט, געמאכט א אימעניע?".

שלום=עליכם, דערצ' איבער א היטל (ב' פון כתרילעווקע !!)ז'

1172/1 ד-

ם **דרך שלאגן.**

----> 1.

1743 " דען דא זיא אים האבן דורך גשלאגן דיא אייזרי

הוט דיא ער אויף זיין קאפף האט". יוסיפון, 4, דף פח. 3577

|| **דורך שלאגן זיך.**

----> 1.

1716 " אונ׳ זיא שפאלטיטן כלומר זיא האבין זיך דורך

גישלאגין דיא דרייא שטארקין דורך דיא שאר פון דען 3596

פלשתים |...|". ס׳ המגיד, 3, דף פ.

ד ו ר כ ש ל א פ ן - אוטוו. 1. שלאפן במשך פון א געוויסער
צייט. % דורכשלאפן די גאנצע נאכט אין פעלד.
% ער איז דורכגעשלאפן עטלעכע שעה אין עראפלאן.

... " צי ווילסטו איינגעמען דעם טראנק// און דורכשלאפן
די גרויסע קריג,// און אויפשטיין, ווען די נייע 3611/1
וועלט// געניסן וועט די פרוכט פון זיג?".
יהואש, ליד "דער קאמף=מענטש".

1943 " יענע נאכט איז דער הויכער באאמטער רויק
דורכגעשלאפן". אש, 15, 89. 3611

|| דורכשלאפן זיך - אוטוו. 1. שלאפן א ביסל.
% איך דארף זיך דורכשלאפן א שעה=צוויי, וועל איך
ווייטער קענען ארבעטן.

1174 דור־

מיט דער פרעפ׳ ״מיט״

2. (אײַפּעם) האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען.

% דורכשלאָפֿן זיך מיט עמעצן.

1175 -דור

ד ו ר כ ש ל אַ ק |ווייכער ל| - דער, =ן/=עס, אויך (זן)

דורכשלעק, פּפּ דורכשלאָג/דורשלאַק.

1. קיכגעשיר, אַזאַ שיסל מיט לעכעלעך אין דנאָ, דינט אויף אָפּצוזײַען לאָקשן און אַנדערע שפּײַזן.

% דורכזײַען די פֿאַרפֿל אין דורכשלאַק.

2. (לאָקל, פּאָלענגע, ליטע) אַ שטיקל לײַוונט אויף דורכצוזײַען 3567

|מ. מאַרק, פּער 90, נ״א - 1|.

1896 " |...| נעכטן שיער אָפּגעקאָכט אַ קינד מיט זודיק וואַסער פֿון אַ דורכשלאַג". שלום=עליכם, 7ג, 59. 3573

1930 " נאָך דעם |...| רײַבט מען דאָס גריננוואַרג דורך אַ דורכשלאַק און מען מישט אויס מיט דער זופּ". שאַפּראַן, 1,8. 3616

1176 דור־

0 דורכשלאַק=לעפּל – דער, מצ דז. לעפּל מיט לעכעלעך,

דינט אויף אָפּצוזײַען.

1959 " |...| מע נעמט אַרויס די קרעפּלעך פֿון קאַכעדיקן

3575 וואַסער זײַער פּאַרזיכטיק מיט אַ דורכשלאַג=לעפּל |...|".

א. ברעזוואַרסקי, פּער 155, 11/X.

1177 

ד ו ר כ ש ל י ט ל ע ן - טרוו. דורכפירן עמעצן אויף א שליטן/שליטל. % דער טאטע שליטלט דורך דאס קינד פון בערגל אראפ.

|| דורכשליטלען זיך - דורכפארן זיך אויף א שליטן/שליטל. % ווינטער פלעגן מיר אפט דורכשליטלען זיך איבער דער שטאט.

1178 דור-

ד ו ר כ ש ל יַ י ד ע ר ן - טרוו. שלייַדערן דורך עפּעס.

% דורכשלייַדערן די שטיינער דורכן פּאַרקן. מע קאָן שוין

דורכשלייַדערן ראַקעטעס דורכן אָקעאַן.

דורכשלייכן (זיך) - **אוטוו.** דורכגיין שטיל, אומבאמערקט, דורך עפעס, פארביי עפעס.

1910 "**דורכשלייכן וועל** איך **מיך** שטיל דורכן גארטן,// גנבענדיק אפרייסן עטלעכע בלומען". **איינהארן, 1, 41.** 3629/1

1926 "איבערן לבנה=וועגל האט **זיך דורכגעשלייכט** א געשטאלט, זיך פארקוקט אין פענצטער". **אפאטאשו, 5, 219.** 3633

1956 "פארביי דער געטא, ביי דער וואנט, **האט** א געשפענסט **אדורכגעשלייכט** באגינען". **מארקיש, 10, 294.** 3633/1

1972 "|...| געקראכן דורך לעכער אזעלכע שמאלע, אז ער האט אליין נישט באנומען, ווי אזוי ער קאן דורך זיי **דורכשלייכן**". **באשעוויס, פער 155, XII/9.** 3628

1180 דור־

ד ו ר כ ש ל יי פֿ ן  –  טרוו, געניצט ס'רוב אין פּאַסיוו.

פֿאַרבינדן, באַהעפֿטן אין/מיט אַ שלייף.

|1926–1931| " דער טײַך |...| האָט זיך געצונדן אונטער

3629 דער זון, זיך געוויגט, שעמערירט, ווי צעשמאָלצן זילבער,

דורכגעשלייפֿט מיט בליצן". אפּאַטאָשו, 12, 157.

1181 דור־

ד ו ר כ ש ל ײ פ ן – טרון, פֿאַר דורכגעשליפֿן/דורכגעלײפֿט.

% דורכשלײפֿן דאָס מעסער. דער דימענט איז גוט דורכגעשליפֿן.

1919 "...| װוּ אַ װעג אַ העלער פֿירט,// איז יעדער צװײַג מיט װינט שוין דורכגעשליפֿן". 783

האָפּשטײן, 1, 15.

1182 -דור

(?נ?) דורך שליפּפּן - אוטוו. דורכגליטשן זיך, דורכגיין אומבאמערקט.

1544 "דוד ווש ביהענד אונ' שלופּפּט אים דורך דיא

3637 ביין.// ער אונ' אבישי גינגן ווידר אלייך".

שמואל=בוך, סטר' 675.

רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש.

1183 דור-

ד ו ר כ של ע נ ג ל ע ן ( ז י ך ) - אוטוו.

דורכגיין אין א געדרייטער ליניע (ווי א שלאנג).

% דורכן טאל שלענגלט זיך דורך א שמאל טייכל.

1909 " ענדלעך האט זיך די באן דורכגעשלענגלט פארביי

3639 דעם פלאבאן". ווייסענבערג, פער 185 א,ז׳8.

1972 " ער האט ארויסגעהויבן די דראמאטישסטע |...|

3639/1 קאפיטלען, וואס שלענגלען דורך די מארטירער=געשיכטע

פון אונדזער געפלאגט פאלק". י. פאנגער, פער 155,IV/4.

דורכשלעפן - טרוו. 1. דורכטראגן/דורכפירן מיט
אנשטרענג א שווערע אדער פארנעמיקע זאך.

% דורכשלעפן דעם זאק קארטאפל דורך דער טיר. דער בוקסיר
האט דורכגעשלעפט די בארזשע מיט האלץ.

2. (פיג, שש) דורכפירן מיט אומארנטלעכע מיטלען דאס אננעמען
עמעצן אויף אן ארבעט אין א ~~לערן=~~אינסטיטוציע.

% מיט פראטעקציע האט מען אים דורכגעשלעפט אויף דעם
פאסטן.

3. (פיג) דורכקומען, דורכהאלטן, דורכלעבן.

1923 " ווייניק שוסטערס האבן זיך געקענט דערווארטן
אויף דעם גליק זיי זאלן ארויספירן זייערע סחורות
אויף די מערק. די מערסטע פון זיי האבן ניט געקענט
דורכשלעפן דעם זומער און אויסהאלטן די שטיוול |...|". אש, 83,9

דורכשמוגלען - טרוו. 1. דורכטראָגן/דורכפירן עפּעס/עמעצן, וואָס איז ניט דערלויבט. % דורכשמוגלען סחורה דורך דער גרענעץ. דורכשמוגלען אומלעגאַלע עמיגראַנטן.

1926 " א סימן, אז זיי וועלן דאָס יאָר האָבן

3649 אַ גוט יאָר, קוים איז זיי געלונגען איצט דורכצושמוגלען לייכט!". בערגמאַן, 1, 71.

1968 " מיר האָבן זיך גלײַך דערוווּסט, אַז כמעט אלע

3646 פויערים פון דאָרף פאַרנעמען זיך דאַ מיט דורכשמוגלען ייִדן איבער דער גרענעץ". מ. קאַלקאָוויטש, יזב 927,2.

2. (פּיג) אין רייד אָדער שריפט אַרײַנברענגען געוויסע אידעען, אַרגומענטן, טעמעס אויף אַ פאַרשטעלטן, אומדירעקטן אופן. % אין דער דערציילונג האָט דער מחבר דורכגעשמוגלט געוויסע ידיעות וועגן די קאָנצענטראַציע=לאַגערן.

1186 דור־

1948|?| " |...| האבן די אוטאַרס פֿאַרקריפּלט |...|
3647 די געשיכטע פֿון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור |...|.
ס'ווערט דאָרט דורכגעשמוגלט די טעאָריע וועגן דער
קלאַסנלאָגיקייט פֿונעם אוקראַיִנישן פֿאָלק אין דער
פֿאַרגאַנגענהייט". כ. לויצקער, פֿער 188א.

|| דורכשמוגלען זיך - רעפֿל צו דורכשמוגלען, ב'1.

1973 " נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון די אַכצן און די אַזוי
שוואַכע אויסזיכטן דורכצורייסן זיך אין וואַלד,
זיינען מערערע באַמיִונגען געמאַכט געוואָרן |...|
צו דורכשמוגלען זיך אין געטאָ ווילנע". פֿער 708,139.

1187 דור־

(?נ?) ד ו ר כ ש מ ו ע ס - דער, =ן. |סטוטש 373|.

אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשמועסן (זיך); שמועס.

ד ו ר כ ש מ ו ע ס ן - טרוו. רעדנדיק דורכפירן אן אויסטויש
פון מיינונגען. % דורכשמועסן אן ענין. דיין בקשה
וועל איך דורכשמועסן מיטן דירעקטאר.

1968 "...| פאר מיר איז קלאר געווען, אז איך דארף
3653 עפעס טאן און איך האב דורכגעשמועסט מיט דער וואך".
י. בלאמבערג, יזב 2, 1020.

|| דורכשמועסן זיך - קיוו. 1. דזוו דפוו.
190... " איך וואלט וועלן, איר זאלט א מאל |...| מיט איר
זיך דורכשמועסן, א ביסל טיפער אריינרעדן זיך |...|".
שלום-עליכם, באנד "פון פסח ביז פסח".

1932 " זי האט געפילט, אז זי דארף מיט עמעצן איבעררייידן
3654 וועגן דעם, דורכשמועסן זיך". זינגער, 5א, 79.

1189 דור-

2. שמועסן א ביסל, שמועסן משך פון א געווויסער צייט.

1948 " אדורכגעשמועסט איינער מיטן אנדערן האט זיך
די וואך, פאררייכערט איינס ביים צווייטן א ציגייער". 3655
מארקיש, 9, 19.

3. (פיג) אזוי ווי פירן א שמועס, ווי אפענטפערן איינער
דעם אנדערן (וועגן קולות, קלאנגען). % די פייגל
שמועסן זיך דורך מיט א צווישעריי.

1929 " איינציקע אפגעריסענע שאסן האבן זיך דערווייל
דורכגעשמועסט פון איין עק שטעטל ביזן אנדערן און 3657
האבן זיך וועגן עפעס צו וויסן געגעבן". מארקיש,4,36.

1190 -דור

דורשמידן - טרוו. 1. באארבעטן דורך שמידן.

% דורכשמידן גוט דאס אייזן, ס'זאל ווערן הארט.

2. שמידן במשך פון א געוויסער צייט. % דער קאוואל

האט דורכגעשמידט א גאנצן טאג.

1191 דור־

ד ו ר כ ש מ יי כ ל ע ן ז י ך - קזוו. שמייכלען איינער צום אַנדערן.

1922 " אין מאַרק זענען געשטאַנען ייִדן, געקוקט |...| ווי זיי שמײַסן געשמאַק אַוועק מיטן וועג, |...| און זיך דורכגעשמייכלט: זיי וועלן אַרײַנשמײַסן אין שבת, די שנײַדערס". בערגעלסאָן, 2א, 208. 3657/1

1192 דור-

דורכשמייסן – טרוו, פאר דורכגעשמיסן.

דזוו אפשמייסן, ב' 1.

1896 " ער האט זיך אפילו געוואלט נעמען צו דער מעשה

3660 |...| און מיך א ביסל דורכשמייסן |...|".

גאטלאבער, 3, 13.

1193 דור-

ד ו ר כ ש מ י ר ן - טרוו. דורכזאפן מיט שמירעכץ, (אַנ)שמירן אומעטום, פֿולשטענדיק. % דורכשמירן די אַקסן פֿון די רעדער. די מלבושים זיינען דורכגעשמירט מיט מאַשינאייל.

1194 דור־

ד ו ר כ ש מ ע ט ע ר ן - טרוו. שמעטערן דורך עפּעס.

% דורכשמעטערן די שטיינער דורכן טײַך. דורכשמעטערן

די ראַקעטע דורכן ים.

1195 דור־

ד ו ר כ ש מ ע ל צ ן  -  טרוו, פאר דורכגעשמאלצן.

1. שמעלצן מעטאל פולשטענדיק, אויף דורך און דורך.

% מ'האט דעם חודש דורכגעשמאלצן הונדערט טאן אייזנארץ.

2. צעלאזן אין גאנצן, פולשטענדיק. % דורכשמעלצן דאס אייז.

...194 "א זונפלעק |...| האט געלעקט די שנייען אויפן שייבל//און ניט געקענט אדורכשמעלצן אין גאנצן". סוצקעווער, 3, 326.  3663

3. (ס'רוב געניצט אין פאסיוו) דורכזאפן מיט א פעטס. דער מעכאניקער האט שוין דורכגעשמאלצן אלע זיינע בגדים מיט אייל.

1196 דור-

1910 " |...| דער אַלטער בית=המדרש מיט די אָפּגעריבענע

784 עטרות און דורכגעשמאַלצענע יאַרמעלקעס".

פּראָג, 3, 176.

ד ו́ ר כ ש מ ע ק ן - <u>אוטוו</u>. 1. איבערגעבן <u>א</u> ריח דורך
עפּעס. % דורכן אַפּענעם פענצטער <u>האבן דורכגעשמעקט</u>
די רויזן.

2. שמעקן (מיט דער נאָז) אומעטום. % דער פּאליציי=הונט
<u>האט דורכגעשמעקט</u> דאָס גאנצע הויז.

3. אויפהערן שמעקן (אַרויסגעבן א ריח). % דער צוויט
פון די עפּלביימער האט שוין <u>דורכגעשמעקט</u> און אַראָפּגעפאלן.

1198 דור-

ד ו ר כ ש נ א פ ן - טרוו. דזוו דורכשמעקן, ב' 2,

|מארק ווב 982|.

ד ו ר כ ש נ י ט  –  דער, =ן. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דורכשנײַדן. % דער דורכשניט פֿון דער קלאָץ איז אַרויס קרום.

2. (געאָמ) די פֿלאַך/אײַבערפֿלאַך, איבער/לויט װעלכער עפּעס איז דורכגעשניטן [פֿינקעל, 1, 59]; קװערשניט. % דורכפֿירן אַ דורכשניט פֿון אַ קוב אין דיאַגאָנאַל. אָנצייכענען דעם דורכשניט פֿון אַ הויז.

3. (עלט) דיאַמעטער.

1865 " מיר שטעלן זיך פֿאָר |...| אַז די הויפּט=אָנציִונגס= קראַפֿט |צוציקראַפֿט פֿון דער ערד| ליגט אין איר אינעװײניקסטן, מיטלסטן פּינטעלע, און יעדער קערפּער |...| איז גלײַך װײַט פֿון דעם מיטלפּונקט פֿון דער אָנציִונג=קראַפֿט, װאָס איז גלײַך װי דער דורכשניט 3682 פֿון דער ערד". אַרז, פּער 177, נ' 28, ז' 437.

4. (מאט) רעזולטאט פון טיילן די סומע פון עטלעכע צאלן אויף זייער סכום. % דער דורכשניט פון די צאלן 4 און 8 איז 6. [(4+8):2=6] אריטמעטישער דורכשניט. געאמעטרישער דורכשניט. געזעץ פון דורכשניט.

ער האט פארדינט אין ערשטן חודש 500 דאלאר, דעם צווייטן - 600 און דעם דריטן 700, דער דורכשניט= פארדינסט איז 600 דאלאר [(500+600+700):3=600].

1923 " אזוי ווי אונדזערע פעלערן זיינען גלייך
3670 מעגלעך איןביידע ריכטונגען, סיי פון פארגרעסערונג סיי פון פארקלענערונג, קאנען מיר אננעמען, אז דער אריטמעטישער דורכשניט פון אלע באקומענע רעזולטאטן איז נאענט צו דער אמתער גרייס". איבן מ.שולמאן.

1951 " מיר נעמען אן, אז אין די 5 יאר איז די
3676 אויסוואנדערונג פון די יידן געוועזן ניט העכער פונעם דורכשניט פון די שפעטערדיקע יארן". י. לעשטשינסקי, פער 106, 829.

1974 " זי האט שוין געהאט געטראפן קארטן א סך בעסער

3669 ווי לויטן געזעץ פון דורכשניט". באשעוויס, פער155, 11/X.

5. מיטלמאס, מיטלדיקייט, צווישנדיקייט (אין אייגנשאפט,
ווערט, דערגרייכונגען אד"גל). % די פעיקייטן פון
די תלמידים אין קלאס שטייגן ניט איבער דעם דורכשניט –
ניטא קיין צו שלעכטע און קיין גאר פעיקע. די אויסשטאטונג
פון דעם אויטאמאביל איז אונטערן דורכשניט, קאסט
ער טאקע ביליקער.

1951 " בעל=מחשבות |...| האט געשריבן |...| וועגן

3704 דער אומבאוועגלעכקייט און אפאטיע פון דעם דורכשניטמענטשן"

ש. אלישוב, פער 106, 1317.

1970 " דאס, וואס ער האט אויך געהאט א לעבעדיקן אינטערעס

3686 פאר טעאריע, האט אים ארויסגעהויבן איבערן דורכשניט

פון סתם=פאליטיקער". יזב 15, 583.

0 <u>אין דורכשניט</u> – <u>אדוו פר.</u> 1. נעמענדיק ווי
א נארמע דעם דורכשניטצאל (<u>ב' 4</u>). % אין די לעצטע
יארן האט מען אין <u>דורכשניט</u> געבויט צען טויזנט דירות א
יאר. <u>אין דורכשניט</u> פארדינט ער 500 שקל א חודש.

1916 " <u>אין דורכשניט</u>, ארום און ארום |...| קאנען מיר
אויסשלאגן א טאלער א וואך". <u>שלום=עליכם, ב8, 184</u>. 3681

1951 " עס קומט אויס, אז אין <u>דורכשניט</u> האט דער וועד
זיך פארזאמלט, אין דעם משך צייט, אלע צוויי יאר". 3675
<u>ש. ווישניצער, פער 106, 188</u>.

1970 " פאר דער אימפונג האט דאס |?| שפיטאל גענומען
אן אפצאל, וואס האט <u>אין דורכשניט</u> באטראפן א זלאטי 3685
פון יעדן נפש". <u>יזב 15, 768</u>.

2. געוויינטלעך, נארמאל, אין אלגעמיין. % די סחורה
איז <u>אין דורכשניט</u> א גוטע.

1203 דור־

1917 " דער יִדישער אויסגעלערנטער קאַפּ=ארבעטער אין

אין דורכשניט פּיל פּלינקער און רירעוודיקער ווי דער 3673

ניט=יִדישער". זשיטלאָווסקי, 5, 54.

ד ו ר כ ש נ י ט ל ע ך – אדי/אדוו. 1. וואָס איז א
דורכשניט, ב׳ 4. % דער עראָפּלאַן פליט מיט א דורכשניטלעכער
גיכקייט פון 500 קמ א שעה. די דורכשניטלעכע
טעמפּעראַטור אין דעם חודש איז געווען 20 גראַד.
די אַרבעטער פאַרדינען דורכשניטלעך 500 שקל א חודש.

1896 " |...| איז דאָך א קשיה, פאַר וואָס נעמען די
3690 אַרבעטער אין פעטערבורג דורכשניטלעך 8 רובל א וואָך |...|".
אַנ, די שכירות, ז׳ 7.

1912 " ער רעכנט אויס, וויפל כאַבאַר צאָלט איינער דורכשניטלעך
3702 אין רוסלאַנד און וויפל אין אַמעריקע". זשיטלאָווסקי, 2, 221.

1922 " |...| ווערט אַלס גרונט פון אַפּצאַל גענומען
3688 דער דורכשניטלעכער קורס |פון די וואלאטעס| אויף
דער וואַרשעווער בערזע". ב. האַלפּערן, 1, 73.

1951 " דער דורכשניטלעכער טיראַזש פֿון דיקס אַ מעשה
איז געווען צווישן 3000 און 4000 עקזעמפּלאַרן". 3701
י. שאַצקי, פּער 106, 753.

2. געוויינטלעך, נאָרמאַל, טיפּיש, ניט=אויסטיילעוודיק.
% ער איז אַ דורכשניטלעכער תּלמיד, טיילט זיך ניט
אויס מיט באַזונדערע טאַלענטן. ס'איז געווען אַ
דורכשניטלעכע פֿאַרשטעלונג.

1930 " דאָס איז דאָס לעבן פֿון אַ דורכשניטלעכן אַלטן
ייִדישן עמיגראַנט |...|". איינהאָרן, 138,7. 3695

1959 " דער דורכשניטלעכער לייענער רוט זיך אָפּ דערביי,
ער דאַרף זיך ניט אָנטאָן קיין כּוח און עס איז אים 3691
ניט לאַנגווייליק". ניגער, 9, 263.

1206 דור-

|| דורכשניטלעכקייט - די. 1. אייגנשאפט פון זיין דורכשניטלעך, ב' 2.

2. מצ. =ן. דורכשניטלעכער מענטש. % דער אנסאמבל באשטייט פון סאמע דורכשניטלעכקייטן, קיין איין שפּילער האט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט באזונדערן טאלאנט.

1207 דור-

ד ו ר כ ש נ יי ד ן – טרוו, פֿאַר דורכגעשניטן.

1. דזוו איבערשנײַדן, ב׳ 1. % דורכשנײַדן די קלאַץ אויף דער העלפֿט. ער וויל דורכשנײַדן דעם בויגן פּאַפּיר פּונקט אין מיטן. מע האָט דורכגעשניטן די דראָטן.

1960 " |...| אַ באַנדזעג, אויסצושנײַדן קרומע טיילן און דורכשנײַדן קליינע שטיקלעך האָלץ". ל. זאַמעט, 3708/1
פֿער 90, XX־3, ז׳ 107.

2. דורכהאַקן/דורכזעגן, דורכגראָבן (אַ וועג, אַ קאַנאַל). % דורכשנײַדן אַ וועג דורכן וואַלד. מע האָט דורכגעשניטן אַ טונעל אין באַרג.

3. (פֿיג) דורכגיין, דורכציִען (זיך), באַוועגן זיך, דורכדרינגען האַסטיק, שאַרף. % אַ בליץ האָט דורכגעשניטן דעם הימל. אַ געשריי שנײַדט דורך די לופֿט.

1911 " |...| און פלוצלינג שניידט די שטילקייט דורך
א פרעכע שטים |...|". איינהארן, 2א. 3708/2

1945 " א כאר פון טויזנטער שטימען, געוויין |...|
פון מאמעס און קינדער, אדורכגעשניטן מיט בייטשנקנאלן
און רעוואלווער=שאסן". גאזשאנסקי, 1, 37.

1961 " כ'האב יעדע רגע געווארט, א קויל זאל דורכשניידן
מיין קערפער". ש. שלה, יזב 13, 490. 3708

4. (פיג) דורכגיין (דורכפארן, דורכפליִען) אין דער קוועער
פון עפעס. % מען דארף דורכשניידן דאס פעלד, וועט
זיין נענטער. דער קאראוואן האט דורכגעשניטן דעם
מדבר אין דריי טעג.

1907 " |...| פאר נויט |...| זענט איר ניט קליין זיך
דורכגיין מיט א רגלים, ס'איז ניט ווייט,|...| מען 3723
דארף נאר דורכשניידן דעם וואלד". שלום=עליכם, 16, 147.

1926 " אויב אלץ וועט זײַן בײַם גלײַכן, וועלן זײ
דורכשנײַדן דאָס וועלדל, שטיל אַרויספירן די צווײ 3720
קאַבילעס". אַפּאַטאָשו, 5, 110.

1972 " |...| זײ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי טשאַטעס העלע
פּײגל, |...| ווי פֿון וואַרעמע נעסטן אַרויס און
דורכגעשניטן די ווײַסע כמאַרעס |...|". ל. ראַכמאַן,
פּער 38, נ' 76, ז' 104.

5. (פּיג) געפֿינען זיך, ציִען זיך דורך אַן אײבערפֿלאַך,
אַ שטח צעטײלנדיק אים אויף צווײ טײלן. % אַ קײט
הױכע בערג שנײַדט דורך דעם קאָנטינענט. אַ באַן=ליניע
וועט דורכשנײַדן דעם סטעפּ. טיפֿע קנײטשן שנײַדן דורך
זײַן שטערן. דורכשנײַדן דעם גראַדעק מיט אַ דיאַגאָנאַל.
1882 " ווען אײן שטריך ציט זיך פֿון דעם פֿערטן פֿינגער
און שנײַדט דורך דעם קו=השלחן, צײַגט עס מען וועט 3711
האָבן שונאים". גאַלינו, 1, 14.

1210 -דור

1889 „ דער פּלאַץ |...| איז גענוג לאַנג און ברייט, באַפּלאַנצט מיט שיינע וועלדלעך, דורכגעשניטן מיט שאָסייען |...|". דיק, 99א, 3. 3710/1

1972 „ אַ קאַלייקע וועט דורכשנײַדן די שטאָט |...|". מ. דלוזשנאָווסקי, פּער, 155, VIII/12. 3721

|| דורכשנײַדן זיך – 1. רעפל צו דורכשנײַדן, ב׳ 1.

% דורכשנײַדן זיך אַל אָדער.

2. (פּיג) דזוו דורכשנײַדן, ב׳ 3.

1914 „ פֿון הינטער אַ הויכן ווינקל האָט זיך דורכגעשניטן אַ שמאָלער פּאַס ליכט". מ.ריבקין, 1, 311. 3727

1926 „ ער האָט אַרײַנגעלייגט צוויי פֿינגער אין מויל און אַ פֿײַף האָט זיך דורכגעשניטן". אַפּאַטאָשו, 5, 112. 3715

3. (פיג) דזוו דורכשניידן, ב' 4.

1906 " מיט אייזן=שטאלענע טריט האט ער זיך איבערן
מארק אדורכגעשניטן". ווייסענבערג, 1, 18. 3732

4. (פיג) אויסטיילן זיך, ארויסקומען בולט.

1973 " פון ערגעץ ווייט האבן זיך דורכגעשניטן די
קאנטורן פון פויערשע כאטעס |...|". באשעוויס,פער 28/IV,155. 3729

5. (פיג) ארויסבאקומען זיך, דורכשלאגן זיך (וועגן
ציינדלעך ביי קליינע קינדער). % צוויי ציינדלעך
האבן זיך שוין דורכגעשניטן.

6. (פיג) קרייצן זיך (וועגן ליניעס, וועגן).
% פאראלעלע ליניעס שניידן זיך ניט דורך קיין מאל.
ביי דער קרעטשמע שניידן זיך דורך צוויי וועגן.

1212 דור-

6. (פיג) קרייצן זיך (וועגן ליניעס, וועגן).
% פאראלעלע ליניעס שניידן זיך ניט דורך קיין מאל.
ביי דער קרעטשמע שניידן זיך דורך צוויי וועגן.

0 דורכשנייד=אקער - דער, =ס. (נש). 1. מין שמאלער אקער ארומצושיטן געוויקסן.

2. (עלט) אמאליקער הילצערנער אקער |מארק ווב 1027|.

רעד: מארק טייטש עס פון פוילישן וואָרט radło ניידיק?

(?נ?) דורשניידבוס - דער, =ן. (אמ) אויטאבוס וואס שניידט דורך א געגנט, א שטאט |סטוטש 175|.

דורכשנײַד=מעסער - דאָס/דער, =ס. (גלעזערײַ) מין מעסער פֿון א גלעזער |סטוטש 161|.

דורכשנײַדפּונקט - דער, =ן, (געאָמ) פּונקט אין וועלכן שנײַדן זיך דורך צוויי ליניעס |סטוטש 54|; שניטפּונקט.

דורכשנײַדן זיך א וועג - דערגרייכן אַ מעמד, אַ קאַריערע.

~~2. בײַקומען שטערונגען.~~

ד ו ר כ ש נ י ר ל ע ן – 1. טרוו. דורכציִען שנירלעך.

% דורכשנירלען די אקטן און פֿארחתמענען מיט טריוואקס.

דורכשנירלען די שיכבענדלעך אין די לעכלעך.

2. אוטוו. (שנש) דורכגיין ,דורכציִען זיך ווי א שנירל.

1936 " |...| אין קרומען פֿירעק צווישן צוויי הכנהדיקע

דערפֿלער,// ווען נידעריק נעבן זיי פֿלעגט דורכשנירלען 3734

דער באַן,|...|// פֿלעג איך מיט ציטער וואַרטן, וואָס

קומט אָן פֿון דאָרט |...|". מאלאדאווסקי, 1א,לידא מצבה".

דורכשנירלען זיך – אוטוו. (שנש) דזוו דורכשנירלען,ב׳2.

1970 " דאָס עיקרדיקע וואָס האָט זיך דורכגעשנירלט

איבער אַלע שאַפֿונגען פֿון א.מ. בערנשטיין, איז געווען 736

דאס איינהאלטן דעם עכט טראדיציאנעלן יידישן טאן".

פֿאטער, 1, 67.

1215 דור -

ד ו ר כ ש נ י ר ן - טרוו. דזוו דורכשנירן,ב'1.

1866 " דעריבער דארף מען אלע חודש איבערזען די

דורכגעשנירטע ביכער און די קאסע פון דער חברה". 3734/2

פער 177, נ' 49, ז' 749.

1216 דור־

ד ו ר כ ש ע ר ן – <u>טרוו,</u> <u>פאר דורכגעשארן/דורכגעשוירן</u>.

1. שערנדיק צעטיילן אויף דער העלפט. % <u>דורכשערן</u> דאס פאפיר אין דער מיט. בעתן חנוכת־הבית האט דער פרעזידענט <u>דורכגעשוירן</u> די לענטע ביים אריינגאנג.

2. שערנדיק מאכן א פריי ארט אין עפעס. % צו דער אפעראציע <u>האט מען דורכגעשוירן</u> א היפשן בלויז אין די האר.

3. שערן במשך פון א געוויסער צייט. % דער פריזירער <u>פלעגט דורכשערן</u> גאנצע טעג שטייענדיק אויף די פיס.

1217 דור-

ד ו ר כ ש פ א ג א ט ע וו ע ן - טרוו. (שנש) איבערבינדן

מיט שפאגאט.

1943 " |...| די קעפ פארפאקט אין שמאטעס און אין

3737 טראלדן, // די קישקעס - דורכשפאגאטעוועט מיט שטריק |...|".

מארקיש, 8, 124.

1218 דור־

דורכשפּאַלטן – טרוו. פֿאַר דורכגעשפּאַלטן.

1. שפּאַלטן אויף דורך און דורך; צעשפּאַלטן.

% דער קליין האָט געהאַלפֿן דורכשפּאַלטן דאָס קלעצל.

דער בליץ האָט דורכגעשפּאַלטן דעם אַלטן דעמב.

2. (פֿיג) עפֿענען. % זיין תפילה שפּאַלט דורך די טויערן פֿון הימל.

1898 " עס איז ניט פֿאַראַן אַ חטא וואָס עס זאָל ניט העלפֿן תשובה, דען תשובה שפּאַלט אַדורך אַלע הימלען". 3741

י.ל. מאַרגענשטערן, 3, 15.

דורך שפּאַלטן.

1. <-----

1610 " אלש דש דא אישט קילואט קלואן אונ' גישפאלטן דורך גישפאלטן צווייא קלואן". טייטש=חומש, דברים, יד – ו'. 3740/1

1219 דור־

1716 " |...| די פייל ווערט זיין לעבר <u>דורך שפאלטן</u>".

3739 <u>חובות הלבבות, דף קא.</u>

1220 דור-

ד ו ר כ ש פ אַ ן - דער, =ען. (שנש) אַקט פֿון דורכשפּאַנען; דאָס דורכשפּאַנען.

1959 " ער שטעלט זיך אָפּ אין דער מיט פֿון זײַן

3744 דורכשפּאַן". לייוויק, 13, 324.

ד ו ר כ ש פ א נ ע ן - אוטוו. 1. שפּאַנען דורך עפּעס.

% דורכשפּאַנען דעם הויף. ער האָט דורכגעשפּאַנט דורך

דער שוועל.

1916 " |...| דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסן |...|

3750/1 ליכטיקן קאָרידאָר, איז מען אַרייַנגעקומען אין אַ

|...| פּריצישער שטוב מיט געוועקסטע פּאָדלאָגעס".

שלום=עליכם, 37, 150.

1929 " ער שפּאַנט דורך דעם גרויסן שפּיטאָל |...|".

3750/2 בעל=מחשבות, 2, 50.

1972 " קאָרס פּאָרן, אָבער זי שפּאַנט דורך די גאַס מיט

3749 אַ זיכערקייט, אַז זיי וועלן איר נישט טאָן קיין

שלעכטס". באַשעוויס, פּער 155, 21/X.

2. שפּאַנען במשך אַ געוויסער צייַט. % דער משולח האָט

אַזוי דורכגעשפּאַנט דעם גאַנצן טאָג, ביז ער האָט געטראָפן

אַ קרעטשמע.

ד ו ר כ ש פ אַ צ י ר - דער, =ן. (שנש) אקט פון

דורכשפּאַצירן זיך; דאָס דורכשפּאַצירן זיך.

1956 " אין קויט זאָל שטעלן זיך דער מערדערישער טראָט,//

3751 קאָן צייכן זאָל פון לעצטן דורכשפּאַציר ניט בלײַבן".

מארקיש, 10, 212.

1970 " |...| אַ מבול פון בלוט, אַ היטלעריסטישער דורכשפּאַציר

3753 איבער דער וועלט". י. גלאַטשטיין, פער 69,III/15.

1223 דור-

דורכשפּאַצירן (זיך) - דורכגייען (זיך)

מיט געלאַסענע טריט, געמיטלעך % דורכשפּאַצירן זיך

אין פּאַרק. (אַ געוויסן שטח).

1930 " |...| און דאַן |...| זאָל ער דורכשפּאַצירן

3757 איר שיינעם גאַרטן אין קאַליפֿאָרניע". איינהאָרן, 7, 240.

1932 " |...| זי האָט אַ פּאָר מאָל איבערן צימער

3756 דורכגעשפּאַצירט |...|". קושניראָוו, פֿער 61, ז' 124.

1967 " אין אַזאַ מילדן מאַי=אויפֿדערנאַכט איז גוט

3754 איין=אַליין |...| זיך דורכשפּאַצירן, אַרייַנגעטאָן אין

מחשבֿות". נ. זאַבאַרע, פֿער 131, נ' 9, ז' 4.

דורכשפּאַרן - טרוו. 1. מיט כּוח דורכשטופּן

עפּעס. % דורכשפּאַרן די שאַפע דורך דער שמאָלער טיר.

ער האָט קוים דורכגעשפּאַרט דעם קאָפּ דורך די קראַטעס.

1908 " די מאַטעריע |פון אַ וווּנד| זוכט פאַר זיך אַן

אָרט צום אַרויסגיין און |...| זי שפּאַרט דורך 3770

אַ וועג נידעריקער אין ברוסטקאַסטן |...|".

גאָטליעב, 2, 60.

1927 " אין הויז זעלבסט, דאָרט איז טאַקע |זייער ענג|,

ווי מע זאָגט: 'אַפילו אַ קעפּל פון אַ שפּילקע ניט 3768

דורכצושפּאַרן". אַסטרינסקי, 1א, 18.

2. (פיג) דורכפירן, אויספּועלן, מע זאָל אָננעמען(אַ געזעץ,

אַ באַשלוס אד"גל).

1964 " |...| דער ברוקלינער קאָנגרעסמאַן |...| וויל געאײַלט

דורכשפּאַרן דעם 'סיוויל=רײַטס=ביל'". י. רייך, פער 20/!,155 3766

|| <u>דורכשפּארן זיך</u> - רעפל צו דורכשפּארן, ב׳ 1.

% איך דער בהלה האָבן אַלע געוואָלט <u>זיך דורכשפּארן</u>
צום אַרויסגאַנג.

1919 " זיי האָבן אפשר א ביסל שווערער געמאַכט דעם
יידן <u>דורצושפּארן זיך</u> מיט די עלנבויגנס צו דעם באַזעצטן 3777
טיש". <u>זשיטלאָווסקי, 8, 192</u>.

1967 " סוף=כּל=סוף האָט ער דעם טומל דערהערט און
<u>זיך</u> דורכן אָנגעלאָפּענעם עולם <u>דורכגעשפּאַרט</u>". 3771
<u>ע. שעכטמאַן, פער 131, נ׳ 4, ז׳ 7</u>.

/7 <u>דורכשפּארן זיך מיט די עלנבויגנס</u> - דורכשטופּן זיך,
דורכגיין אויף כּוח, מיט חוצפּה.

<u>ער קען זיך דורכשפּארן דורך דעם לאָך פון אַ נאָדל</u> -
וועגן אַן אויסטויגער, אַ בריה, אויך וועגן אַ חוצפּהניק.

1226 דור-

ד ו ר כ ש פּ א ר ן  ז י ך – שפּאַרן זיך (אַמפּערן זיך)

במשך פֿון אַ געוויסע צײַט. % זיי האָבן <u>זיך דורכגעשפּאַרט</u>

שײנע עטלעכע שעה און ביט געקומען צו קיין הסכם.

1227 דור-

ד ו ר כ ש פ י א נ י ר ן - טרוו. שפּיאַנירן אומעטום, אַלץ, פֿולשטענדיק |מארק ווב 986|.

% געהיים=אַגענטן האָבן דורכגעשפּיאַנירט די גאַנצע געגנט.

1228 דור-

ד ו ר כ ש פּ י ג ע ו ו ע ן – טרוו רוב גענוצט אין פּאַסיוו.

אַנפּילן, אַנפּאַקעווען פולשטענדיק, אין גאַנצן.

1902 " |...| צוויי גרויסע מאַנדלען, שוואַרצע,

גלאַנציקע, דורכגעשפּיגעוועט מיט יאָדערן פון ניסלעך 3782

|...|". שלום־עליכם, 17, 90.

ד ו ר כ ש פּ י ז ל ע ן - טרוו. דורכשטעכן, דורכלעכערן
(ווי) מיט שפּיזלען.

1958 " ער שפּיזלט דורך איר פּאַטעטישע ניט=דערגאַנגענקייט
|...|." מ. וויטיעס, פּער 166, VI/1. 3783

רעד: כ'זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע,
ווי כ'ווייס וואָס ער מיינט...

ד ו ר כ ש פּ י ז ן – טרוו. 1. דורכשטעכן (ווי) מיט אַ שפּיז.

1927 " עס האָט אין די טויזנטער שאול געשלאָגן,// די

3785 צענדליקער טויזנטער האָט דוד דורכגעשפּיזט".

ווינטשעווסקי, 3, 227.

1962 " ווי אַזוי האָט דאָס ווייכע, צאַרטע גרעזעלע

3787 געקאָנט דורכשפּיזן |דעם באָדן| און זיך אַרויסברעכן

אויף דער אייבערפלאַך?". י. עלבערג, פּער 9, ר"ה=נומער,

ז' 49.

2. (פּיג) דורכדרינגען שאַרף, שפּיציק.

1921 " עס שפּיזט דעם חלום דורך אַן אויפגעלאָך//

3790 פון פיל מנינים אויפגעוועקטע שטראַלן".

בראָדערזאָן, 5, 43.

1231 דור-

// ווי אויף אַ מעסערס אַנגעשאַרפטער דינקייט" |1945?|

האָט ער געצויגן אויף באַגראָזטן פליין// און דורכגעשפּיזט 3789

דעם אינהאַלט פון דער גרינקייט |...|". סוצקעווער,176,2.

/7 דורכשפּיזן מיטן בליק (וואָר: מיט די אויגן) -

אַנקוקן זייער שאַרף, שטרענג.

1232 דור–

דורכשפּייזן זיך – 1. דורכקומען מיט שפּייז אַ געוויסע צײַט. % דעם גאַנצן ווינטער האָבן זיי געמוזט זיך דורכשפּייזן מיט קאַרטאָפֿל.

2. זיך מפֿרנס זײַן, פֿאַרדינען אויף שפּייז.

1913 "~~מרנוה~~ מנשה=ציפּע פֿאַרברענגט אַן איינזאַמען לעבן, ווי אַ וואָלקעלאַק, און דאַרף אַליין האָרעווען, פֿינצטערן, 3791

זיך דורכצושפּייזן". בודזאָהן, 3, 26.

1233 דור־

דורכשפּייען - טרוו, פּאַר דורכגעשפּיגן.

שפּייען דורך עפּעס. % דורכשפּייען דורך די ציין.

ער האָט דורכגעשפּיגן דורכן פֿענצטער.

1234 דור-

ד ו ר כ ש פ י ל ן - טרוו. 1. שפּילן (אַ מוזיקאַלישע שאַפונג) ביזן סוף, פאַרענדיקן שפּילן. % זי שפּילט דורך דעם עטיוד עטלעכע מאָל.

2. שפּילן (אין קאָרטן א"א שפּילן) אַ געוויסע צייט. % זיי האָבן דורכגעשפּילט אין קאָרטן אַ גאַנצע נאַכט.

1235

דורכשפּירן - טרוו. (אויס)שפּירן, (אויס)פֿאָרשן (?נ?)

אויף דורך און דורך.

1884 " די אויגן, וואָס ווילן יענעם דורכשפּירן,

3796 געפֿינען זיי אָפּט מער, ווי פֿל זיי האָבן געגאַרט צו וויסן".

איבן ליניעצקי, 1, 32.

1236 דור-

ד ו ר כ ש פ ר אַ צ ן - **אוטוו.** (ארויס)שפּראַצן דורך

עפּעס. % דורך די שפּאַלטן צווישן די שטיינער

שפּראַצן דורך ווילדגראָזן.

1237 דור–

ד ו ר כ ש פ ר ײַ ז ן  –  אוטוו. 1. דורכגײן מיט גרויסע טריט דורך/פֿאַרבײַ עפּעס. % דורכשפּרײַזן דורך דעם הויף.

1895 " שׂרה=גרונע גיט אַ געגעץ,// ווײַל די ליבע האָט אַ גרעגעץ,// און אַ גרעגעץ דורכצושפּרײַזן מוז מען די מטבע ווײַזן". שאַרקאַנסקי, 1, 47.

1921 "אט גײ איך אויף דער זונזײַט,// קאַרג איז מיר די פּיס// אַזוי פֿיל הערע גאַסן//דורכצושפּרײַזן". 3840/1 סעגאַלאָוויטש, 6, 75.

1971 " אַ טײל תּפֿילים |...| האָבן דורכגעשפּרײַזט הין און צוריק מיט אַ וואַכנדיקן גאַנג און פֿאַרטראַגענע מחשבות". 3803 גראַדע, פֿער 17/VI,69.

2. שפּרײַזן במשך פֿון אַ געוויסער צײַט. % דער אַרעסטאַנט שפּרײַזט דורך גאַנצע שעהען אין זײַן קאַמער.

1238 דור-

(?נ?) דורכשפרייטן - טרוו. דזוו אויסשפרייטן.

ד ו ר ש פ ר י נ ג ע ן – אוטוו. פאר: (איז) דורכגעשפרונגען.

1. שפרינגען דורך עפעס. % מע לערנט דעם לייב
דורכשפרינגען דורך א ברענענדיקער רייף.

1888 " זי פלעגט דורכשפרינגען דורכן פענצטער און דורך
3809 די גערטנער אוועקגיין צו די |דער| אימעניע".
לעוויץ, 1, 61.

1926 " עס האט זיך געהערט א שיסערײַ. זאנוול איז
3807 אראפ פון פערד, געבליבן ליגן אין א טײַך בלוט.
די פערד זענען דורכגעשפרונגען, אים צעטראטן".
אפאטאשו, 5, 53.

1966 " קיין שטויב – ניט דורכשפרינגען,// קיין פרעמדע
3806 שײַן ניט דורכדרינגען,// ניט צופאלן קיין טרער".
האלקין, 4, 21.

1240

2. גיך דורכלויפן/דורכפאָרן אַ געוויסן מהלך (צוליב אַ סכּנה, אויסמײַנדיק עפּעס). % מיר זענען גיך דורכגעשפּרונגען דעם באַשאָסענעם וועג.

3. (פיג) אַרײַנבאַקומען זיך אויף אַ פּאָסטן, אין אַן אינסטיטוציע. % אומגעריכט איז ער דורכגעשפּרונגען אין פּאַרלאַמענט.

1929 " |...| בײַ דער פּאַרטיי=רייניקונג |...| געוויס וועט ער דורכשפּרינגען. אַנדערש האָט געטראַכט ראַשע: געוויס וועט ער ניט דורכשפּרינגען". טײַטש, 3, 87. 3810

דורכשפּריצן - 1. אוטוו. שפּריצן דורך עפּעס.

% דאָס וואסער האָט דורכגעשפּריצט דורך אַ לעכל אין קראַן.

2. טרוו. שפּריצנדיק דורכרייניקן.

1908 " עס עקזיסטירט אויך דער אַזוי גערופֿענער בלעכענער
קליסטיר, מיט וועלכן מע קען דורכשפּריצן דעם חלל פֿון 3814
דעם פּרויען=אָרגאַן |...|". לעססער, 1, 42.

|| דורכשפּריץ - דער, =ן. דזוו דורכשפּריצונג.

דורכשפּריצונג - די, =ען. אַקט פֿון דורכשפּריצן.

1930 " די קינסטלעכע פֿארהיטונג=מיטלען קענען זיין
כעמישע אָדער מעכאַנישע |...|. זיי ווערן אַנגעווענדט 3812
אין פֿאָרמען פֿון דורכשפּריצונגען (פֿון אַן איריגאַטאָר)
אָדער אין פֿאָרעם פֿון טאַמפּאָנענס". פּער 151, נ' 12.

1242 דור־

ד ו ר כ ש פ ר ע כ ן – טרוו. (עלט) דזוו אפשפרעכן.

1888 "|...| די דריטע |שכנה| איז זיך גאַר מיישב

3816 און הייסט רופן דעם טאַטער, ער זאָל אַ ביסעלע דאס

קינד דורכשפרעכן |...|". י. טשערני, פער 74, נ׳16, ז׳473.

1243 דור-

דורכשרײַבן זיך - קזוו, פֿאַר דורכגעשריבן (זיך).

שרײַבן אײנער צום אַנדערן, פֿאַרשטענדיקן זיך שריפֿטלעך.

% דורכשרײַבן זיך מיט אַ קרוב אין אַמעריקע.

1929 " וועגן פֿיל זאַכן |...| וועלן מיר זיך דאַרפֿן

דורכשרײַבן". טייטש, 3, 52. 3820

1957 " די צדדים האָבן זיך דורכגעשריבן און מען איז

געקומען צו אַ הסכם אויפֿן שידוך". איבן אג, ליקוטי דיבורים, 3818

דף קב״ו.

1244 דור-

דורכשרײַען - אוטוו. פֿאַר דורכגעשריִען/דורכגעשריגן.

שרײַען דורך עפּעס. % דער אַרעסטאַנט האָט עפּעס

דורכגעשריגן ~~די~~ דורך די קראַטעס, אָבער מען האָט ניט געהערט וואָס.

|| דורכשרײַען זיך - אוטוו. שרײַען אַ ביסל, אַ געוויסע

צײַט. % זאָל ער זיך דורכשרײַען, וועט ער זיך

באַרויִקן.

1948 " |...| ער האָט געלאָזט דער ייִדענע זיך דורכשרײַען".

י.י.שוואַרץ,3,198. 3822

1245 דור-

~~דורכשרפן~~

~~דורשרפען~~ |דורכסארפען| - טרוו, ס'רוב אין פאסיוו.

(שנש) דורכברענען שטארק.

1948 " באטראכט האט פערעליאט דעם עמער פון דער זייט,//

באוועגט ביי אים האבן זיך, דורכגעשרפעטע, די ליפן". 3823

מארקיש, 9, 70.

1246 דור־

ד ו ר ל ע ן |דאָרלען| ז י ך - אוטוו. (שנש) קומען א דור נאָך א דור.

... " די שטעט וועלן אָפּוואַקסן - ציגל אויף ציגל,//

1561 און גלייך מיט די שטעט וועלן דורלען זיך קינדער".

סוצקעווער, ..... 570.

ד ו ר מ אַ ן - דער, בא. 1. (באַט) גיפטיק גראָזגעוויקס מיט אַ פֿאַרשיכּורנדיקן, פֿאַרטויבנדיקן ריח

(Datura Stramonium Joll),

ווערט אויך גענוצט אין מעדיצין.

uk/R: дурман

1887 " דער קויפֿמאַן האָט דעם פּאַפּיראָס פֿאַררויכט |=פֿאַררייכערט| און איז קורץ דערויף אײַנגעשלאָפֿן (ווי עס שײַנט, 1659

איז דער פּאַפּיראָס געווען צוגערויכט מיט דורמאַן)".

פער 74, נ' 16, ז' 241.

1965 " צווישן די ווילדוואַקסן, וואָס מען קען אָפֿט באַגעגענען אויך אין גאָרטנס |?|, געפֿינט זיך דער גאָר ניט= 1660

שמעקנדיקער דורמאַן". י. וואַלאַך, פער 69, 29/III.

2. (פֿיג) עפּעס וואָס ווירקט פֿאַרשיכּורנדיק, פֿאַרטויבנדיק.

% חניפֿה איז אַ דורמאַן, וואָס נעמט צו דעם שׂכל=הישר בײַ דעם מענטשן.

1248 דו־

1914 " אמעריקע איז אַזאַ מין שיפּרות, אַן אַפּיום,

1661 א דורמאַן, ווער עס האָט זיך א ביסל צוגעוווינט צו

דעם, קען זיך שוין מער ניט אָפּגעוווינען פון דעם".

ל. מיללער, 1, 22.

דורמער - ----> דא(ארום).

(?נ?) ד ו ר ן |דאָרן| - טרוו. (שנש) שאַפֿן, ברענגען צום לעבן
א דור.

1967 " ווער האָט אַ נאַכט אַזאַ גענאַכט?// ווער האָט אַ דור
1662 אַזאַ געדורט?". אהרן צייטלין, 6, 26.

(?נ?) דורניטשקע - די, =ס. (ס׳רוב אין מצ).

1. " קלייניקייט, נארישקייט, געניצט אין דער פראזע:

1663 גיב אים דורניטשקעס, געמיינט געבן עפעס פאר גארנישט"|קטוור|.

2. "אן אנלייגער, פאראזיט"|קטוור|.

1252 - דו

ד ו ר נ י ע ס - די, במ. "מיך קאַרטנשפּיל" |קטוו| . (?ב?)

רעד: מסתמא דאָס אייגענע וואָס דוראַק, ב׳ 2.

1253 - דו

(?נ?) ד ו ר נ י פ ּ י א ַ ן - דער, בא. (באַט) דזוו דורמאַן.

Ук: дурнопʼян

................................................

רעד: איך קאַרטל, וואָס פֿאַררופֿט זיך אויף עפּעס אַ

טערמינאָלאָגיע 5, איז אָנגעגעבן דער וווסנ: Papaver

Somaiferum, אָבער דער אוקראַיִנישער ווערטערבוך גיט

בפירוש אָן Datura Stramonium,

אַזוי ווי ביַי "דורמאַן".

........................

און איך פֿאַרלאָז זיך מער אויפֿן ווערטערבוך...

................................................

ד ו ר נ*י צ ע I - די, =ס. (באַט) קוסטגעוויקס|קטוו|.

) ווסנ *Vaccinium uliginosum*

אָדער *Vaccinium myrtillus*. 1666

В: дурніцы, Ук: дурниця.

1255 דו –

(?נ?) ד ו ר נ י צ ע II – די, =ס. (סל, נא) 1. א נאַריש מיידל/

1667 פּרוי.

1668 (?נ?) 2. קליינצקייט, אונאַרישקייט, וועגן אַ זאַך.

В: дурніца, Ук: дурниця.

ד ו ר ס |דויערס| זיין - טרוו, פפּ דורסן.

1. צעטרעטן, צעקווועטשן. % דאָס פערד האט דורס געווען דעם הונט מיט די קאָפּיטעס.

2. צערייסן אויף שטיקער (א לעבעדיקע באַשעפעניש). % דער שפּאַרבער איז דורס דאָס קליינע פייגעלע.

1883 " איך טו נאָר טון רעדן פון ווילדע חיות, וועלכע זענען דורס און מזיק הונדערטער מענטשן". 1670
לינעצקי, 7, 23.

1953 " אַלע ראַציאָנאַליסטישע גאָט=וועלט=אַדוואָקאַטן |...| וואַלטן מסתמא געווען גרייט פאַר אַזא וווּלגאַריטעט 1671
אים דורס צו זיין". ה. גרינבערג, 2, 118.

3. (צע)שטויסן, (צע)שטערן מיט הערנער.

1257 דו-

1864 " |...| איז מיינער צוגעגאנגען אויף דער גאס

צו אַ קו, און בשעת איך האב מיר גענומען אריינקוקן 1672

מער אין די אויגן, האט זי מיך דורס געווען מיט

אירע הערנער". מענדעלע, 6.

ד ו ר ס ן |דוירעסן| - אוטוו. דזוו דורס זײַן, אלע ב"ב.

... " פון דעם איז נאָר איין טריט צו דער מיינונג,

אַז אַ 'משוגעת' איז אַ מיצווה צו שלאָגן, צו דורסן 1677

|...|". פּרץ, 12, 404.

1932 " צי אָפּ, - באַפעלט ער, - וואָרעם כ'וועל דיך דורסן!".

י.י.זינגער, 5א, 120. 1678

1972 " |...| די לצים וועלן דאָך, חלילה, דורסן

די קינדער". צאַנין, 3, 226. 1679

ד ו ר ע ן |וויבער"נ"| - דער, מצ דורניעס. (סל, נא)

נאר, שוטה, טיפש. ИК: дурень; P: dureń

|אנהייב XIX| אוי, איז דאס א נאר, א חוזק, א פעטיעק,

1653 א דורען |...|, איך האב, כ'לעבן, רחמנות אויף

פעסיניון". אקסענפעלד, 3, 274.

1931 " ניין, זיי זיינען 'דורניעס', פשוטע רוסישע נאראנים".

1654 ברעגמאן, 1, 260.

1953 " גאווריל, ביסט א גרויסער דורען, א טיפש

1688 ווער האט דאס דיר דערציילט אזא בייקע?".

ברוסילאוו, 1, 33.

שוו: אך ערב איז א דורען |סטוטש 475|.

רבות מחשבות בלב איש, דורען דומקאיו באַטשַעט

[= א נאר ווערט קליגער, אויב ער טראכט (הרופה). (קליג)]

ד ו ר ע ן II - טרוו. (סל, פטמ) צעטומלען, מבלבל, זיין,

פארדרייען דעם קאפ, נודיען.

1908 " פון איין זייט שטייט אימער |=תמיד| די נויט

און זי דורעט, // פון צווייטן דער אלטער 'מנוּוול' 1692

און בורעט". ראזענפעלד, 2, 274.

1958 " |...| האט אויף קיין רגע, די גאנצענע צייט,//

וואס ער האט גערעדט און געדורעט, // ניט אויפגעהערט 1693

היטן דעם וואלף פון א זייט // דורך ווינקלען פון

אויגן פארזשמורעט". אלף כץ, 3, ליד "דער וואלף און

די ציג".

/7 דורען א /דעם קאפ (וואר: א מוח, א ספאדיק, א קריזש) -

צעטומלען, (פאר)דרייען דעם קאפ, נודיען.

... " איך האב דיר ביז אהער געדורעט דעם מוח".

1696 דיק, פער 94, ז' 154.

1878 " |...| בנימין פלעגט אים דורען א קרידש".

1694 מענדעלע, 16א, 91.

1913 " |...| איר קומט אים ווייטער דורען דעם קאפ

1665 מיט אייערע שידוכים". בודזאהן, 3, 4.

1930 " וואס דורעסטו א קאפ?". רויזענבלאט, 3, 51. 1697

1263 - דו

ד ו ר ק ע ן - טרוו. (אוק, נא) שטויסן. ווס:דורקע|סטוטש183|. (?ב?)

Ик: дуркати.

% "ער דורקעט מיט די פּיס. הער אויף צו דורקען איך וונט"|קטוו|.

ד ו ר ש |דוירעש| זייַן - (לל) געניצט ס'רוב

אין צונויפהעפטן. ווינטשן/

פאַרלאַנגען עפּעס פֿאַר עמעצן, אַרויסטרעטן פֿאַר עפּעס/עמעצן.

**דורש בשבחו/בשבחם** |בישוואַכו/בישוואַכאַם| זייַן - 0

לויבן, זאָגן גוטס אויף עמעצן. % אַלע האָבן דורש בשבחו

געווען אויף אים, אַז ער איז אַן אָרטלעכער סוחר.

**א דורש בשלומו/בשלומם** |בישלוימו/בישלוימאַם| זייַן -

ווינטשן יענעם גוטס.

1902 " די נגידים זאָלסטו אָפּגעבן כּבוד, |...| בעלי=

טאַקסעס, |...| זאָלסטו אַ דורש בשלומם זייַן". 1706

לעווינזאָהן, 1, 49.

**א דורש טוב** |טאָוו| זייַן - דזוו דפוו.

1708

1939 " זי די לערערין איז דאך אים געווארן און געבליבן א דורש טוב". מ. אלטמאן, 4, 95.

א דורש טוב לעצמו |~ לעאצמוי| - אן אייגננוציקער מענטש, איינער וואס האט אין זינען נאר זיך אליין.

% ער דרשנט טאקע שיין, אבער ער איז א דורש טוב לעצמו, ער מיינט זיין אייגענעם אינטערעס.

דורש וחוקר זיין - <--- חוקר ודורש זיין.

ם דורש ברבים |בעראבים| זיין - פרעדיקן, האלטן דרשות פאר א ציבור.

?

1736 " עטוואז דורש ברבים זיין - עטוואס פאר פיל פרעדיקן". קאלענבערג.

דורש בשבחו זיין.

1734 " |...| ובטוח אני דש |...| כולם כאחד ווערדן דורש בשבחו הבין גוועזן". לשון זהב, דף 1.

1267 דו -

ד ו ר ש ט - -----> דארשט.

1268 דו -

ד ו ר ש ט י ק ( יי ט ) - ----> דארשטיק(ייט).

ד ו ר ש ט ן - ----> דארשטן.

ד ו ר ש ל א ג - ----> דורכשלאק.

ד ו ש – דער, =ן. 1. מכשיר צו באשפריצן מיט א וואסערשטראם
דורך קליינע לעכעלעך; שפריץ. % עטלעכע לעכעלעך
פון דוש זיינען פארשטאפט.

2. היגיענישע אדער היילונג=פראצעדור, וואס באשטייט אין
באשפריצן (זיך) מיט א שטארקן וואסערשטראם, וואס
פלייצט ארויס פון א רער מיט קליינע לעכעלעך.
% א קאלטער/ווארעמער דוש. נעמען/ מאכן זיך א דוש.
אפפרישן זיך מיט א דוש.

1864 " שוויצבעדער, וואנעס און דושן קריגט מען טעגלעך
1722 בין אין דער שפעטער נאכט". פער 177, נ' 30, מודעות.

1955 " איך קער זיך צוריק מיט שטיל געזאנג אהיים.//
1723 דארטווארט א קאלטער דוש". מאניק, 1א, 35.

דושאָגוב - ----← דושעהוב(ניק).

1273

(?נ?) ד ו ש אַ ר - בנב.

1725 1935 " קום, אַלטער דושאַר, קום דרויסן". הירשביין, 6,684.

........................................................

רעד: ס'קאָן זײַן ס'איז גאָר אַ נאָמען, און אפשר איז
פֿאַרגרײַזט. מע דאַרף זען דאָס אַ גרעסערן קאָנטעקסט
אין בוך, וואָס איך האָב דאָ ניט.

........................................................

1726

ד ו ש ל י ו ו ע - ----> יאדישליווע.

..................................................

רעד: דאס וואָרט איז פֿון אַ זאַמלער, מיט אַ דערקלערונג:

"קורצער אָטעם". מיגלעך, אַז דער זאַמלער האָט שלעכט

געהערט, שלעכט פֿאַרגעדענקט דעם אַרויסרייד.

..................................................

1275 דו-

ד ו ר ש ל י נ ע - די, בא. (פּטמ) די קראַנקהייט אַסטמע|סטוטש420|.

ד ו ש נ י ק — דער, =עס. |סטוטש 254|.

1. איינריכטונג אין א הייצאויוון צו רעגולירן דעם צוגאנג פון דער ווארעמער לופט; ליוכטע.

B: душник; R: душник.

1961 " מיט יארן צוריק האט ער |דער בלעכער| אין שטעטל געמאכט דושניקעס צו קוימענס, ריבאייזנס און רינוועס". 1728

א. גובניצקי, פער 131, נ׳ 2, ז׳ 18.

........................................................

רעד: פון סטוטשקאווק איז ניט קלאר, ווו ס׳איז דער אקצענט אויפן ווארט, צי ער איז ווי אין רוסיש/ווייסרוסיש. ביי אונדז אין לויצק האט מען ניט גענוצט דאס ווארט. אויך ווייסט מען ניט צי אין יידיש רעדט מען ארויס דעם צווייטן וואקאל: u אדער ы, ס׳ווענדט זיך טאקע אין אקצענט....

........................................................

1277 

2. " אַ טיפער פירעק, איינגעבויט אין דער הרובע, צום אַנוואַרעמען דאָס עסן אָדער עס אַרײַנשטעלן הייסערהייט עס זאָל ניט אויסגעקילט ווערן" |קטוו|.

.................................................................

רעד: כ׳מיין אַז דער זאַמלער האָט דאָ פאַרמישט מיט "דוכאַווקע".

.................................................................

1730

ד ו ש נ ע – אַדי/אַדוו. 1. דורכגעזאַפּט מיט וואַרעמער
פֿייכטקייט (וועגן לופֿט, אַטמאָספֿער). % אין דרויסן
איז אַ שטייענדיקע דושנע לופֿט. ס'איז אַ הייסער דושנע
זומערטאָג.

Uk: душно, душний; P: duszno.

... " די גראָע רירעוודיקע נעפּלען קלויבן זיך צוזאַמען
אויף אַ שוואַרצן וואָלקן. עס איז דושנע, עס וועט 1733
פֿאַלן אַ שטאַרקער רעגן, ער שיקט זיך שוין אָנזאָגן דורך
עטלעכע דיקע טראָפּן". פּרץ, דערצ' די אַלמנה.

1928 " עס איז געווען דושנע , די פֿייגל האָבן זיך
געבלאָזן און צוגעקנאָקט מיט די שנאָבלען". 1734
מ. קולבאַק, 2, 595.

1972 " דער טאָג איז אויך געווען אַ שטיקנדיק הייסער
און דושנער". ראָזענפֿאַרב, 3, 551. 1735

2. אַן געגנוג פֿרישער לופֿט. % די פֿענצטער זײַנען פֿאַרמאַכט, איז דושנע, מ׳קען דעם אָטעם ניט כאַפּן. צוואַנציק ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן אין געטאָ אין אַ דושנע קעלער.

1868 " ביי נאכט ברענגט מען אים אין |...| אַ צימער,
וואָס די פֿענצטער גייען אַרויס אין פּאַרק, און דאָך איז 1736
אים דאָרט דושנע". פּער 177, נ׳ 38, ז׳ 279.

1910 " |...| פֿון די הונגעריקע דערפֿער,// פֿון די דושנע
שטעט". פּרוג, 1, 68. 1737

1930 " |...| רײַסט זיך אַרײַן דורך אַ פּלוצלונג
אויפֿגעעפֿנטן פֿענצטער אין אַ דושנער שטוב". שניאור, 1,109|169 1738

1970 " די פּיוואַגאַנען, אין וועלכע מ׳האָט אונדז אַרײַנגעפּאַקט
זײַנען געווען ענג און דושנע, ווייל מ׳האָט זיי 1739
איבערגעפּולט |...|". מ. גאָלדבערג, יזב 7, 382.

3. (פיג) שטיקנדיק, באגרענעצנדיק, וואָס מאַכט שווער
צו לעבן.

1886 " עס איז אים נימאס דאָס לעבן, ענג, דושנע,
1741 פּוסט איז די גאַנצע וועלט |...|". שלום=עליכם, 25, 219.

1895 " אינעם רבנ'יזם |טעקסט: רבני₁מוס|, אין די ענגע,
1740 דושנע ד' אמות של הלכה קען שוין אַזוינער געוויס
ניט וועלן אַריינפּליען. לינעצקי, 9, 221.

|| דושנעקייט - די, בא. 1. אייגנשאַפט אָדער מצב פון
זיין דושנע, ב' 1.

1972 " ס'איז געווען אַרום מיטאָגצייט, און די לופט האָט
1769 געשווערט מיט היץ און דושנעקייט". ראָזענפֿאַרב, 1, 263.

2. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זיין דושנע אין ב' 2.

1972 " ער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן די <u>דושנעקייט</u>
1770 פֿון קעלער, |...| ער האָט ליב צו זײַן אין דרויסן".
<u>ראָזענפֿאַרב, 1, 129</u>.

3. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן דושנע, <u>ב׳ 3</u>.

1958 " מע פֿילט שוין די <u>דושנעקייט</u> פֿון דער כמאַרע,
1771 וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט, אויף ייִדן |...|".
<u>ביקל, 1, 348</u>.

דושע - די, =ס. (סל). 1. (עלט) נפש, מענטש, פּערזאָן.

Uk/R: душа

1862 " אין דעם יאָר |...| זאָל זײַן אַ רעקרוטסקי נאָבאָר |=אויפנעם צום מיליטער| צו פֿינף מענטשן פֿון יעדן טויזנט דושעס". פּאָז 177, נ' 2, 17. 1775/1

1873 " |...| אויף אים |האָבן| געמוזט אַרבעטן טויזנטער דושעס. יענע פֿלעגן עסן דאָס שטיקל דאַר ברויט מיט דעם שווייס פֿון פּנים |...|". מענדעלע, 1, קאַנק 67870.

2. נשמה (אין אַ צערטל=ווענדונג, ס'רוב אין פֿקפֿ אָדער אין באַהעפֿט מיטן וואָרט "לעבן", געניצט אָפֿט אין פֿאָלקסלידער.

... " שפּאַצירן דושעס=לעבן זענען מיר געגאַנגען, אַרום און אַרום דעם בולוואַר". פֿל. 1776

... " זאג זשע מיר, דושע=לעבן, מיטן גאנצן הארצן,//
1776 צי ליבסטו א שענערע פון מיר?". פל.

|| דושינקע - די, =ס. פקפ פון דושע, איך ב' 2,
געניצט איך א צערטל=ווענדונג. נשמהלע, טײַערינקע,
ליבינקע. שלום=עליכם, 57,27,

... " וואס איז מיט דיר, דושינקע, געווארן,// וואס
1777 גייסטו אויס ווי א ליכט?". פל.

1900 " איך האב דיך ליב, דושינקע,// גאר אן אן עק,//
1778 איך קאן אזש נישט לעבן אן דיר!". שלום=עליכם, 57,27.

דושעלע - דזוו דפוו.

1778/1 ... " פיר מיך, מײַן דושעלע, אהיים!". פל.

1778/2 ... " נחמהלע, דושעלע, עפן מיר!". פל.

1938 " די לבנה מיט די טויזנטער שטערן,// זיי ברענגען

1779 מיר גערוסן פון דיר,// און איך, איך קאַן דיך נישט

דערגרייכן - מיר זאָל זײַן, דושענקע, פֿאַר דיר!".

פֿל, ציט מאַנגער, 2, 249.

דושעניו - דזוו דפוו.

... " און אַז דו וועסט, דושעניו, דאָס ערשטע קינד

1780 געבוירן,// אַ נאָמען זאָלסטו געבן נאָך מיר". פֿל.

1972 " ווי וואָלט איך געקאָנט אָן די סלאַווישע ווערטער,//

1781 וואָס אײַנגעזאַפּט כ'האָב מיט דעם מילך פֿון מײַן מאַמען,//

אַ זאָג טאָן צו דער, וואָס זי איז מײַן באַשערטע,//

|...|'מײַן דושעניו=סערצע, הער אויסעט דײַן זיאַמען".

טעלעסין, 1, 224.

דושקע - דזוו דפוו.

... " האָב נישט מורא, מײַן דושקע=לעבן, // ס'וועט
1782 דיר גאָרנישט שאטן". פּל.

... " נאָר דו, דושקע, ביסט אײנער,// נאָר דו קענסט
1783 מיר הײלן מײַן הארץ". פּל.

1286 דו -

ד ו ש ע א ו ב נ י ק - ----← דושעהוב(ניק).

ד ו ש ע ג ו ב נ י ק - ----> <u>דושעהוב(ניק)</u>.

ד ו ש ע ג ו ב ק ע - ----> דושעהובקע.

ד ו ש ע ה ו ב ( נ י ק ) – דער, =עס, פּפּ דושאַגוב(=עס), דושעהובעץ(=עס). (סל, פּטמ) 1. הורג=נפש, מערדער, גזלן.

1957 " אַזוי ווי אַ טיטשקע וועלף זײַנען זיי געווען, די דושאַגובן – געברענט און געראַבעוועט די מאַיאַנטקעס, די יידישע שטעטלעך. ברוסילאָוו, 2, 127. 1783

Ик: душогуб (сущ); R: душегуб

2. (פּיג) גרויסער רשע, אַכזר, אויסניצער, אונטערדריקער.

1883 " איך גיי אויסשרײַען אין אַלע גאַסן, אַז איר |חבֿרה=קדישא=לײַט| ,ענט מערדערט, דושעהובניקעס". 1787
מ. ווײַנבערג, פּער 74, נ׳ 11, ז׳ 164.

1962 " דער גמרא=מלמד – אוי, איז דאָס געווען אַ רוצח, אַ קאַט, אַ דושעהובניק – מײַנע רייד זאָלן אים ניט צו שווער זײַן". א. טענענהאָלץ, פּער 155, V, 13. 1788

ד ו ש ע ה ו ב ק ע - די, =ס, פּפּ דושעגובקע. (סל)

1. שמאַל, פֿלאַך שיפֿל, ס'רוב אויסגעטעסעט פֿון איין קלאָץ, אַזוי גערופֿן צוליב דער קנאַפּער שטאַנדהאַפֿטיקייט אויפֿן וואַסער. % דער פֿישער פֿאָרט פֿאַר טאָג אויף זײַן דושעהובקע כאַפּן פֿיש. די דושעהובקע האָט זיך איבערגעקערט, אָבער דער טײַך איז ניט טיף, איז קיינעם גאָרנישט געשען.

1931 " פֿאַר נאַכט פֿלעג איך נעמען אַ דושעגובקע, |...|,
אוועקפֿאָרן אויפֿן מיט פֿון טײַך, פֿאַראַנקערן זיך |...|". 1792
ברעגמאַן, 1, 78.

1939 " דאָס שיפֿל איז איינס פֿון יענע 'דושעהובקעס'
אָדער קוילעטש=שיפֿלעך |...|". שניאור, 4, 344. 1793

2. (שגל) א הערמעטיש פארמאכטער אויטאמאביל, וווהין
מע לאזט אריין דעם אפגעברענטן קוילן=זויערגאז; מיט
דעם גאז פלעגן די נאצים בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה
דערשטיקן זייערע קרבנות .

1945 " דייטשישע געזעצן - ס.ס און געסטאפא; דייטשישע
1796 מאראן - קינדער=קברים און דושעהובקעס". גאזשאנסקי, 1,45.

1953 " די הערמעטיש צוגעמאכטע אויטאס, וועלכע הייסן
1797 'דושעגובקעס' |...| ברענגען שוין פארטיקע קרבנות,
זיי זיינען שוין פארסמט |...| מיטן גאז, אריינגעפירט
דורך א ספעציעלער רער". ז. לעווינבוך, יזב 3, 563.

1292 - דו

ד ו ש ע ן - טרוו. (סל) 1. שטיקן, ווארגן.

% דער הוסט דושעט אים, ער קאן דעם אטעם ניט אפכאפן.

Uk: душити; R: душить; P: dusić.

1886 " פלוצעם דערזעט ער |איך חלום||...| ווי א גרויסע

קאץ גנבעט זיך צו אים |...| שטעקט אים אריין אירע 1801

נעגל,|...| און הייבט אים אן צו דושען און צו ווארגן".

שלום=עליכם, 222,25.

|1931–1926| " מיט איין שפרונג, ווי א חיה, איז ער ארויף

אויפן פאכטער, אים אנידערגעווארפן און גענומען דושען". 1802

אפאטאשו, 10, 60.

1951 " |...| ער כאפט אראפ איין ברענענדיקע לאפע סכך,

טונקט עס אפ אין וואסער און דושעט דעם פלאם=פייער". 1803

שניאור, 7, 21.

2. איינבראטן א שפייז. % דושען ציבעלעס. די בעל=הביתטע

דושעט א קאטשקע אין בראטאיוועלע.

1974 " שאשע האָט געוווּסט גענוי, ווי מ׳קאָכט אַ יויך
1805 און ווי צו דושען אַן איינזידעכץ, ווי צוצוגרייטן
געהאַקטע פֿיש |...|". באַשעוויס, פֿער 155, X /11.

|| דושען זיך – שטיקן זיך, וואַרגן זיך. % מע דושעט זיך
אין אַנגערייכערטן צימער.

1921 " עמעץ ליגט דאָרט, דושעט זיך אין קראַנקן הויז".
1806 ראַוויטש, 1.

1960 " מיר געדענקען די ציטראַטענע שטיקער מענטשן=
1807 בראָכוואַרג, וואָס דושען זיך אין דער ענגשאַפֿט |...|".
מ. גראָס=צימערמאַן,
~~משה=גראָס=צימערמאַן~~ פֿער 38, נ׳ 38, ז׳ 72.

◻ קום מיך דושען מיט אַ חלבן ליכטל! – געמיינט:
קאָנסט מיר גאָרניט טאָן, כ׳האָב פֿאַר דיר קיין מורא ניט
|סטוטש 449|.

פפ דוזשקעט

דושקע I - די, =ס. (סל). 1. הענטל אין דער פארעם
פון א בויגן ביי געוויסע מכשירים, כלים(א שטייגער:
א זעגל, אן עמער, א קיישל, א שווערד) |סטוטש 454,166|.

ук/R: дужка

% די דוזשקע פון עמער האט זיך צעבויגן. זי טראגט דאס
קערבל פרוכט ביי דער דוזשקע.

2. מעטאלענער בויגן, וואס ווערט גענוצט אין קראקעט שפיל.

1932 " א גרופע יונגווארג האט געשפילט אין קראקעט,
|...| געשיקט געקלאפט מיט די הילצערנע האמערס אין די 1785
הילצערנע באלן, וואס זיינען הינקענדיק געשפרונגען
פון איין איזערנער דושקע צו דער צווייטער".
א. קאהאן, 2, 91.

דושקע II - די, בא. "דזוו זאדישקע"|קטוו|.

% |...| און איז אדייך איך א שווערער דושקע,

1887 אין וועלכער ער האט זיך געטרונקען פאר לאנגע מינוטן|קטנו|.

.................................................................

רעד: ביי סטוטשקאוון ניטא "דושקע" אין דעם באטייט.

אויך איך האב א ספק, צי ס'איז טאקע דא אזא באניץ

פון ווארט, אבער דער בייספיל פון אינפארמאנט

|אונטערגע~~לייגט~~ שריבן העש| זעט דווקא אויס ווי א ציטאט

פון ערגעץ...

.................................................................